STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06509

SOVETISHE SHRAYBER

N. Y. Gotlib

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאָוועטישע שרייבער

נ. י. גאָטליב

סאָוועטישע שרייבער

ארויסגעגעבן פון
נ. י. גאָטליב בוך־קאָמיטעט
מאָנטרעאל, 1945

Copyright by

N. J. GOTLIB,

Montreal, Canada, 1945

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין טייערן,
אומפארגעסלאַכן ברודער, דעם רויטאַר־
מייער אייזיק גאָטליב, — געפאלן איז
שלאַכט דעם 3־טן מאַרט, 1943.

די אַרטיקלען, וואָס זענען געזאַמלט אין דעם בוך, זענען אַן אָפּקלייב פון העכער הונדערט קריטיש־אינפאָרמאַטיווע אַרבעטן איבער דער סאָוועטישער, ייִדישער און ניט־ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איך האָב געשריבן אין משך פון די לעצטע צען יאָר (1934 — 1944) פאַר דער ייִדישער פּרעסע.

אַלע אַרטיקלען, סיי די, וואָס גייען אַריין אין דער זאַמלונג, סיי די אַנדערע, האָבן זיך געדרוקט אין „קענעדער אַדלער” און אַ היפּשע צאָל פון זיי האָבן זיך איבערגעדרוקט אין אַ ריי ייִדישע צייטונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פּוילן און ליטע.

שרייבנדיק די דאָזיקע צייטונג־אַרבעטן, האָב איך געהאַט אין זין דער עיקר, דעם אינהאַלט פון די באַהאַנדלטע ווערק. זייער ריין ליטעראַרישן ווערט האָב איך באַרירט בלויז פאַרבייגייענדיק. די סאָוועטישע ליטעראַטור איז דורכוים אַ געזעל־שאַפטלעכע. זי איז ענג צונויפגעקניפּט מיטן סאָוועטישן לעבן. זי טוט געטריי אָפּשפּיגלען דאָס דאָזיקע אימפּעטפולע לעבן. און דאָס איז געווען מיין הויפּטציל: באַווייזן דאָס סאָוועטישע ברויזנדיקע לעבן, פאַרשיידענע פּעריאָדן און ווינקלען פון דעם־אַ לעבן, אין שפּיגל פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

איך ווייס, אַז איך האָב מיין אויפגאַבע ווייט ניט אויסגעשעפּט. די סאָ־וועטישע ליטעראַטור פאַרמאָגט הונדערטער פּען־מענטשן און טויזנטער ווערק. עס איז אָבער אוממעגלאַך אַריינצונעמען זיי אַלע אין איין זאַמלונג. האָב איך זיך דע־ריבער באַמיט אַריינצונעמען אין בוך אַזעלכע ווערק, וווּ אַלדאָס בויערישע און שע־פעריִשע אין דעם גרויסן, מעכטיקן ראַטנפאַרבאַנד ווערט אָפּגעשפּיגלט אַמבולטסטן און אַמטרעפלאַכסטן.

נ. י. גאָטליב

מאָנטרעאָל, מאַרט, 1945.

I

נייסטע ווערק פון איציק פעפער

„אין א מזלדיקער שעה", מלוכה פארלאג, קיעוו, 1941;
„מלחמה־באלאדעס", „אמת", מאסקווע, 1943.

איינער פון די גרעסטנסטע יידיש־סאוועטישע פאעטן איז איציק פעפער. ער האט זיך באוויזן אין די ערשטע נאך אקטיבער־יארן. ער איז נאך דאן געווען זייער יונג. מיטן אלטן לעבן קנאפ־וואס צונויפגעוואקסן, — איז אים אנגעקומען גרינג דאס איבערפלאנצן זיך. און פעפער ווערט איינער פון די מוטיקסטע באזינגער פונעם נייעם, סאוועטישן לעבן. אין טוייק פרישע, ריטמיש זינגעוודיקע לידער רופט ער זיך אפ אויף יעדער דערשיינונג אינעם נייעם לעבן. און דער אפרוף זיינער איז תמיד א הייטערער, א פריידיקער, אן אפטימיסטישער. פעפער איז תמיד יונג, מונטער, קאמף־לוסטיק, — סיי ווען ער דערציילט פון אמאליקע יארן, בעתן בירגערקריג; סיי ווען ער באזינגט די איצטיקע סאוועטישע וואר. אין די ערשטע נאך אקטיאבער־יארן האט פעפער, דער עיקר, געזונגען וועגן בירגערקריג, אין וועלכן ער האט גענומען א גאר אקטיוון אנטייל. פעפער איז דאן געזעסן אין שונא'ס תפיסות, געווען אויסגעשטעלט צו לעבנס־געפאר. צוזאמען אבער מיט דער רויטער ארמיי, און מיטן גאנצן קעמפערישן לאנד, גייט ער ארויס בשלום פון אלע סכנות. — דערציילט פעפער פון דעם אלעם אין זיינע ערשטע לידער־ביכער: „וועגן זיך און אזוינע ווי איך", „פראסטע טריט" און „א שטיין צו א שטיין". אין דריטן בוך נעמט שוין דער דיכטער באזינגען די שפעטערע יארן, ווען דאס חרובע לאנד נעמט זיך אויפבויען. אבער אויך דאס־א בוך האט נאך, דער עיקר, צו טאן מיטן בירגערקריג.

אט אבער קומט דער גרויסער רעקאנסטרוקציע־פעריאד: אינדוסטריאליזאציע, קאלעקטיוויזאציע א. א. וו. און פעפער רעאגירט אויף דעם אלעם אין זיינע ווייטערדיקע לידער־ביכער. אין בוך „געפונענע פונקען" באזינגט ער דעם דניעפרבוי. אין בוך „פלאסטן" דערציילט ער פונעם גרויסן סאוועטישן אויפשטייג אין די דאנעצער שאכטעס. זיין בוך „לעבן זאל דאס לעבן" איז אן אפשפיגלונג פון אנדערע פריידיקע דערשיינונגען אין סאוועטנלאנד. און אזוי — אין זיינע שפעטערדיקע ביכער. ביז אין די נייסטע ווערק — „אין א מזלדיקער שעה" און „מלחמה־באלאדעס".

אין בוך „אין א מזלדיקער שעה" דערציילט דער דיכטער פונעם סאוועטישן לעבן אין די לעצטע יארן — אריינגערעכנט דעם אריינמארש פון דער רויטער ארמיי אין מערב־רוסלאנד, מערב־אוקראינע און בעסאראביע. „אין א מזלדיקער שעה" רופט זיך דאס בוך אויפן נאמען פון א סעריע לידער, וווּ עס דערציילט זיך וועגן

דער סאָוועטישער אָקופּאַציע פון די געגנטן, וואָס זענען יאָרנלאַנג געווען באַהערשט פון פּוילן און רומעניע. זיגעריש איז געווען דער ארייננמארש פון דער רויטער ארמיי אין די־אָ געגנטן. אויך דער דיכטער האָט אין דאָזיקן ארייננמאַרש אָנטייל גענומען. און אָט זענען שורות פון א ליד, ווו דער סאָוועטישער ארייננמאַרש ווערט האָפערדיק באַזונגען:

מענטשן לויפן פון דער תפיסה
און די תפיסה איז צעפּראַלט,
אויף די שטיינער אויף די מיאוסע
האָבן פאַנען זיך צעשטראַלט.

די רויטע אַרמיי איז געקומען באַפרייען מיליאָנען שקלאַפן. די אָרעמע מאַסן פון די־אָ געגנטן, וואָס זענען יאָרנלאַנג געלעגן אונטערן שטיוול פון האַלב און גאַנץ פאַשיסטישע מלוכות, האָבן זיך מיט די רויטע אַרמייער ארומגעכאַפּט. און אויך דער ייד — דער בלוטיקסטער קרבן פונעם פאַשיזם — האָט זיך מיט זיי שטאַרק דערפרייט. און א יום טוב באַהערשט אַלץ און אַלעמען:

ליפּן צו ליפּן זיך ציען,
אויגן מיט פאַנען באַשיינט,
טרערן אויף פריילאַכע וויעס,
לאָמיר צעקושן זיך, פריינט!

ליידער אָבער ציט זיך דער דאָזיקער יום טוב ניט לאַנג. מיט קאָרגע צוויי יאָר שפּעטער גרייפן אָן די נאַציס סיי אויף די נייע, סיי אויף די אַלטע סאָוועטישע טעריטאָריעס. אין פעפערס נייסטן בוך, וועלכער איז דערשינען קורץ פאַרן נאַצישן אָנגריף, ווערט נאָך פון דעם ניט דערציילט. מיר קענען אָבער ציטירן אין בוך א סך שורות, וואָס זענען ביז גאָר פּאַסיק צו דער איצטיקער פּאַרוויסטונג אין יענע אַלע סאָוועטישע מקומות, ווו עס בושעווען די דייטשישע חיות רעות. אָט זענען שורות פון דער פּאָעמע „אוקראַינע”. זיי דערציילן וועגן דער חרובער אוקראַינע אַמאָל, בעתן בירגערקריג. זיי זענען אָבער פּאַסיק אויך פאַר איצט:

ווו איז די קלאָרע זון פאַרגאַנגען,
ווער האָט צעפליקט דעם יונגן צווייט,
ווו זענען זיי, די הייכע זאַנגען,
וואָס האָבן אַזוי רייך געבליט?
ווי אַלץ האָט זיך אָט דאָ געענדערט,
א דערפל איז ניט לאַנג געווען דאָ
און איצט איז בלויז א קופּע אַש . . .
א יידיש שטעטל איז געשטאַנען
און איצטער וואַקסן דאָ בוריאַנען
און פלאַמען פלאַטערן אין ראַש.

אָט אַזוי זעט עס איצטער אויס: אויף די זוניקע שטרעקעס פון אוקראַינע, איבער די דאָרטיקע שוואַרצע, פעטע ערדן שפּרייטן זיך נייע קופּעס אַש. און ניט בלויז אויף אוקראַינע — איבער הונדערטער מיילן פונעם ריזיקן סאָוועטנלאַנד. —

חוץ אָבער לידער, וואָס דערציילן פון טויט און אומקום, פון חורבות און רוינען, פאַר־מאָגט דאָס בוך אַנדערע לידער — ביז גאָר קעמפעריש. סאָוועטנלאַנד האָט גע־ווּסט, אַז דער שונא שווייגט ניט, — האָט מען זיך ווי געהעריק צוגעגרייט:

מיר ווייסן, אַז קראָען
זיך גרייטן צו רויב,
די רויקע שעה'ן
צעמאָלן אויף שטויב.
— — — — — — — —
מיר וועלן זיך שלאָגן
פאַר אונזער פאַרמעג,
ווי לייבן זיך טראָגן
אין לעצטן געשלעג . . .

אָט אויף דעם־אָ מאָטיוו — העלדישער ווידערשטאַנד דעם פאַשיסטישן שונא — זינגען זיך אויס אין פעפערם נייסטן בוך אַ סך לידער:

שאַרפן שווערדן די גזלנים,
וואַקסט די שנאה ביי די רויבער,
און עס ברענט זיי און עס בראָט זיי
אונזער קראַפט און אונזער זויבער,
און זיי שטייען ביי דער גרענעץ
און זיי האָפן און זיי וואַרטן,
נאָר זיי קענען זיך דערוואַרטן
אויפן סוף פון באַנאַפּאַרטן . . .

באַווייזט טאַקע די רויטע אַרמיי, וואָס זי קען. צייגן עס: סטאַלינגראַד, לע־נינגראַד, מאָסקווע:

הער נאָר, וועלט, מיט טויטע אויגן,
וועלט פון אומרעכט און פון שאַנד,
מאָסקווע וועט דעם קאָפּ ניט בויגן,
ניט אַזאַ איז אונזער לאַנד!
— — — — — — — — —
אין אַ לייַלאַך אויסגעצויגן
ליגט דיין צוקונפט, אַלטער נאַר,
מאָסקווע וועט דעם קאָפּ ניט בויגן
ביי די שוועלן פון געפאַר!
— — — — — — — — —
ווער עס וויל מיט אונז זיך קריגן,
זאָל ער ווייסן, וווּ ער איז,
ווער עס וויל אין קבר ליגן,
זאָל ער אויפהייבן זיין שפּיז!

ווי געזאָגט אָבער, ווערט נאָך אין דאַזיקן בוך ניט אָפּגעשפּיגלט די איצטיקע בלוטיקע וואָר. די לידער אין בוך זענען נאָך אַ פּועל־יוצא פון פריערדיקן — פרידלאַכן — לעבן. און דאָס־אָ לעבן באַזינגט דער דיכטער פריש און מונטער. די

לידער אויף דער־אַ טעמע קוואַלן מיט ליכט און מיט זון. דער לייענער ווערט דאַ ארומגעפירט איבער די ברייטן־לענגן פונעם ריזיקן סאָוועטנלאַנד, ווערט דאַ אַלזייטיק באַקענט מיט דער סאָוועטישער וואָר. דערביי ברענגט אָפט דער דיכטער קאָנט־ראַסטן — ווי ס׳ע האָט זיך אין רוסלאַנד געלעבט אַמאָל און ווי עס לעבט זיך איצט:

אויגן מיינע אויגן,
קאָפּ מיינער, מיין גרויער,
כ׳האָב אַמאָל געזונגען
וועגן ווי און טרויער . . .
ס׳פֿלעגט אַ קראָ אַ ווילדע
איבער מיר זיך וויגן,
און די פּריצים האָבן
אויסגעלאַכט מיין ניגון.

אָט דאָס איז געווען אַמאָל. איצט אָבער:

אויף די פרייע פעלדער
וואַקסן ווייצן העכער,
לענינס לעמפּלאַך בליצן
איבער אַלע דעכער.
רייך זיינען מיט סטאַדעס
לאַנקעס אויפגעבליטע,
דער קאָבזאַר דער אַלטער
טראָגט אַ נייע סוויטע . . .

אָט אַזוי באַווייזט אונז פעפער, וואָס עס טוט זיך אינעם פיבערדיק זיך־בוי־ענדיקן לאַנד. ער ווייזט אונז דעם ווייטן אייזיקן צפון, וועלכער ווערט אויסגע־פאָרשט פון סאָוועטישע העלדישע פאָרשער. ער פירט אונז איבער די רחבותדיקע וואַסערן פון דער וואָלגע, זינגענדיק צו זיי אַ פרעכטיקן הימן. ער רימט די מי אין די סאָוועטישע פאַבריקן. ער נעמט אונז קיין ביראָ־בידזשאַן, וו ווילדערנישן ווערן פאַרוואַנדלט אין בליענדיקע ישובים, וו באַדנלאָזע יידן פאַרוואָרצלען זיך:

עך, איז דאָס אַ טייך די בירע,
קוקט נאָר אָן די פישער אירע,
ווי זיי זיצן אויסגערוטע,
אין דער פרייער זון געקוטעט,
און זיי קוקן אין די טיפן,
ווי די יונגע קאַרפּן שטיפן,
ווי עס פינקלען די סאַזאַנען
אין דער וואַסער־טיף דער פרישער
און זיי טראָגן זיך פון דאַנען
פון די אומבאַקאַנטע פישער
מיט בערדיטשעווער שמיוואַלעס
און מיט העמדער אויסגענייטע,
מיט אוקראַינער הויזן ברייטע,
מיט די ווייסע בערד, ווי חלות,

און מיט רויטע האָר, ווי פּאַקלען;
ס׳פינקלען האָמליער קאַצאַווייקעס
און לוסטערינענע פידזשאַקלאַד,
שלמה׳ס, ארקעס, רחל׳ס, לאה׳קעס.
מאָדנע נעמען, נייע נעמען
פאַלן אויף די וואַסער־שפּיגלען . . .

חנעווודיק און הומאָרדיק שילדערט פּעפער דעם יידיש־סאָוועטישן האַרע־פּאַשניק. האָפערדיק און יום טובדיק באַזינגט ער די שפע אין די יידישע קאָלווירטן:

מזל טוב און מזל טוב
די ווייצן און די קאָרן,
די קעלבלאַך און די לאַשעקעס,
די מזלדיקע יאָרן!
— — — — — — — — —
מזל טוב די וויינטרויבן,
וואָס פינקלען, ווי די שטערן,
די נעכטיקע לאַטוטניקעס
און היינט — מיליאָנערן! . . .

אַט אזעלכע לידער, מיט דער פּשטות און נאַטירלאַכקייט פון אַ פאָלקס־ליד, פאַרמאָגט פּעפערס ניי בוך אין אַ היפּשער צאָל. עס איז, אינקורצן, אַ בוך, וואָס לייענט זיך מיט גרויס פאַרגעניגן; אַ בוך אַ ביז גאָר געראָטענער; אַ בוך, וואָס איז דערשינען „אין אַ מזלדיקער שעה".

אינעם צווייטן ווערק פּעפערס, אין די „מלחמה־באַלאַדעס", קומט צום אויסדרוק דאָס איצטיקע סאָוועטישע לעבן, אַן איינגעהילטע אין פלאַמען פון דער גרויסער העראָישער באַפרייונגס־מלחמה. פּערצן באַלאַדעס פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע ביכל און יעדע פון זיי באַווייזט דעם חורבן, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעבראַכט אויפן ראַטנפאַרבאַנד, באַזינגט די העלדישקייט פון די סאָוועטישע פאַרטיידיקער און — רופט צו „הייליקער נקמה". אין אייניקע באַלאַדעס, אַ שטייגער, אין דער „באַלאַדע וועגן מיין טאַטן", רעדט אין פּעפער ברוגזנדיק דער ייד . . . שטאַרק אָבער אַן אויסנאַם זענען אַלע אַנדערע באַלאַדעס. אַט איז די ערשטע — וועגן דער מאָסקווער קרעמלוואַנט, וואָס האָט שוין געזען אַ סך פּייז, וואָס האָט איבערגעלעבט פיינטלעכע אָנפאַלן אין מיטלאַלטער, וואָס האָט איבערגעלעבט באָנאַפּאַרטן און וועט איבערלעבן אויך די דייטשן . . .

און אַט איז די „באַלאַדע וועגן זכריה בעל־עגלה און זיינע פערד". די דייטשן קומען אַריין אין איינעם אַ יידיש שטעטל. דאָס שטעטל איז פּוסט. די יוגנט איז אַוועק אין קריג און אַלטוואַרג האָט זיך געראַטעוועט אויף דער פור פון זכריה דעם שטעטלשן בעל־עגלה. האָט אָבער זכריה — אין איילעניש — פאַרבלאָנדזשעט, און ער פאָלט אַריין מיט די יידישע זקנים אין די דייטשישע לאַפּעס. דערפרייען זיך די

נאַצים: אַט וועלן זיי באַלד צעהענגען פּופּצן יידישע „באָלשעוויקעס". און אַז די יידישע זקנים דערזעען, ווי סע האַלט מיט זיי, זאָגן זיי זיך: תמות נפשי עם פלישתים און — פאַלן אָן אויף די דייטשישע תליונים:

שאָסן און געשרייען. ס׳פּלאַמען ביימער־רייען.
ס׳פאַלן יידן, דייטשן. שאָסן און געשרייען.
און די פערדלאַך פאַלן מיט צעטרעטענע בייכער.
זכריה ליגט און מורמלט: אַט אַזוי איז גלייכער!
אויב עס רופט דער טויט שוין — איז ניט שייך ריידן,
פיר איך כאָטש אויך דייטשן מיט זיך אין גן־עדן . . .

און אַט איז די „באַלאַדע וועגן אַדעסער לימאַן". די נאַצים דערנענטערן זיך צו דער שיינער האַפנשטאָט אָדעס. אין שטאָט איז א בהלה. מענטשן אַנטלויפן, ראַטעווען זיך. אין דער זעלבער צייט לאָזן זיך דאָ אוועק דריי רויטע קעמפער אויפרייסן א דאַמבע ניט ווייט פון שטאָט. און די דאַמבע ווערט אויפגעריסן. און דערביי קומען אום די דריי סאָוועטישע גיבורים . . . דער שונא אָבער באַצאָלט טייער:

געראַוישט האָט דער ים און מיט דייטשישע פּגרים געשפּיגן,
געשליידערט די קערפּערס, די קאַסקעס, די צלמ׳ס, די שיף,
ער האָט ניט געוואָלט, די נבלות זיין רחבות זאָל וויגן,
ער האָט ניט געוואָלט אַט די מיאוסקייט באַהאַלטן אין זיך...

און אַט איז די „באַלאַדע וועגן שימעלע גוטניק דעם פּאַרטיזאַן און זיינע פריינט". די דייטשן אָקופּירן א סאָוועטישן ישוב און זיי טרעפן דאָ איין יידן: שימעלע גוטניק, — א פּאַרטיזאַן, וועלכער איילט מיט א זאַק געווער צו די מיטקעמפער זיינע, אין א ניט־ווייטן וואַלד. — נעמען אים די דייטשן נאָכיאָגן. האָט אָבער שימעלע, צווישן די ניט־יידן פון דאָזיקן ישוב, גוטע פריינט. — באַהאַלטן זיי אים אויס. און אַז די דייטשן געפינען אים ניט, שיסן זיי אויס א גאַנצע ניט־יידישע משפחה. שימעלע אָבער נעמט נאָכדעם נקמה פון די־א נאַצישע רוצחים.

און אַט איז די „באַלאַדע וועגן ברודער־קבר". א גרופּע סאָוועטישע יידן ווערט אין איינער א ווינטער־נאַכט ארויסגעפירט צו דער שחיטה, און א צווייטע גרופּע, ווייסרוסן, דאַרף פאַר זיי אויסגראָבן א מאַסן־קבר. זאָגן זיך אָבער די ווייסרוסן אָפּ:

מיר האָבן איניינעם געלעבט דאָ, געבויט
און וועלן איניינעם באַגעגנען דעם טויט . . .

באַפוילט מען דאָן די יידן אויסצוגראָבן א מאַסן־קבר פאַר די ווייסרוסן. זאָגן זיך אָבער אָפּ אויך די יידן. און די נאַצים מוזן אַליין אויסגראָבן דעם ריזיקן קבר — סיי פאַר די יידן, סיי פאַר די ווייסרוסן . . .

און אַזוי — אין אַלע אַנדערע באַלאַדעס אין ביכל. פּיין, גרויל, אומקום פון איין זייט און העראָיזם, מסירת־נפש, ברידערלאַכקייט, — פון דער אַנדער זייט. אַזוי — אין דער באַלאַדע וועגן יידישן העלדישן טאַנקיסט שלמה גאַרעליק, וועלכער איז מיט זיין ברענענדיקן טאַנק אריינגעפאָרן אין די דייטשישע רייען. אָדער אין

דער באַלאַדע וועגן אַלטן מאיר־שוילן, וועלכער איז, נאָכן טויט פון זיינע דריי זין, אומגעקומענע פון שונא׳ס קוילן, אַליין אוועק אויפן פראָנט — קעמפן קעגן נאַצישן אָקופּאַנט.

אָט אַזוי שפּיגלען אָפּ איציק פעפערס „מלחמה־באַלאַדעס״ די איצטיקע סאָוועטישע וואָר, דעם געוואַלדיקן העראָיזם פון די סאָוועטישע, יידישע און ניט־יידישע מאַסן און דעם טיפן דראַנג זייערן צו נקמה:

מיר וועלן אונזער ערד פון ברוינע שלענג באַפרייען,
מיר וועלן ניט פאַרשעמען אונזער גרויסן דור, —
זיך נוקם זיין אין פיינט פאַר יעדן קינד, פאַר יעדער גרויער האָר
לויטן געזעץ פון עין תחת עין . . .

.1943

עזרא פינינבערגס דיכטונג

„ליריק", „אמת", מאָסקווע, 1940; „פון שלאַכט-פעלד", „אמת", מאָסקווע, 1943.

עזרא פינינבערג איז איינער פון די בעסטע יידיש-סאָוועטישע פּאָעטן. ער שרייבט שוין נאָענט צו אַ פערטל יאָרהונדערט. ער האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ גרעסערע צאָל לידער-ביכער. און „ליריק" איז זיין נייסט בוך.

אין אָנהויב פון זיין שאַפן — אין זיין ערשט לידער-ביכל „אָטעם" — האָט זיך פינינבערג געהאַט געפונען אונטער דער השפעה פון די רוסישע סימבאָליסטן. געווען איז עס אין די ערשטע נאָך אָקטיאַבער-יאָרן. אויף דאָמאָלסטיקע פאַרשיידענע לעבנס-דערשיינונגען האָט פינינבערג רעאַגירט מיט לידער, וועלכע טראָגן אַ סימבאָלישן כאַראַקטער. רעאַליסטישער איז ער נאָך דאָן צו דער רעוואָלוציע ניט צוגעגאַנגען. נאָכדעם, אין די יאָרן פון „נעפּ" (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק), האָט פינינבערג אפילו „אָפּגענויגט" פון דער רעוואָלוציע. דער „נעפּ", מיט זיין טיילווייזן צוריקקער צום קאַפּיטאַליסטישן סדר, האָט דעם יונגן פאַרגלויבטן דיכטער היפּש אַנטוישט. און ער ווערט אָנגעשטעקט מיט ירידה-שטימונגען. און ער שרייבט אַן אַ צאָל זייער פּעסימיסטישע לידער, וועלכע גייען אריין אין זיין צווייט לידער-בוך — „לידער". שפּעטער אָבער, אין יאָר 1927, דערשיינט פינינבערגס דריט בוך „לאַנד און ליבשאַפט". אָט אין דאָזיקן בוך גייט פינינבערג אַרויף אויפן ריכטיקן וועג. און פון דאַן אָן שרייבט ער לידער, פולע מיט גלויבן אינעם נייעם לעבן.

פינינבערג איז אַ רעאַליסט-ראָמאַנטיקער. יניקה פאַר זיין שאַפן שעפּט ער ניט בלויז פונעם איצטיקן — סאָוועטישן — לעבן. נאָר אויך פון די פריערדיקע, פאַררעוואָלוציאָנערע יאָרן. דעם דיכטערס קינדהייט איז אַדורך אונטערן צייכן פונעם פינפטן, רויט צעוויכערטן יאָר. די יוגנט זיינע — אונטער די בלוטיקע צייכנס פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, פון דער רעוואָלוציע און פונעם בירגער-קריג. — ווערט דער דיכטער אינספּירירט פון אָט יענעם ניט-ווייטן עבר. דאָס יאָר 1905 רופט ער „יאָר פון תחילת, וויגל-יאָר פון אונזער אויפשטאַנד". פינינבערג איז נאָך דאַן געווען אַ קינד און — „יאָרן מיינע, דעמאָלט רויט געבווירענע, שפּעטער האָבן זיך צעפייערט רויט".

כדי אָבער די אָקטיאַבער-רעוואָלוציע זאָל ניט געווען ליידן אזא דורכפאַל, ווי דער אויפשטאַנד אין יאָר 1905, האָט זיך געפאָדערט אַ וועלט-מלחמה, מיט מיליאָנען קרבנות. און די לעבנגעבליבענע, די צוריקגעקומענע פון דער גרויסער שחיטה, פון די בלוטיקע פראָנטן, — אָט זיי נעמען עס נקמה פאַרן גאַרן פיין און שווידער:

זיי האָבן זיך אומגעקערט:— ברידערלאַך, אייגענע, לאָמיר
באַלוינען ווי ס'קומט און ווי מ'דאַרף פאַר א גרויסער מלחמה.

און עס צעפלאַקערט זיך די רעוואָלוציע. לעניז קומט קיין מאָסקווע:

ער איז אָנגעקומען, מאָסקווע!
סע באַגלייטן אים די היטערס:
דרייסיק שומרים פונעם סמאָלני,
דרייסיק ארבעטער פון פּיטער . . .

און דער דיכטער זינגט א הימן צום רויטן אויפשטאַנד. ער ווענדעט זיך צום פּושקין־מאָנומענט, וואָס שטייט אין מאָסקווע אויף איינעם פון די בולוואַרן, מיט אַזעלכע פּאַטעטישע שורות:

דיכטער! דו ביסט דאָך געווען פאַרליבט אינעם טאַנץ פון כאַאָסן,
אין וויכערס אין גיכע, אין זוימען פון אַפּגרונט, אין אויפרייס פון ים'ען.
דו האָסט מיט חברימלאַך רויטע, מיט באַרוועסע יונגען געשאָסן
אויף פּערציק מאָל פּערציק פון מאָסקווע — דער הייליקער מאַמע.

אָט אָבער צעוויכערט זיך דער בירגערקריג. טויזנטער קעמפער קומען אום על קידוש הרעוואָלוציע. און פינינבערג ווערט אָנגערעגט צו נייע לידער. ער שאַפט איינס א ליד „זעקס חברים" — זעקס פריינט זיינע, אומגעקומענע פאַר דער פרייהייט. און אַזעלכע „זעקס חברים" זענען דאָן געווען א סך, א סך:

אין נעכט אין טיפע ,אין נעכט איז גרויסע,
וואָס קלינגען באַניים מיט רויש און מיט ווונד ,
הונדערט אויגן לויכטן אין חושך,
יעדעס אויג — א צעגליטע זון . . .

לסוף קומט דער זיג. עס הייבט זיך אָן א נײַ לעבן:

אַזוי, אַזוי, נאָך פלאַם און נאָך גראַנגל
אויף פעלדער־שטרעקע גייען אויף די זאַנגען.

מע בויט דאָס חרובע לאַנד. מע ארבעט מיט א זעלטענעם גלויבן, מיט אַן אויסערגעוויינלאַכער מסירת נפש. און אַלץ — פאַרן מאָרגן, וואָס דאַרף זיין זוניק, פריידיק, גליקלאַך:

אונזער ברויט, וואָס ניט דערעסן,
אונזער הארץ אויף שפּיץ פון מעסער —
ס'ווערט געשאָנקען, ס'ווערט געשאָנקען
פאַרן קינדערישן אָנקום . . .

און דער דיכטער העלפט בויען מיט ליד, מיט געזאַנג. איצט איז ער פריי פון עקאָנאָמישער נויט, פון גייסטיקן פּחד . . . פילט ער זיך גליקלאַך. מאַכט ער אָפטע נסיעות. באַוואונדערט די שיינקייט פונעם גרויסן לאַנד. פרייט זיך מיטן נייעם מענטש, מיט זיך גופא . . . אָט פאַרווײַלט ער אין זוניקן קרים, אין ליוואַדיע, ביים צאַרס מירמל־פּאַלאַץ. און עס קוואַלן אויף אין אים אַזעלכע מיני שורות:

האָסטו געזעען זיי, די געסט די אומגעריכטע,
אַמאָל אין חלום דיינעם, קיסר?

אַז אַרומגעגאַנגען ביסט אין אַ קאַיאַר דאָ,
אויף פּלאַטערדיקן ים געקוקט פון דאַנען —
האָסטו געהערט, געהערט דאָס הילכן פון די אָרדעס,
וואָס גייען אויף קאָפּ דיינעם, ראָמאַנאָוו.

צוזאַמען אָבער מיט דער גרויסער בווונגס־פרייד שפּירט דער דיכטער דעם אָנקום פון אַ נייעם שטורעם. סאָוועטנלאַנד איז באַרינגלט מיט שונאים, וועלכע רוען ניט, וועלכע גרייטן זיך. און לאַנג נאָך פאַר דער איצטיקער — צווייטער — וועלט־מלחמה, אין יאָר 1929, שרייבט פינינבערג:

און איך דערזע,
וואָס כ׳זע פונלאַנגשוין,
פונלאַנגאַנען:
אַרום מיין שטוב,
אַרום מיין טאָג,
אַרום מיין האַרץ —
קאַנאָנען.

און ער ווייס, דער דיכטער, וואָס עס וועט געשען, אויב דער פיינט זאָל אָנפאַלן:

און איבער אַלע בערג און מערק,
און איבער אַלע שטאָקן
מע וואָלט געיומטובט
אונזער שוידער־פיין
און איבער אַלע בערג
וואָלט זיך געוויגט,
דאָס רויטע לעבן אונזערס
אונטער שפּיי פון פיינט.

זינגט דעריבער דער דיכטער אַ לויבגעזאַנג דער רויטער אַרמיי — דער באַשיצערין פונעם פרייעם לאַנד, פונעם פריידיקן לעבן:

איך רים די וואַך,
וואָס האַלט די אויגן אָפן,
די האַנט, וואָס שיצט
פון אומקום און פון וויסט,
איך לויב די היטערס
און איך לויב דעם וואָפן,
איך בענטש די איינגעשפּאַרטקייט
און איך בענטש די שפּיז.

און איצט, אין די בלוטיק־פייערדיקע טעג, געפינט זיך פינינבערג אין די רייען פון דער רויטער העלדישער אַרמיי, קעמפט אויפן פראָנט, פאַרטיידיקט דעם ראַטנפאַרבאַנד פון די דייטשישע רוצחים:

מיר האָבן דיך געבאָוועט, מיר האָבן דיך געבויט,
וועלן מיר ניט רוען: — טויט אָדער רויט . . .

1943

„מיט בלוט פונעם דיקטערישן הארצן” זענען געשריבן עזרא פינינבערגס לידער אינעם בוך „פון שלאַכט־פעלד”. זיי קומען, די־אַ לידער, „פון סאַמע פייער”. **פשוט און עכט, שטאַרק און פלאַמעדיק דערציילן זיי פון דער גרויסער סאָוועטישער באַ**־פרייונגס־מלחמה, אין וועלכער דער דיכטער האָט, מיט א ביקס אין האַנט, אַנטייל־גענומען. באלד, אין די ערשטע טעג פון שוידערלאכן קריג, האָבן צענדליקער יידיש־סאָוועטישע וואָרט־קינסטלער אוועקגעלייגט די פען און — גענומען אין האנט א ביקס. זיי זענען געוואָרן רויטארמייער. מיט מיליאָנען אנדערע שלאכטלייט, זענען זיי אוועק קעגן דעם שרעקלאכסטן מענטשן־שונא, סאָוועטן־פיינט, יידן־פיינט. און אויך פינינבערג האָט זיך באלד גענומען רייסן אין שלאכט:

אין טיפן פון נעכט כ'הער זיך איין און דערהער,
ווי זיי יאָגן אויף פערד, ווי זיי האקן מיט שווערד.
צו דעם ריזיקן פעלד, ווו זיי שלאָגן זיך,
כ'וועל יאָגן ,כ'וועל יאָגן, דעריאָגן זיי,
און זיין כ'וועל מיט זיי אין די הייליקע טעג,
און זיין כ'וועל מיט זיי אינעם רויש פון געשלעג,
אינעם הילך פון די שטארקסטע געוויטערן:
— שלאָגן, דערשלאָגן היטלערן!

און אָט איז דער דיכטער אָנגעטאָן „אין מלבוש רויטארמייישן”. צוערשט שיקט מען אים אין א שטאָט ביי דער וואָלגע — זיך צוצוגרייטן צום מעכטיקן גע־שלעג. נאָכדעם קעמפט ער אויפן פראָנט — „אויף פעלדער אויף ריאזאַנער”. ער פּאַרטיידיקט מאָסקווע. ער פארטיידיקט ס'גאָרע היימלאנד. דערביי ווערט ער שווער פארוואונדעט און — ממש דורך א נס — געראַטעוועט פון טויט. דערציילט פינינבערג פון דעם אלעם אין זיינע נייע לידער. ער דערציילט פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען — אין די טעג און נעכט, פארבראַכטע אין „טיל” און אויפן שלאכט־פעלד: און ער דערציילט פון אלץ, וואָס איז ארום אים, אין די־אָ טעג און נעכט, פאָרגעקומען. ער דערציילט עם רירנד און פייערלאַד. ער שילדערט דעם גראַנדיעזן מלחמה־אויפברויז, וואָס האָט דאָס גאָרע ריזיקע לאנד ארומגעכאַפּט. ער באזינגט די העלדישקייט פון די סאָוועטישע קעמפער. ער מעלדעט פון זייער אומבאגרע־נעצטער ליבע צום היימלאנד, פון זייער קרבן־גרייטקייט, פון זייער האַס צום חיה'שן שונא, פון זייער שטאַלענעם ווילן צו צעשמעטערן דעם דאָזיקן פינצטערן פיינט:

און ווער וועט איצט געבויגן זיין?
און ווער וועט איצטער טרויערן?
דער שונא ביי די טויערן!

— — — — — — — — — — — — —

לעם אַש פון אויפגעריסענע שפיטאָלן
עס האָט דער ווייטאָק שטייף פארהייטלט זיך ,
געוואָרן איז דאָס הארץ א שטאָלנס.

— — — — — — — — — — — — —

און יעדע אָפּגעברענטע גאַס

בלייבט אין הארצן א בארג מיט האס.
און יעדער אפּגעברענטער גאָרן
בלייבט אין הארצן א בארג מיט צאָרן.

דאָס טייערע היימלאַנד, וואָס האָט דעם דיכטער געשאַנקען פרייהייט, זיכער־קייט, פרייד, גליק; וואָס האָט אין זיין הארץ — ווי אין די הערצער פון מיליאָנען סאָוועטישע אידן — צעוויייט דעם דורותדיקן פּחד, — ווערט אויפן שלאַכט־פעלד נאָך טייערער. ערשט דאָ, איז בלוטיק־פייערדיקן שטורעם, אויג אויף אויג מיטן טויט, דערשפּירט דער דיכטער די גאָרע טיפע ליבע זיינע צום סאָוועטישן היימלאַנד:
דו ביסט א שטילע פאָדערונג און ביסט א הארבער רוף,
דו ביסט די קוויקנדיקע לופט,
אויף די סטעפּן שעפּ איך דיך און שעפּ.
ביסט יעדער רגעלע, מיט בלוט, אין בלוט אַדורכגעלעבט.

דער קעמפערישער דיכטער, די מיליאָנען אנדערע סאָוועטישע קעמפער האָבן גוט געוווּסט, פאַר וואָס און פאַר וועמען זיי גייען זיך שלאָגן, דאָס לעבן אוועקגעבן:
געגאַנגען זענען מיר — א גרויס און מעכטיק לאַנד.
געגאַנגען זענען מיר אקעגן שווארצסטער פון די פּעסטן
געגאַנגען זענען מיר — א הויכע, לעבעדיקע וואנט,
א בארג א שטאָלענער, און עטמענדיקע פעסטונג
געגאַנגען זענען מיר דורך וואסער און דורך בראַנד,
ס'זאָל ווערן װארעמער די פייגאלאך אין נעסטן.
געגאַנגען זענען מיר פאַר אַלעם, וואָס מיר כאָוועז און מיר ליבן.
אוי, וויפל זענען פריינט מיינע אין פלאַם געבליבן . . .

מיליאָנען זענען געפאַלן, כדי דעם סאָוועטנפאַרבאַנד זאָל ווערן גרינגער. מיליאָנען זענען אומגעקומען פארן פאָטערלענדישן ניצחון. און דעם דיכטער האָט, חוץ אַלעם, געפּירט אין שלאַכט, אויף „טויט אָדער רויט”, — נאָך עפּעס: דער טיפער ווייי זיינער צוליבן אומגליק פון זיין אייגן פאָלק, וועלכער טרינקט זיך אין א ים פון בלוט:

מיין פאָלק, מיין יידיש פאָלק . . . דו האָסט דאָך מיר דעם גלי,
די פּיין, די שייין, דעם טיפן מוט געגעבן.
„בדמיך חיי ! . . בדמיך חיי ! . . .”
„אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן. אין דיין בלוט זאָלסטו לעבן.”
ביסט אלע, אלע נאכט, ביסט אלע, אלע פרי
מייז מיר, ארמייער, מיטגעגאַנגען נאָענט, נעבן.
ניט דו ביסט אומריין, פאָלק, דיין פיינט איז קויט און ברוד.
ביסט ריין, מיין יידיש פאָלק, און הייליק איז דיין בלוט ! . . .

און ניט אייז ליד אין בוך איז א צענעמענדיקער „ממעמקים”, א טרערן־טריפנדיקע קינה אויפן אומגליק פונעם יידישן פאָלק. אינדערזועלבער צייט אָבער איז פינינבערג פול מיט יידישן בטחון און — מיט „נצח ישראל”:
אנטשולדיק מיר מיין וויסט און פינצטער אויסזען:
איך לעב אויף אָט דער וועלט שוין פיר יאָרטויזנט.

— — — — — — — — — — — — —

געטראָטן אין דער אייביגקייט ,כ׳ווער אייביק ניט צעטראָטן.
געדראָשן אין דער אייביקייט, כ׳ווער קיינמאָל אויסגעראָטן.
פונקט ווי מיין פאָלק, איך ברען, און עס פארברענט מיך ניט דאָס
פייער.
פונקט ווי מיין פאָלק, איך צאָל די מוראדיקן דורות שטייער.

אַט אזעלכע אמתדיקע שורות — און גאנצענע לידער — זענען פאראן אין פינינבערגס נייעם בוך אין א היפשער צאָל. „ווי גאָר דאָס לעבן און ווי גאָר דער טויט" זענען דאָ פינינבערגס געזאַנגען עכט און שטאַרק. דער דיכטער איז געפרווּוט געוואָרן מיט נייע, גאָר גרויזאמע נסיונות. זיין טיף הארציקע, העל זינגעוודיקע מוזע איז, אין פייער פון דער גרויסער סאָוועטישער באפרייונגס־מלחמה, נאָך מער געלייטערט געוואָרן; און זיין לידער בוך „פון שלאַכט־פעלד" איז איינס פון די בעסטע יידיש־סאָוועטישע ווערק, וואָס זענען לעצטנס דערשינען.

.1944

גוט געצילטע לידער

„אין אונזערע טעג" פון ד. האפשטיין, „מלוכה־פארלאג", קיעוו, 1939;
„לידער" פון ש. האלקין, „אמת", מאסקווע, 1939.

מיר ווייסן וואס איז שלאכט
און אומעטומעדיקער פראנט,
דערפאר איז פילבאר צו געפאר
די ליד די יידישע
ביי אונז אין לאנד,
ווי אלע ברודערשפּראכיקע
שויז גוט געצילטע לידער.

אט די־א שורות, ארויסגענומען פון א ליד אין ד. האפשטיינ'ס נייסטן בוך לידער — „אין אונזערע טעג" — זענען כאראקטעריסטיש ניט בלויז פאר דעם איצטיקן האפשטיין — זיי זענען אן אויסדרוק פון דער גארער יידיש־סאוועטישער פּאעזיע. די סאוועטישע ליטעראטור איז אן עניין ניט פאר יחידים. די סאוועטישע ליטעראטור דינט דעם כלל, דעם לאנד. זי שטייט תמיד אויף דער וואך. זי רעאגירט אויף כל המיני סאוועטישע לעבנס־דערשיינונגען. זי אינטערעסירט זיך מיט טאגטעגלאכע זאכן. זי איז פילבאר צו יעדער סכנה. זי ליובט און טאדלט, פארטיידיקט און גרייפט אן. אזעלכע זענען די צילן פון דער סאוועטישער ליטעראטור אין אלגעמיין און אזעלכע — פון די יידיש־סאוועטישע פּען־מענטשן, אריינגערעכנט ד. האפשטיין.

אנגעהייבן האט האפשטיין צו דיכטן לאנג נאך פאר דער רעוואלוציע. אין די ערשטע נאך אקטיאבער־יארן דערשיינט זיין ערשט לידער־ביכל — „ביי וועגן". א ביכל צייטיקע, אויסגעמייסטערטע לידער. די פאָרם — א קלאסיש־רויקע, א קלאר־ליכטיקע. די טעמאטיק — דינע נאטור־אימפּרעסיעס, צארטע ליבע־געזאנגען, קינדהייט־רעמיניסצענצן, גרויסשטאָט מאָטיוון: וור־ניט־ווו — א נאציאנאלער מאָטיוו, א סאָציאלער. די סאָציאלע מאָטיוון האפשטיינס זענען אבער דאן געווען ווייט פון דער ארומיקער רעוואלוציאנערערווירקלאכקייט. האפשטיין האט דאן אויפגענומען די רעוואלוציע „קאסמיש", אבסטראקט:

פרעגסט מיך, שטילער ברודער,
ווער וועט צאָלן
פאר די טאָלן ביינער,
פאר די טייכן בלוט?
הער־זשע, ברודער!
אייביק, אייביק
שטרייטן ווארצלען

אונטער דר'ערד,
אייביק, אייביק
פּאַכן מענטשן
מיט דער שווערד . . .
אייביק, אייביק!
נאָר ס'האָט קיינמאָל
אַזוי גלויביק
ניט געהייבן זיך קיין האַנט !
ס'האָט נאָך קיינמאָל אַזוי זיכער
ניט געטראָגן זיך קיין וויכער
איבער מענטשן־ראַנד . . .

וואָס וויטער אָבער ווערט דער דיכטער מער פאַרכאַפּט פון דער טאָגטעג־לאכקייט פון דער רעוואָלוציע. און זיין שפּעטערדיק בוך — „לירינק" — איינס פון די בעסטע לידער־זאמלונגען אין דער יידישער פּאָעזיע — פאַרמאָגט שוין א צאָל לידער מיט א מער קאָנקרעטן קעמפערישן אינהאַלט. אָבער אויך די־אָ לידער זענען נאָך היפּש אָנגעהויכט מיט קאָסמישקייט און אבסטראַקציע.

פון דאַן אָן זענען אוועק א סך יאָרן. דערווייל באַרייכערט האָפשטיין די יידישע פּאָעזיע מיט א צאָל נייע, גאָר וואָגיקע לידער־ביכער: „אויף ליכטיקע רוינען", „פרייד פון נייעם זיין" א. א. און די־אָ ביכער ווייזן שוין האָפשטיינען אין א גאָר נייעם ליכט. דאָ איז שוין דער דיכטער אַן עכטער קעמפער, א שיסער אין שונא מיט „גוט געצילטע" לידער. און באַזונדערס זעט מען עס אין זיין נייסטן בוך — „אין אונזערע טעג". דאָ רעאַגירט דער דיכטער גאָר קעמפעריש אויף פאַרשיידענע ראַטנ־פאַרבאַנדישע געשעענישן אין די לעצטע ברויזנדיקע יאָרן. אין דאָזיקן בוך גייען אויך אריין א גרעסערע צאָל ריין פּערזענלאכע לידער. דעם אויבנאָן אָבער פאַר־נעמען דאָ אַזעלכע לידער, וואָס רופן זיך איבער מיט דער סאָוועטישער געזעלשאַפט־לעכקייט, מיט די איצטיקע שטורעמדיקע טעג:

עס וועט קיינעם ניט געלונגען
אונז פאַרטונקלען,
אונז פאַרפּלעקן
אונזער גרויסן טאָג !
אָ, דורך וויפל בייזע צוימען,
אלטע דערנערדיקע רוימען
איז צו זיגן
אלץ געשטיגן
אונזער גרויסער טאָג.

אַט צו דער־אָ געפּאָר — צו דער געפאָר פון „פאַרטונקלען אונזער גרויסן טאָג" — איז איצט באַזונדערס פילבאַר דער הויך טאַלענטירטער דיכטער. איצט באַנעמט ער שוין לחלוטין די „פרייד פון נייעם זיין". און דער דאָזיקער „נייער זיין" איז אים טייערער פונעם אייגענעם לעבן. און גרייט איז ער, דער דיכטער, צו פאַרטיי־דיקן מיטן אייגענעם נפש די פרייע סאָוועטישע ערד, אויף וועלכער ער פילט זיך

— אויך ווי א ייד — זיכער און גליקלאך. ווי האָפשטיין זאָגט עס — פשוט, שיין, אויפריכטיק, — אין זיין ליד צו שלום עליכם:

עך, ווען דו וואָלסט היינט מיט אונז קענען זיין,
זען, ווי געלייטערט פון לייד און פון פיין,
אין דערפער, אין שטעט ביים סאָוועטישן פאָלק
שפּאַנט ער, דיין העלד, מיט רום און דערפאָלג.
קלאָר, אז מיר רעדן אצינד וועגן טעוויען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

געברידערט מיט אלע ער גייט האַנט ביי האַנט
אויף שטרעקעס באפרייטע, אויף אייגענעם פעלד,
א בויער פון אונזער סאָוועטישער וועלט.

און איצט ווען אויף סאָוועטנלאַנד האָבן זיך אָנגערוקט פינצטערע וואָלקנס,
— איצט זענען דעם דיכטערס לידער געוואָרן — גוט געצילטע קוילן:

איצט אוועק די אַלטע צייטן,
ס'וועט אונז קיינער ניט פארפירן.
אויב עס מוזן זיין נאָך שטרייטן,
וועלן מיר זיי האַסטיק פירן.
וועלן מיר אליין באַשיצן
אונזער רעכט און אונזער ערע,
אויף די שטערנס אייך פארקריצן
אונזער גליענדיקע לערע.
וועלן מיר אליין דערווייזן,
וואָס איז ליב אונז, וואָס איז טייער,
ניט מיט ביטעס, מיט באַווייזן,
נאָר מיט מאַכט, מיט שווערד און פייער.

אויך ש. האַלקינס לידער זענען „גוט געצילטע". האַלקין איז פון די ייִנגערע דיכטער. ער האָט זיך באוויזן א פּאָר יאָר נאָך דער אָקטיבער־רעוואָלוציע. צוערשט געווען מיטן סאָוועטישן לעבן ניט אינגאנצן שוה־בשוה. שוין דאן אָבער נעמט ער זען אלץ קלאָרער די צילן פון דער יונגער סאָוועטישער ליטעראַטור: קאַמף פאר א ניי, ליכטיק לעבן. אָט זענען דריי שורות פון האַלקינס א ליד, געשריבן אין יאָר 1921, בעת דאָס יונגע סאָוועטנלאנד איז געווען ארומגעכאַפּט פון א שרעקלאכן הונגער:

איך שווער ביי דעם ברויט, וואָס עס פעלט איצט אין לאַנד:
זיך שלאָגן פאר זעט און פאר ליכטיקן זיין,
וואָס איך און וואָס דו וועלן עדות באלד זיין.

אָט דער דאָזיקער קאַמף ווערט איצט דרינגענדער, אקטועלער. דאָס לאַנד איז ארומגעקלאָמערט מיט פיל ערגערע פּלאָגן. און דער דיכטער מוז נאָך מער שטיין אויף דער וואַך און — שיסן אין שונא מיט „גוט געצילטע" לידער (אגב, שיסן איצט א סך יידיש־סאָוועטישע פּאָעטן ניט בלויז מיט גוט געצילטע לידער, נאָר אויך מיט

גוט געצילטע קוילן). — טוט עס האַלקין. דינט ער מיטן גאַרן „איד” זיינעם די אינטערעסן פונעם לאַנד:

ווייס דען אנדערש־וואָס מיין האַנט —
נאָר צונוץ דיר זיין, מיין לאַנד.
דיר אויף לויבן, גרויסן דיך
איז בארופן מיין געדיכט.

און האַלקינס געדיכט איז טאַקע, חוץ אַלעמען, אַן אמתדיקס. ווי האַפּשטיינס, איז אויך האַלקינס ליד עכט אין תוך און געשליפן אין פאָרם. די שפּראַך האַלקינס איז אַ געטאָקטע. דער פערז זיינער — אַ תמציתדיקער, אַ שווערוואָגיקער. אַפּט איז דער דיכטער אייגנאַרטיק אַפאָריסטיש:

ניט אַלץ, וואָס גיט זיך לייכט, איז רויב,
ניט אַלץ, וואָס קומט אָן שווער, הייסט גליק,
ניט אַלץ ,וואָס קאַרג אין צאָל, אין מאָס, איז דרויב,
ניט נאָר אויף בלעטער הונדערט פאַרשריבן ווערט דער זיג . . .
ס'איז דאָ אַ וואָג, וואָס ווערט ניט אָפּגעוווגן מיט געוויכט,
אַ גרויסע נייע וועלט, וואָס קוקט פון אַ געדיכט.

אָט אַזעלכע לידער — יחידישע: לידער וועגן לידער, ליבע־געזאַנגען, נאַטור־אימפּרעסיעס, אויף אַנדערע טעמעס, — פאַרמאָגט האַלקינס ניי בוך אין אַ היפּשער צאָל. דאָס באַווייזט, אַגב, אַז דער סאָוועטישער דיכטער מעג זיך פאַרנעמען אויך מיט ריין פּערזענלאַכע שטימונגען און איבערלעבונגען . . . ווי האַפּשטיין אָבער, איז אויך האַלקין פאַרנומען, דער עיקר, מיט כלל־ענינים, מיט לאַנד־בויונג און פּאַרטיידי־קונג, א. אז. וו. וואָרעם בלוטיק שווער איז איצט דאָס אויסקומעניש אויף יענעם ערד־זעקסטל, ווו עס פלאַטערט די רויטע פאָן; און יעדער איינער פאַרטיידיקט עס, דאָס דאָזיקע זעקסטל, מיט וואָס נאָר ער איז בארופן.

עס ציט זיך דער וועג ניט דורך זילבער־בעריאָזעס,
און ס'וואָרט ניט אינגיכן קיין רויקער טאָל;
מיר האָבן אויף אייגענע הענט זיך פאַרלאָזן —
אין דעם אונזער קראַפט איז, אין דעם אונזער שטאָלץ . . .

1943

לייב קוויטקאָ׳ס „גרעאַנגל“

צענטרפאַרלאַג, כאַרקאָוו, 1929.

איך בין צוגעבונדן צו מיין גרויסן הײנט.
דער גראָב־אייזן, מיין פריינט,
איז שאַרף, און ערד איז פייכט און זאַפטיק.

אָט אין אַזעלכע זאַפטיקע שורות דעמאָנסטרירט אין אָנהייב פון זיין שאַפן דער טאַלאַנטפולער יידיש־סאָוועטישער דיכטער לייב קוויטקאָ זיין געהעריקייט צום איצטיקן בלוטיק־פייערדיקן רעוואָלוציע־דור. געווען איז עס (ווען קוויטקאָ האָט גע־שריבן די אויבן געבראַכטע שורות) פאר דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. דער דיכטער, וועמענס „געזונטער פאָטער“ איז — „דער המון“, די ברייטע מאַסן, — איז שוין דאַן געווען היפּש בונטאַריש געשטימט. ער איז עס געווען נאָך זייענדיק א קינד, אין פינפטן יאָר, בעת דעם ערשטן גרויסן פאָלקס־אויפשטאַנד:

מאַמע, לאָז מיך, מאַמע, גייען קיין אדעס,
איך וויל אויכעט זען, ווי מע זינגט מאַרסעליעז,
ווי אַרבעטער אויף באַריקאַדן שטייען,
ווי דער האַפן שלאָגט די שוואַרצע מאה . . .

שפּעטער־צו, אונטערוואַקסנדיק, פאַרלאָזט ער די שטעטלשע היים. ווערט אינדערפרעמד אַן אַרבעטער. ווערט, ווי אַלע דאַמאָלסטיקע האָרעפּאַשניקעס, שטאַרק עקספּלואַטירט:

ווייט פון מיין היים און מיין טייכל —
א פאַרב־יונג אויף קלעטערס און שטריק
געהאַנגען אויף מויערס אויף רייכע.
מיין יינגלשע קראַפט האָט געשלייפט זיך
אין באַרשט־שמיר — אַהין און צוריק . . .

און צוזאַמען מיט זיין יינגלשער פיזישער קראַפט, „שלייפט זיך“ דאַן זיין גייסטיקער כוח, וועלכער מאַכט אים אַלץ מער באַוווסטזיניק, אַלץ מער רייף פאַר דער רעוואָלוציע. און ווען די רעוואָלוציע (דאָסמאָל — די זיגערישע) ברעכט אויס, איז קוויטקאָ איינער פון די ערשטע צווישן די יידיש־סאָוועטישע פּאָעטן, וועלכע נעמען זי אויף ביז גאָר באַגייסטערט. דער דיכטער שאַפט דאַן א לענגערע פּאָעמע — „אין רויטן שטורעם“: א פּאָעמע, דורכגעפּיבערט מיטן פּאַטאָס פון פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלאַכקייט.

שפּעטער־צו אָבער — בעתן בלוטיקן בירגערקריג, בעת די יידישע שוידער־לאַכע פּאָגראָמען, — ווערט קוויטקאָ׳ס רעוואָלוציאָנערע באַגייסטערונג אָפּגעקילט. ער נעמט ספקן אין „ברודער־גוי“, אין וועמען ער האָט — אין דער פּאָעמע זיינער

„אין רויטן שטורעם" — אזוי היים געגלויבט. איצט איז דער דיכטער דורכגעווייטיקט מיטן יידישן דורותדיקן פיין, מיט די יידישע טויזנטיאריקע יסורים. און ער שרייבט אן א גרויסע צאל פאגראם־לידער — שטארקע, שניידנדיקע, בלוט־רינענדיקע:

קינדער־וויגאלאך צעהאקט,
תליה'לאך געמאכט, —
און די קינדער אויפגעהאנגען,
אויפגעהאנגען . . .

— — — — — — — — — — — —

פארוואס דען זוכט מען מיך ?
איז מיין קאפ דען ווערט א גראשן ?
און מיין ביין און מארך — א האק ? ! . . .

— — — — — — — — — — — —

איך זאל כאטש ענדיקן מיין דינינק פידעלע,
וואס שניץ און טעסע עס א גאנצן פרי ! . . .

און ווי א פראטעס קעגן דער מערדערישער וועלט, קומען אזעלכע פלאמיק האסנדיקע שורות:

בלוטיקט, זידט אין מיר א שנאה:
ווי די שטאט איז גרויס,
ווי דאס דארף איז ברייט, —
וויינט דען ניט א מערדער —
וויינט אין יעדן הויז ? ! . . .

— — — — — — — — — — — —

אוי, איר אלטע בערג,
צעשאקלטע, צעטרייסלטע פורעניותן,
איר אלטע, אלטע אפגרונטן פון ווייטיק,
לערנט מיך און גיט מיר כוח
פיינט האבן, פיינט האבן ביז גרונט ! . . .

און דער דיכטער ווערט אויף א לענגערער צייט פעסימיסטיש. און ער פארלאזט אפילו זיין היימלאנד. וואנדערט ארום איבער דער נאך מלחמהדיקער אייראפע. וואס אבער זעט ער דא אין דער־א אייראפע? זעט ער דא מיאוסקייט, צעפוילטקייט: גרוילנדיקע עקספלואטאציע; אפענער און פארמאסקירטער אנטיסעמי־טיזם. ווערט אים דא ענג. נעמט ער בענקן אהיים. ערשט דא, אין דער ירידה־דיקער אייראפע, דערשפירט ער דעם גארן באטייט פון דער גרויסער אקטיאבער־רעוואלוציע. און ער פארט צוריק. ער פארט קעמפן. סאוועטנלאנד איז נאך יונג. פאראן דארט א סך זון, אבער אויך שאטן . . . דארף מען זיך ראנגלען. דארף מען די שאטנס, די וואלקנס פארטרייבן. און אין דיכטערס שאפן הייבט זיך אן א נייער פעריאד — סאוועטיש באוווסטזיניקע אריענטאציע.

קוויטקא ווארפט זיך אריין אינעם אויפבוי פון לאנד. ער ווערט א מיט־בויער. ער באזינגט די קראפט פונעם נייעם, סאוועטישן מענטש:

בויער פלינקע, פלייסיקע,
פארשמירטע קלעטערן

אויף סופיטן, אויף פאסאדן.
ס׳וועלן זיך צו האַרבסט־צו
נייע שטאָט־טיילן צעבלעטערן
אויפצונעמען מי־טעג און פאראדן! . . .

דער דיכטער ווערט פול מיט גלויבן. די לײדן, וואָס דאָס פאָלק (אויך דאָס ײדישע פאָלק) האָט איבערגעלעבט, זענען ניט אומזיסט:

נאָך דער ביקס
און נאָך דער שווערד,
נאָך דעם אָפּגעברענטן יאָר, —
פריי וועט זיין די נייע ערד!
מיט קראַפט באַשווערט!
לויטער קלאָר, ווי אונזער וואָר,
וועט זיין דער דור, א געזונטער דור! . . .

אין יענע יאָרן אָבער — „נעפּ״־יאָרן — איז נאָך די יונגע סאָוועטישע וואָר ניט אינגאַנצן „לויטער קלאָר״. אָרט עס דעם דיכטער. פירט ער — אין לידער־ציקל „אויג אויף אויג״ — אַן אינטערעסאַנטן, אייגנאַרטיקן ויכוח מיטן פירער פון לאַנד. דעמאַסקירט ער — אין א ריי אַנדערע לידער — א צאָל נעגאַטיווע עלעמענטן. און באַזונדערס בייסיק און סאַטירעדיק מאָלט ער, קוויטקאָ, „די שוואָגערלאַד״ — מיאוסע ראַטן־שונאים, וואָס חוזקן אויס אַלדאָס נייע, געזונטע, שעפערישע. אַט צו די־אָ שעדיקער (מיטן צונג און מיט די הענט) לאָזט אויס דער דיכטער זיין גאַרן סאַטירעדיקן גיפט. און עס איז א פאַרגעניגן צו לייענען די דאָזיקע שלאָגערישע לידער קוויטקאָס:

מיר קאָנען אַנטווײנען און האָבן אַנטוויינט —
די אייגענע שלאַנגען און פרעמדע שלענג . . .

יע. סאָוועטנלאַנד קאָן זיך ראַנגלען, קאָן אָפּשלאָגן כל המיני אַטאַקעס. עס זאָגט אויף דעם עדות קוויטקאָ׳ס פּראַכטפולער לידער־און פּאָעמען־בוך „געראַנגל״. עס זאָגן עדות דעם דיכטערס פאָלגנדע, ביז גאָר קעמפערישע שורות:

און אויב סע וועט זיך טרעפן,
אויב מע וועט באַדאַרפן, —
בייטן מיר דעם אַקער־קלונג
אויף אַ שווערד א שאַרפן . . .

יידיש־סאָוועטישע פּרויען־דיכטונג

„צושטייער" פון חנה לעווין, „מלוכה־פאַרלאַג פון אוקראַינע", 1929,
„ליכטיקע סטעזשקעס" פון ריווע באַליאַסנע, „מלוכה־פאַרלאַג", קיעוו, 1940,
„אין אויפשטייג" פון א. פיאַטיגאָרסקע, „אמת", מאָסקווע, 1940.

חנה לעווין איז די וויכטיקסטע יידיש־סאָוועטישע דיכטערין. אירע לידער זענען תמיד עכט, וואַרעם, האַרציק. איר וואָרט איז ווי פרישער, געראָטן אויסגע־באַקענער קאָרנברויט. זי איז פשוט, פאָלקסטימלאַך, ליריש און — דערציילעריש. און זי האָט וואָס צו דערציילן. און עס איז א מחיה זי צו לייענען. איר בוך „צושטייער" איז א זוניקער בייטראַג דער גאָרער יידישער דיכטונג. באַזונדערס אָבער איז דאָס־אָ בוך א וויכטיקער צושטייער דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג. ווייל חוץ דיכטערין, איז חנה לעווין קעמפערין. פון קליינוויז אָן. עס דערציילן פון דעם — אויפריכטיק, איבערצייגנד, — א סך לידער אירע.

געגעבן מיידל האָט צושטייער
אָט דער וועלט, וואָס ווערט געבוירן,
אייגן בלוט און אייגן פלייש.

אזוי דערציילט אונז די דיכטערין אין איינעם פון אירע „צושטייער"־לידער. און, ווייל מען זען בהדרגהדיקער, וויאַזוי די דיכטערין־קעמפערין האָט עס געטאָן, איז גוט צו נעמען לייענען דאָס בוך ניט פון אָנהייב — פון דער שיינער לידער־סעריע „פרוי", נאָר פון מיטן — פון דער שיינער לענגערער פּאָעמע „איינע ווי א סך אנ־דערע". די דאָזיקע פּאָעמע איז אן אויטאָביאָגראַפישע. קורץ, געשליפן און, ממש, פאַרכאַפּנד דערציילט דאָ די דיכטערין פון אירע קינדער־און יוגנט־יאָרן — ביז איר אָנשלום צום נייעם, סאָוועטישן לעבן.

די קינדהייט חנה'ס איז אדורך אין שאָטן פון נויט און ליידן. אירע עלטערן — פרומע, אַלטשטייגערדיקע, — זענען געווען גרויסע קבצנים. סיי טאַטע, סיי מאַ־מע האָבן געאַרבעט. פון ביידנס פאַרדינסטן אָבער האָט אָפט געפעלט אויף ברויט. און געוווינט האָט מען אין א פייכטן, פינצטערן קעלער. און געליטן האָט מען פון א האָנאָריסטער באַלעבאָסטע. דערצו האָט חנה, דאָס קליינע, אָרעמע מיידעלע, געהאַט אויסצושטיין פון רייכע שכנישע קינדער, וועלכע פלעגן זי באַליידיקן. זי איז אָבער פון קליינוויז אָן געווען א שטאָלצע און טראָציקע, און זי האָט זיך פון קיינעם ניט געלאָזט דערנידעריקן. די פריצישע באַלעבאָסטע, ביי וועמען זיי האָבן גע־וווינט, האָט איר איינמאָל אוועקגעשאָנקען א לענטע, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען פונעם האַלז פון אירן א הונט . . . האָט זיך חנה אָפּגעזאָגט פון דער־אָ מתנה. האָט עס דער האָנאָריסטער פריצע פאַרדראָסן. האָט זי די אָרעמע תושבים אירע ארויס־געזעצט פון קעלער. ווערט דער ארומיקער הויף פול מיט בעבעכעס, און דער פריצעס

הינט פארשמוצן זיי . . . און די מאַמע חנה׳ס איז פול מיט בושה. און דער טאַטע זאָגט תהילים . . . זי אָבער, חנה, בלייבט שטאָלץ, אומאַפּהענטיק. און אז די הויף־קינדער נעמען זיך מיט איר רייצן: ארויסגעטריבן! שלעפּער! — דערלאַנגט זי זיי אין די ציין.

שפּעטער־צו בעטן זיך איין חנה׳ס עלטערן, מע זאָל זייער קינד, וואָס האָט אַ גוט קעפּל, אריינעמען אין אַ שולע פאַר אָרעמע יידישע קינדער. און חנה קומט אַן אין שולע. און איר קומט דאָ אויס אַ סך צו ליידן. זי האָט דאָ אויסצושטיין פון אַ געמיינעם לערער, פון „וווילטעטיקע דאַמען". **אָבער אויך דאָ לאָזט זי זיך ניט** שפּייען אין דער קאַשע.

נאָכדעם, צו עלף יאָר, ווערט זי אַ פאַרדינערין. זי ארבעט ביי איינער אַ רייכער פרוי. ווערט שרעקלאַך עקספּלואַטירט:

אַלץ עלטער, אַלץ שטילער קומט סימע אהיים
אויגן גרעסער, דאָס פּנימל קלענער . . .

די אָרעמע, הכנעהדיקע מאַמע זעט עס מיט וויטאַקדיק צו:

אוי, שווער דיר, מיין פויגעלע, נאָר וואָס זאָל איך טאָן,
דער גורל פון קבצן איז שווייגן . . .

אזוי גלויבט די פרומע מאַמע. אזוי — דער טאַטע. זי אָבער, חנה, שווייגט ניט . . . און ווען עס קומט די רעוואָלוציע, נעמט זי אין האַנט אַ ביקס . . . איצט איז זי שוין אַ דערוואַקסענע און זי האָט שוין אַ „חבר" — וואַסיע: אַ סטאָליער. און ווען „אַ קלאַס אויף אַ קלאַס שטייט אויף", גייט ער, וואַסיע, שלאָגן די שונאים. און זי, חנה, גייט מיט.

זי נעמט אנטייל — ווי אַ סאָלדאַט, ווי אַ קראַנקנשוועסטער, ווי אַן אומלע־**גאַלע טוערין אין „טיל" פון שונא, — אין בלוטיקן בירגערקריג.** און יעדער שפּאַן אי־רער איז איצט פול מיט געפאַרן. בפרט, ווען זי לאָזט זיך אוועק — מיט אַ צלמל אויפן האַלז, מע זאָל מיינען, זי איז אַ קריסטין, — אין שונאס „טיל" — אויף אומ־לעגאַלער ארבעט. זי שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ פאַר קיין זאַך. ביז דאָס לאַנד ווערט באַפרייט, און סימע (חנה) קען ענדלעך אָפּרוען.

לאַנג אָבער רוען טאָר מען ניט. דאָס לאַנד ליגט אַ חרובע. דאַרף מען זיך נעמען צום אויפבוי. נעמט זיך צו דעם די דיכטעריז. און מיט דעם ענדיקט זיך איר שיינע אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע „איינע ווי אַ סך אַנדערע".

אין די אַנדערע לידער אין בוך דערציילט לעווין פון די שפּעטערע יאָרן אין סאָוועטנלאַנד. דאָס לאַנד בויט זיך. אַלץ באַקומט אַ ניי פּנים, אַ נייעם אינהאַלט. דער נייער, סאָוועטישער מענטש אָבער איז נאָך פול מיט בלאַנדזשעניש. **אין זיין** דראַנג נאָך אַ ניי לעבן ווערט ער נאָך אָפט געשטרויכלט. אָט, למשל, שטייט פאַר **אים, פאַרן סאָוועטישן מענטש, די וויכטיקע פּראָבלעם פון אַ נייעם משפּחה־לעבן. מע רעדט זייער פיל וועגן „פרייער ליבע". מע „פּראַקטיציר" זייער פיל דעם דאָ־**זיקן נייעם אופן משפּחה־לעבן. מע כאַפּט אָבער איבער די מאָס. מאַן און פרוי גייען זיך צו־לייכט צונויף, גייען זיך צו־שנעל פונאנדער. אוןביידע ליידן אָפט

פון דעם. און באזונדערס די פרוי — ווי א פרוי און ווי א מאמע. ארט עס שטאַרק דער דיכטערין. פירט זי — אין דער פּראַכטפולער לידער־סעריע „פרוי" — א פּאַ־עטישע דיסקוסיע מיטן סאָוועטישן מאַן:

מענער אונזערע זענען געוויינט אונז זען מיט פּאַנצן
און אויסטרינקען א נאַכט אַן חוב פארן מאָרגן, — בלינד.
נאָר פרויען נאַריש ליב פארגעסן וועט ניט קאָנען
דעם פּראָסטן גליק פון האָדעווען אַ קינד.

עס איז אמת: די סאָוועטישע פרוי איז אַן אנדער מין פרוי. ביים מאַן אירן איז זי ניט קיין שקלאַף. זי ארבעט מיטן מאַן באַגלייך — אויף די שווערסטע, פאַר־אַנטוואָרטלאַכסטע פּאָסטנס. און אַז מע דאַרף, נעמט זי א ביקס אין האַנט . . . דאָס הייסט אָבער ניט, אַז זי דאַרף לחלוטין פארלייקענען איר ווייבלעכקייט און — וואָס נאָך וויכטיקער — איר מאַמע־געפיל:

קען זיין, סט'דערעסן זינגען
פון לבנה און פון רויזן,
נאָר צי אמת טאַקע איז שענדלאַך שוין אַזוי —
זוכן איינעם נאָר פון הונדערט און פון טויזנט,
זוכן איינעם נאָר און איינעמס זיין א פרוי ? . . .

בייטאָג איז זי, די סאָוועטישע פרוי, ביז גאָר „מענעריש". זי טראָגט אפילו מענער־קליידער, זי רויכערט . . . ביינאַכט אָבער וויל זי זיין בלויז פרוי און — בלויז איינעמס:

און זאָל דאָס זיין דיר ווילדע,
און זאָל עס זיין דיר פרעמדע,
באמערק, ווי פרוייש־צאַרט
זענען שפּיצן ביי מיין העמדל . . .

אַט אַזוי אָפן און אמתדיק רעאַגירט אין יענע „נעפּ"־יאָרן די דיכטערין אויף דער היפּשער לייכטזיניקייט אין דער גאָר ערנסטער מאַן־און פרוי־פראַגע.

דאָס בוך „צושטייער" פארמאָגט אויך אנדערע, זייער געראָטענע לידער. למשל, די לידער־סעריע „גאַסן־קינדער" — וועגן די פארוואָרלאָזטע קינדער, וועלכע האָבן צוריק מיט יאָרן פארפלייצט דעם ראַטנפארבאַנד. דערציילט די דיכטערין פון די־אַ הפקר־קינדער, וועלכע האָבן זיך, א דאַנק דער ראַטנמאַכט, לאַנגשוין אויסגע־מענטשלט, — ביז גאָר רירנד. אָדער די לידער־סעריע „האַרבסט" — לירישע לידער, אומעטיק פארקלערטע, אַסיענדיק מעלאַנכאָלישע. אָדער די סעריע „וואָס עס גע־דענקט זיך" — פיינע קינדהייט־רעמיניסצענצן. און אַזוי — די לעצטע פּאָר לידער־סעריעס אין בוך — „אייגענע און פרעמדע" און „צושטייער", ווו עס קומט צום אויס־דרוק חנה לעווינס גזעלשאַפטלעכער אימפּעט, איר פרייד מיטן נייעם לעבן, איר גרייטקייט צו פאַרטיידיקן דאָס דאָזיקע נייע לעבן:

אויף קיינעם הייבן מיר ניט אויף קיין האַנט —
אונזער לאַנד וויל רו, ניט טויט,
נאָר האָט א לאָזונג אונזער לאַנד:
„זיי גרייט!"

און אלע ווייסן אים,
מיט אים מיר פלאַנצן גערטענער,
מיט אים באַגעגענען דעם טויט . . .

ווי חנה לעווינס, איז אויך ריווע באַליאַסנעס קינדהייט געווען א נויטפולע. ווי לעוויז, האָט אויך באַליאַסנע זיך דערצויגן אין אן אָרעמער היים. און ווי לעוויז, דערציילט פון דעם אויך באַליאַסנע אין פרישע, לירישע לידער:

איז שטומע וואָלקנס
שווימט מיין קינדהייט אויף,
א ניט־געפעסטעטע ביי מאַמעס שטילן שוים.
— — — — — — — — — — — —
דורך שפיגל אויף דער וואַנט
כ'האָב נאָר געזען דעם הימל . . .

און די דיכטערין — אן אומרויק קינד — רייסט זיך פון דער היימישער ענגקייט, גרויקייט. זי ציט זיך צו אן אנדער וועלט — צו א ברייטער, פרילינגדיקער:

ס'איז ווייט געווען דער פרילינג פון מיין שוועל,
כ'בין דאַך ארוים א ליכטיקע אין פעלד,
ווייל ס'איז אין מיר א זוים אזא פאַראַן,
וואָס גיט מיר לעבנס־קראַפט, וואָס שענקט מיר פלאַם . . .

האָט דער דאַזיקער „זוים" — די רעוואָלוציע — גענערט אונזער דיכטערין און געבראַכט זי לסוף צו ליכט און צו פרייד. און פונקט ווי לעווין, איז אויך באַליאַסנע פול מיט יונגע צאַפּלדיקע געזאַנגען צום נייעם, סאָוועטישן לעבן:

כ'לעב, ווי ס'לעבט דער צווייג אין זומער,
ווי עס לעבן רייפע זאַנגען,
ווי די זאַפט פון פרישע בלומען,
ווען די זון איז אויפגעגאַנגען.

און א מער נאָך זוניקע וועלט זעט באַליאַסנע אינעם מאָרגן. — איז זי מקנא איר קינד, וואָס עס האָט נאָך פאַר זיך א לאַנג לעבן. זי וואָלט איצט געוואָלט לאַנג יונג זיין:

גוט איז יונג זיין ביז אן אַכציק יאָר . . .

אָט מיט אַזאַ מין לעבנס־דאַרשט אָטעמען באַליאַסנעס „ליכטיקע סטעזשקעס".
די דיכטערין שאַפט צאַרטע נאַטור לידער, שפּינט אויס לויטערע קינדער־פּערזן. אָפּט אָבער דערמאַנט זי זיך אָן דעם בלוטיקן אַמאָל, בעת דעם בירגערקריג:

אָ, וויפל קערפּערס
האָט אין וואַסערן געוויגט דער דניעפּ,
און וויפל, וויפל יונגע טעכטער
געשלעפּט האָט מען אהערצו פאַר די צעפּ . . .

אָט די דאַזיקע קאַשמאַרנפולע פאַרגאַנגענהייט קען זיך נאָך איבערחזרן. ווייל דער שונא שווייגט ניט, האַלט אין איין לאָקערן. דאַרף מען דעריבער זיין גרייט.

איז עס די דיכטערין:
איך בין גרייט אין גרעסטע שלאַכטן
פאַר מיין ערד . . .

אויפן זעלביקן וועג, וואָס לעווין און באַליאַסנע, שפּאַנט א. פּיאַטיגאָרסקע. אויף דעם איז מעיד שוין דער נאָמען פון איר לידער־ביכל — „אין אויפשטייג". די דיכטערין געפינט זיך אין אויפשטייג. זי איז פול מיט גלויבן אינעם זוניקן היינט און אינעם ליכטיקן מאָרגן. און פול איז זי אויך מיט דראַנג צו דערגרייכן דעם דאָזיקן מאָרגן, וועלכן זי שטעלט זיך פאָר אַזוי:

עס וועט די שטוב ביי אונז ניט זיין פון שטיין און ליים —
פון דינסטן גלאָז, איך וויל, עס זאָלן זיין די ווענט,
און גאָר די וועלט מיר זאָלן זען פון אונזער היים
און שטענדיק פילן זאָלן מיר איר רויש און בלענד . . .

איז עס אַ טיף מענטשלאַכער פאַרלאַנג און אַ הויך פּאָעטישע פאָרשטעלונג. און די דיכטערין זעט עס „מיט ניכטערע אויגן". ווייל זי איז אַ קינד פונעם נייעם, סאָוועטישן לעבן, וואָס פאַרמאָגט „צעפּראַלטע טירן" און ווו עס איז מעגלאַך אַלדאָס פאַנטאַסטישע . . .

ווי לעווין און באַליאַסנע, איז אויך פּיאַטיגאָרסקע אָנגעקניפּט מיטן גאָרן מהות אירן אַן איר טייער היימלאַנד: און ווי זיי, פילט אויך זי באָדן־פעסטקייט אונטערן טראָט און רוימען־לויטערקייט איבערן קאָפּ. און זי דריקט עס אויס אויף איר אייגענעם אופן — אין געלאַסענע, קלאַסיש פאַרונדיקטע שורות:

וווהין עס ווענדעט זיך דיין בליק,
סע שטייען גאָלדיק געל די זאַנגען
און זעטיקייט אין פעלד זיך וויגט,
און זיכערקייט אין לופט צעהאַנגען . . .

אויך פּיאַטיגאָרסקע דערציילט אַפּט טרויעריקע זאַכן. אַט האָט זי געהאַט אַ יונגן ברודער — איז ער אוועק שלאָגן דעם שונא:

ער שטייט פאַר מיר אין היטל אין סטודענטישן,
די צוואַנציק יאָר אין בליק אין זיינעם שפּילן,
און פעסט ער האַלט די ביקס אין זיינע הענט שוין,
און גוט ער ווייסט וווהין, און וועמען צילן . . .

האָט זיך אָבער דער ברודער ניט צוריקגעקערט — געפאַלן אין שלאַכט, פאַרטיידיקנדיק דאָס טייערע היימלאַנד. איז עס אַ טרויעריקע דערמאָנונג. די דיכטערין אָבער געפינט אַ טרייסט. דער ברודער אירער, וואָס האָט זיך אוועקגעשאָנקען דער רעוואָלוציע, איז איצט — „אַלעמענס ברודער". און אין יעדן רויטאַרמייער קלאַפּט איצט זיין האַרץ . . .

אַט אַזוי פילט איצט אַ יידיש־סאָוועטישע דיכטערין.

1944

„טרייהייט“ פון ש. ראָסין

„אמת“, מאָסקווע, 1941.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט די יידישע פּרעסע געבראַכט די טרויעריקע ידיעה, אַז דער גוט באַקאַנטער יידיש־סאָוועטישער דיכטער ש. ראָסין איז געטויט געוואָרן אין שלאַכט, קעמפנדיק קעגן די נאַציס.

ראָסין איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסערע יידיש־סאָוועטישע פּאָעטן. ער האָט געגומען דיכטן פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. צוערשט געשריבן קורצע לירישע לידער. נאָכדעם, אין די ערשטע נאָך אָקטאָבער־יאָרן, שאַפט ער אַ לענגערע פּאָעמע „שיין“ — אַ ברייטערע אַפּשפּיגלונג פונעם בלוטיקן בירגערקריג. שפּעטער־צו דערשיינען זיינע צוויי פיינע לידער־ביכער „צו אַלע צו אונז“ און „פאַרליבטערהייט“. און קורץ פאַרן נאַציש אַנגריף אויף סאָוועטנלאַנד ווערט פאַרעפנטלעכט ראָסינס גרויס ווערק „טרייהייט“ — אַ ברייטפאַרנעמיקע פּאָעמע, אין דריי טיילן. אָט וועגן דעם־אָ ווערק ראָסינס — לײדער, זיין „שוואַנען־ליד“, — וועלן מיר אַ שמועס־טאָן מיטן לייענער.

אין „טרייהייט“ שילדערט ראָסין אויף אַ ליריש־עפּישן אופן דאָס לעבן אין רוסלאַנד פון אָנהייב אונזער יאָרהונדערט ביז עטלאַכע יאָר נאָך דער אָקטיאָבער־רעוואָלוציע. די געשעענישן קומען דאָ, דער עיקר, פאָר אין אַ פאַרוואָרפן אָרט אין פּאָלעסיע — אַ מקום, פול מיט אוראַלטע וועלדער, מיט זומפּיקע פעלדער און מיט בלאָטיקע וועגן. די איינוווינער פון דאָזיקן גרויען קאַנט — דאָרפישע, ניט־יידישע פּויערים און שטעטלשע יידן, — זענען, דאָס רוב, אביונים. די ניט־יידן זענען האָלצ־העקער, פּליטן־טרייבער, באַטראַקעס. די יידן — אָרעמע בעל־מלאָכה׳ס, קליינע קרעמער, קאַראַבעלניקעס. איבער דער דאָזיקער אָרעמקייט הערשן: דער פּריץ און דעם צאַר׳ס משרתים. דער פּריץ גיט די דאָרפישע ניט־יידישע פּויערים און די שטעטלשע יידן פּרנסה. זייער ברויט אָבער איז דורכגעווייקט מיט שווייס, מיט בלוט, מיט טרערן . . . און אויב דער עלטערער דור מאַכט מיט זיין ביטערן מצב שלום, ווייס אָבער ניט פון קיין שלום דער ייִנגערער דור, וועלכער איז, אָנהייב אונזער יאָרהונדערט, שוין היפּש אָנגעשטעקט מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען. רופט זיך דער ערשטער טייל פון ראָסינס גרויסער פּאָעמע — „זין און טעכטער“. דאָס זענען רע־וואָלוציאָנערע פאַרשטייער פונעם נייעם דור — ערב דעם אויפשטאַנד פון יאָר 1905.

פאַרנעמען צווישן די דאָזיקע בונטאַרישע „זין און טעכטער“ אַ וויכטיקן אָרט: יאָסל און מישקע. יאָסל איז אַ ייד — אַ קינד צו שטעטלשע אָרעמע עלטערן. צו צוועלף יאָר ווערט ער אַן אָרבעטער. צו פופצן פאַרלאָזט ער די היים. ער באַ־זעצט זיך אין איינער אַ גרויסער שטאָט, אַרבעט דאָ, ליידט, באַקענט זיך מיט רע־

וואָלוציאָנערן און טרעפט זיך אויך מיט מישקען, מיט וועמען ער קען זיך פונדערהיים.

מישקע שטאַמט פון „געמישטע" עלטערן: פון אַ מאַמע אַ באַטראַצקע און פון אַ טאַטן אַ פּריץ. די מאַמע מישקעס, וואַרוואַרע, אַ פּויערטע, האָט געאַרבעט ביי איר דאָרפישן פּריץ. האָט ער זי טראָגעדיק געמאַכט. און זי געבירט אַ זון — מישקען. איז מישקע אַ ממזר, אין וועמענס אָדערן עס רינט פּריציש בלוט. ער איז אָבער מיטן „טאַטן" זיינעם, מיטן פּריץ, שטאַרק אומצופרידן. ער איז אויפן פּריצישן טאַטן — פאַר דער מאַמעס שאַנד, פאַרן פיין פון אַלע געקריוודעטע און געדריקטע — מלא חמה.

איז מישקע — ווי יאָסל, ווי טויזנטער אַנדערע „זין און טעכטער" פון פּשוטן פאָלק, — אַ רעוואָלוציאָנער. און ער אַרבעט צוזאַמען מיט יאָסלען. זיי פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור. זיי העלפן אָרגאַניזירן די מאַסן. און אָט קומט דאָס פינפטע יאָר. דאָס לאַנד צעשטורעמט זיך. עס ברעכן אויס שטרייקן. מע ברענט פּריצישע מאַיאָנטקעס, מע קעמפט קעגן דער צאַרישער פּאָליציי.

דער דאָזיקער ערשטער, גרויספאַרנעמיקער פאָלקס־אויפשטאַנד פאַלט אָבער דורך. און אַ פינצטערע רעאַקציע צעבושעוועט זיך — אַ באַגלייטעט פון פּאָגראָמען, צעשיסונגען, תפיסות, קייטן, סיביר . . . שילדערט ראַסין — אין פרישע, זאַפטיקע שורות, אין געשליפענע פערזן, אין תמציתדיקע קאַפּיטלאַך, — יענע בלוטיקע צייט. און פאַר אונזערע אויגן גייען פאַרביי צענדליקער קעמפער. און מיר זענען עדות פון פאַרכאַפּנדיקע סצענעס: ווי רעוואָלוציאָנערן אָרגאַניזירן זיך, ווי מע קעמפט אויף באַריקאַדעס. און אָט קומען צאַרישע שטראָף־עקספּעדיציעס. אָט שמייסט מען דעם אַלטן לוקין — וואַרוואַרעס טאַטע און מישקעס זיידע. נאָכדעם פאַרשיקט מען אים, לוקינען, צוזאַמען מיט יאָסלען און מיט אַנדערע, ניט־יידישע און יידישע בונטאָווטשטשיקעס, קיין סיביר.

און עס ציען זיך הושכדיקע יאָרן. דאָס לאַנד איז אין קלעם. און גרויס איז די פיין . . . די רעוואָלוציע אָבער איז ניט טויט. און צוביסלאַד פאַרשטאַרקט זי זיך. און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט זי באַזונדערס טעטיק. און אָט קומט פעוורואַל 1917. אויפן פראָנט, אין די אָקאָפּעס, צערעכנט מען זיך מיט די אָפיצערן . . . און טיפער אין לאַנד איז שטאַרק אומרויק. און עס גרייט זיך שוין אַ קאָנטער־רעוואָלוציע . . . די באָלשעוויקעס אָבער, אויך מישקע, וועלכער געפינט זיך, ווי אַ סאָלדאַט, אויפן פראָנט, שטייען אויף דער וואַך; גרייטן צו דעם אָקטיאַבער־אויפשטאַנד. און מיט דעם־אָ אויפשטאַנד שליסט זיך דער צווייטער טייל פון ראָמאַנס פּאָעמע — דער טייל, וואָס רופט זיך „טרייהייט".

בינו לבינו קערן זיך אום פון סיביר, פון די שווידערלאַכע קאַטאָרגעס, טויזנטער באַפרייטע קעמפער. צווישן זיי — יאָסל, דער אַלטער לוקין א. א. און מע נעמט זיך צו די פאַרשיידענע שונאים פון דער רעוואָלוציע. און אָט פלאַקערט שוין דער בירגערקריג. באַנדעס בושעווען. יידיש בלוט גיסט זיך. דער אַלטער לוקין ווערט אַ רויטער פּאַרטיזאַן. און ער ווערט אומגעבראַכט פון די „ווייסע". און אויך מישקע ווערט געטויט — דורך אַן אייגענעם ברודער . . . און טויזנטער אַנדערע קעמ־

פער ליגן אוועק די קעפּ.

דערווייל שלאָגט זיך יאָסל אויף פאַרשיידענע פראָנטן. אין דער זעלבער צייט פירט ער אַ ליבע מיט איינער אַ רעוואָלוציאָנערקע — טאַסיע. ציט אָבער דעם דאָזיקן מיידל צו אַן אַנדערן. איז יאָסל צוערשט אייפערזיכטיק. נאָכדעם אָבער בעט ער זיך איבער: עס פּאַסט ניט פאַר אַ באָלשעוויק צו זיין צוליב אַ ליבע אייפערזיכטיק . . . שענקט ער זיך איינגאַנצן אוועק דעם באַפרייונגס־קאַמף. און ענדלאַך ווערט דער דאָזיקער קאַמף געקרוינט מיט ניצחון. און אַזוי טאַקע רופט זיך דער דריטער — לעצטער — טייל פון ראַסינס גרויסער פּאָעמע — „ניצחון". די כל המיני „ווייסע" באַקומען זייער געהעריקן לוין. דער יונגער פריץ פּעפּעלישקע, וואָס האָט געלאָזט אויפהענגען מישקען, דעם אייגענעם ברודער זיינעם, ווערט דערשאָסן. עס ווערן אויך פאַרניכטעט אַלע אַנדערע ראָטן־שונאים. עס פאַלן אויך פאַרשטייט זיך, באָלשעוויקעס — אין די גרויסע טויזנטער פאַלן זיי. זייער בלוט אָבער איז ניט אומזיסט פאַרגאָסן געוואָרן:

דורך אומרו, דורך פּיין און דורך וואָגל,
ווען טויט האָט אויף וועגן געלויערט, —
זיי האָבן דאָס לעבן געטראָגן
אַנטקעגן געפאַר און ניסיון.
אין שטרייטן אוועקגעגעבן
זיי האָבן דאָס לעבן, די יוגנט,
און האָבן מיט זייערע לעבנס
פאַרוואָרפן אַ בריק אין דער צוקונפט . . .

1942

וועגן דריי דיכטער

„כ'האָב ליב דיך, לעבן" פון מ. האַרצמאַן, „מלוכה־פאַרלאַג", קיעוו, 1937;
„העלער טאָג" פון א. גאָנטאַר, „מלוכה־פאַרלאַג", קיעוו, 1938;
„אין לעבן פאַרליבט" פון כ. וויינערמאַן, „מלוכה־פאַרלאַג", קיעוו, 1940.

די יידיש־סאָוועטישע דיכטער זענען פלאַמיק פאַרליבט אין לעבן. זיי זענען פאַרליבט אין לעבן מיט דער ליבע פון מענטשן, וועלכע האָבן יאָרנלאַנג געלעבט אין קלעם, אין נויט, אָן ליכט, אָן פרייד. און פלוצים ווערן זיי פריי, אויפגעריכט, פאַר־גיטיקט פאַר אַלע זייערע לײַדן. און זיי דערזעען אַרום זיך אַ פריידיקע וועלט. און די חושים זייערע, אָפּגעטעמפּטע פון יאָרנלאַנגן פּיין, ווערן וואַך, דין, אָנגעשפּיצט. און זיי דערפילן טיף די צאַרטע הימל־בלויקייט, דעם מילדן ערדן־גרין. און זיי דערשפּירן שאַרף דאָס ליכט פון טאָג, דעם אָטעם פון ווינט, דעם ברויז פון לעבן. און זיי נעמען גלייך ליבן דאָס דאָזיקע לעבן. — אָט מיט אַזאַ מין לעבנס־ליבע אָטע־מען די לידער פון די דריי יונגע, יידיש־סאָוועטישע דיכטער מ. האַרצמאַן, א. גאָנטאַר און כ. וויינערמאַן.

מ. האַרצמאַנס לידער־בוך (זיין ערשטלינג, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט) רופט זיך „כ'האָב ליב דיך, לעבן". און מיינען מיינט דאָ דער דיכטער, ראשית כל, דאָס סאָוועטישע לעבן. און האַרצמאַן האָט פאַרוואָס צו ליב האָבן דאָס דאָזיקע לעבן. אַ דאַנק דעם־אַ לעבן ווייס ער מער ניט פון קיין נויט, פון קיין פּיין. ווי ער האָט עס געוווסט אַמאָל, אין זיין טרויעריקער קינדהייט:

קינדהייט מיינע! ביסט פאַרווייט שוין,
אָבער איך וועל דיך געדענקען,
ווען פאַרפרי, ווען הענער קרייען,
פלעג די מאַמע נייען קליידער,
פאַר די רייכע חופּות נייען
אין דעם קעלער־הויז דעם ענגן.

דעם דיכטערס קינדהייט איז אַדורך אין אַן אָרעמער קעלער־היים. מען האָט זיך דאָ אָפּט אַרומגעקריגט איבערן ביסן ברויט. דער טאַטע האָט, פון יאוש, גע־שיכורט. די מאַמע איז, פון לײַדן, פרי אַלט געוואָרן. נאָכדעם, בעתן בירגערקריג, בעת די פּאָגראָמען, ליידט די דאָזיקע היים נאָך מער. איז געקומען די ראַטנמאַכט און אויפגעריכט דאָס דאָזיקע ביטערע לעבן. און פאַרן יונגן באַגאַבטן דיכטער צע־וויקלען זיך ברייטע האָריזאָנטן. ער דערזעט אַ ליכטיקע, פריידיקע וועלט. ער נעמט זיך פרייען מיט אָט־דער וועלט, מיט אָט־דעם נייעם לעבן. און ער דריקט אויס זיין פרייד אין ברייטע זינגעוודיקע שורות:

מיין פריינט, ווען דו ווייסט, וואָס הייסט פילן דיין ערד דיין פאַרדינטע,
און עסן דאָס ברויט, וואָס דו האָסט געשניטן שוין פריידיק.

ווען דו זאָלסט א פרוי זיין און דארפן געבוירן דאָס קינד דיינס,
און ווערן צעריסן פון ווייען, געשרייען און ווייטיק,
און נאָכדעם דערפילן דיין קינד אויף די אייגענע הענט שוין,
און פילן: דיין גליק אזוי שטאַרק איז, ווי שטאַרק ס'איז דיין ווייטיק
געוועזן, —
אָט דאָס איז, מיין פריינט, מיין געפיל צווישן גליקלאָכע מענטשן,
דאָס איז מיין דערוואָרבענע ערד, וואָס איך קאָן ניט פארגעסן!

און הארצמאַן ווערט ניט מיד צו זינגען דער דאַזיקער „דערוואָרבענער ערד" זיינער פּרעכטיקע הימנען:

איך בין א פּויער אויף מיין פרייען פעלד
און צו דער וואָגשאָל וועל איך מער ניט קערן.

— — — — — — — — — — — — — — —

מיין גרויסער סטעפּ איז יעדנס גרויסער סטעפּ,
גלייך ווי דער וואָלקן און דער רעגן,
וואָס שפּריצט אויף יעדנס יונגע קעפּ,
אויף מיינס און אַלעמענס פאַרמעגן.

און אין אַן אנדער ליד:

פּאַל איך אום פון גליק
אויף דער ערד פאַרקלערט,
און איך האַלז זי שטאַרק,
אונזער מוטער ערד:
ליג איך אויף דער ערד,
פון דער זון באַהעלט,
ס'איז אַן סוף מיין גליק,
ס'איז אַן סוף מיין וועלט.

און דאָ קומען מיר צו א צווייטער פריידיקער דערשיינונג אין הארצמאַנס לידער — צום טיפן געפיל פון אין־סופיקייט, וואָס ברויזט אין זיי. דער פּאָעט, דער פּלאַמיק פאַרליבטער אין לעבן, ברייטערט־לענגערט אוים זיין דאָזיקע לעבנס־פאַרליבטקייט. און זי שפּרייזט אריבער די סאָוועטישע גרענעצן — דערגרייכט די ווייטסטע וועלט־ענדן, די טיפסטע ספערן. דער דיכטער נעמט אַנען, ליבהאָבן און באַזינגען דאָס „אייביקע לעבן". „ס'שטאַרבט גאָרניט אויף דער ערד און ים". „איין גרויסער טאָג איז אונזער לעבן". עס שטאַרבט א מענטש, עס שטאַרבט קיין מענטשהייט ניט" . . . אָט געפינט ער זיך אויף א בית עולם — באַנאַנד מיט א געליבטער זיינער, באַזוכנדיק איר טאָטנס קבר. שטייען זיי ביים קבר, ביי דער מצבה און — וואָס פילט ער בעת מעשה, דער דיכטער? פילט ער ניט קיין טויט. שפּירט ער — ה מ ש ך . און ער דריקט עס אוים אין א וווּנדערלאָכן פערז:

עס שטייט אויף אים א שטיק גראַניט,
א שאָטן וואַרפט ער אָפּ א שוואַרצן,
א וויאַז רוישט איבער זיין געמיט,
די וואָרצלען וואַקסן פון זיין האַרצן . . .

און דורכגעדרונגען מיטן דאָזיקן גרויסן געפיל, — מיטן געפיל פון „אייביקן

דויער״, — שרעקט זיך ניט דער דיכטער פארן טויט. עס איז אמת: אים איז גע־וואַלדיק טייער דאָס לעבן. ער האָט אַ מעכטיקן פאַרלאַנג וואָס מער צו פאַרלענגערן דאָס דאָזיקע לעבן:

פאַרלענגערן מענטשלעכע יאָר,
פון מענטשלעכע יאָרן דעם ברויז —
וואַקסט אויס אין מיין האַרץ אַזוי קלאָר
אַ פאַרלאַנג, ווי אַ שטורעם די גרויס . . .

און באַזונדערס איז אים טייער דאָס סאָוועטישע לעבן. דאָ איז אַלץ פריי, געזונט. דאָ פילט זיך דער דיכטער זיכער, גליקלאַך. און פון גליק זינגען אַלע זיינע גלידער.

עפן זיך, מיין האַרץ,
ווי דער הימל פריי,
ווי דער יונגער קנאָספּ
אין דעם שיינעם מאַי . . .

דאָך, אויב עס וועט אים אויסקומען צו שטאַרבן (און איינמאָל מוז מען דאָך שטאַרבן), וועט ער זיך פאַרן טויט ניט שרעקן. ער וויל בלויז „אַנדערש" שטאַרבן — העלדיש, אין קאַמף קעגן בלוטיקן שונא:

איך האָב ליב דאָס לעבן, אויב זשע איינמאָל שטאַרבן,
איז ניט אויף מיין בעט, פון שוואַרצע ליכט באַשיינט,
בעסער צווישן פעלזן פאַלן זאָל מיין שאַרבן
אין די לעצטע קריגן מיטן לעצטן פיינט . . .

פיל געמיינזאַמעס מיט האַרצמאַנען פאַרמאָגט א. גאָנטאַר. אויך ער, גאָנטאַר, איז געוואַלדיק פאַרליבט אין לעבן און, ראשית כל, אין סאָוועטישן לעבן. און אויך זיין פאַרליבטקייט גייט ווייטער, טיפער:

איך האָב געזאָגט צום דעמב: דו ביסט שוין אַלט,
איז וואָס איז דיין באַגער, דיין העלער שטרעבן?
האָט דער בוים גענטפערט רויק באַלד:
— אין וואַקסן און אין לעבן!

און ווי דעם בוים׳ס, אַזוי איז אויך דעם דיכטערס באַגער „אין וואַקסן און אין לעבן". בפרט, אין זיין סאָוועטיש היימלאַנד, וווּ דאָס לעבן איז פריי, פריידיק, העל. — רופט דער דיכטער זיין לידער־בוך „העלער טאָג". און די לידער דאָ זענען טאַקע העלע און מאַגיקע. פריש, ריטמיש זינגט גאָנטאַר וועגן זיך און זיין היימ־לאַנד. **ער פרייט זיך מיטן אייגענעם לעבן, מיט דער זיכערער היים, מיט ווייב און** קינד; און ער פאַרבינדט די דאָזיקע פרייד מיטן גאָרן ריזיקן, גליקלאַך זיך־בויענדיקן לאַנד:

רויק אַקערט מען דאָס פעלד, ס׳קאַכט זיך שטאָל און אייזן,
ס׳וועלן וועכטער אינעם שלאַכט וונדער נאָך באַווייזן.

און שלאַכטן וועלן נאָך, מן הסתם, זיין. די שונאים רוען ניט. ראַטנלאַנד

אָבער ווייס שוין דעם טעם פון בלוט, פון פייער. **שרעקט זי זיך ניט. ווי זי האָט זיך אַמאָל, בעתן בירגערקריג, ניט געשראָקן. ווייל זי פאַרמאָגט נייע מענטשן** — דרייסטע, מוטיקע, העלדישע. ווי, א שטייגער, די זעקס קאָמיוגיסטקעס (אין גאַנטאַרס שיינער פּאָעמע „ביים אייזערנעם בריק״), וועמען די דעניקינצעס האָבן אומגעבראַכט. אָדער ווי די יונגע יידישע פּאַראַשוטיסטקע עטל (אין דער פּאָעמע „די מאַמע״). אָט די־אָ פּאָעמע איז פון די שענסטע און גרעסטע אין גאַנטאַרס בוך „העלער טאָג״.

אין זאפטיקע, געשליפענע שורות שילדערט דאָ דער דיכטער צוויי וועלטן: אַן אַלטינקע מאַמע און איר יונגיטשקע טאָכטער. לעבט די מאַמע לויטן אַלטן שטייגער, אין איר קליינער, ענגער שטעטל־היים. און די טאָכטער אירע, די יונגיטשקע עטל, — זי איז אוועק גאַר־גאַר . . . הויך. זי איז געוואָרן א פּאַראַשוטיסטקע, פליט ארום אין די הימלען און — שרעקט זיך ניט פארן טויט . . . גייט ארויס איינמאָל די אַלטינקע מאַמע פון איר קליינשטעטלשער היים, טוט א קוק אויפן הימל, צו אַן עראָפּלאַן, וואָס פליט, — ערשט א „מלאך״ לאָזט זיך צו איר אראָפּ, — עטל, די טאָכטער, די פּאַראַ־שוטיסטקע, וואָס „קומט״ צו דער מאַמען צו־גאַסט. און אָט שטייען זיי שוין, מאַמע און טאָכטער, פּנים צו פּנים:

ס׳איז בליומע געשטאַנען פאַרקלערט,
ניט געוווּסט — זאָל זי וויינען, צי לאַכן?
זי האָט אין איר לעבן געוווּסט נאָר דעם וועג
פון איר שטוב צו דער שוויגער.
— — — — — — — — — — —
געוווּסט האָט זי מעלקן די קי,
צי די ווייסינקע ציגן,
און פרייטיק־צו־נאַכטס
אירע דינינקע ליכטאלאך בענטשן.
— — — — — — — — — — —
און איצט שטייט די טאָכטער פאַר איר
ווי א יינגל געשוירן,
און שפּרינגט פונעם הימל —
און האָט פאַר דעם טויט ניט קיין מורא . . .

אָט אזעלכע זענען זיי, די סאָוועטישע מענטשן, באזונדערס, דער יונגער דור, — דרייסטע, מוטיקע, גרייטע צו קעמפן קעגן טויט, קעגן די ברענגער פון טויט . . . און דער דיכטער באזינגט זייי היים און פריידיק. ווייל ער איז איינער פון זיי . . .

אין די טריט פון הארצמאַן און גאַנטאַר שפּאַנט כ. וויינערמאַן. „אין לעבן פאַרליבט״ רופט זיך זיין לידער־ביכל. און יעדע ליד דאָ זאָגט טאָקע עדות אויף דער לעבנס־פאַרליבטקייט פונעם דיכטער. אָט זענען א ריי „ביראָבידזשאַנער מאָ־טיוון״ — פרישע, בילדערישע לידער, קוועלנדיקע מיט רויערד, מיט אורקראַפט.

אָט איז דער „ייד פון טאָלנע״ — א גלותדיק, קליינשטעטלדיק ייד:

דער ייד האָט פון אייביק בשלום

ניט געלעבט מיט קיין טייך, מיט קיין וואַלד . . .

וואַנדערט ער אריבער קיין ביראָבידזשאַן און דאָ דערפילט ער:

דעם מעכטיקן אָטעם פון ערד,
דעם אייביקן קריג פון די וואָרצלען,
דעם גרינעם געבלעטער אין רוים . . .

און אָט איז א ליד „וואַלד־וועכטער" — א מחיה'דיקע שילדערונג פון א ייִדישן וואַלד־וועכטער אין א ביראָבידזשאַנער בראשיתדיקן וואַלד.

מאָלט ווײַנערמאַן דעם באַהעפטונג־פּראָצעס פונעם גלות־ייִד מיטן אַמאָליקן מקור זײַנעם — מיט דער ערד, מיט דער נאַטור. מאָלט ער — שיין און שטאַרק — ייִדישע פישער, געהילץ־טרײַבער. זינגט ער — שפּילעוודיק, איינפּאַלעריש, — א ביראָבידזשאַנער וויגליד. פרייט ער זיך מיטן קינד זײַנעם, וועמענס קינדהייט איז א גליקלאַכע — ניט ווי די קינדהייט פון דיכטער, פון זײַן פרוי:

דיך האָט דײַן מאַמע געבאָרן
ביי פרעמדע פאַרשלאָסענע טירן,
מיך האָט מײַן מאַמע געבאָרן,
וואַשנדיק גרעט ביי די גבירים.
אין ווײַטיקן גרויסע און שווערע
זיי זענען געגאַן אויף דער אַרבעט,
ס'האָבן אונז מאַמעס געבאָרן
אויף קוויט און אויף נויט און אויף שטאַרבן . . .

אַזאַ איז געווען די קינדהייט פון דיכטער, פון זײַן פרוי, פון מיליאָנען אַנ־דערע מענטשן פון ווײַנערמאַנס דור. יענע צײַט אָבער איז שוין לאַנג אוועק. און די איצטיקע קינדער זענען אַנדערע. און אַזוי אויך — די דערוואַקסענע. מע ווייס מער ניט פון נויט, פון מענדעלעס טאַרבע . . . און טאָמער לויערט נאָך דער פײַנט — וויל פאַרניכטן דאָס נייע, וויל צוריקברענגען דאָס געוועזענע, — וועט מען זיך ניט לאָזן, וועט מען זיך העלדיש אָקעגנשטעלן:

דײַן שליחות פּילסטו אויסעט, מײַן פרײַנט, ווי א העלד,
נאָר ס'קלאַפּט אָן דער טויט אין דײַן טאַנק, אין דײַן גיבור,
נאָר איבער דעם טויט שפּאַנט דײַן טאַנק אויך אַריבער . . .

„שלום און חוה“

א ראָמאַן אין פערזן פון עמ. קאַזאַקעוויטש, „אמת“, מאָסקווע, 1941.

עס איז ניט פון די גרינגע זאַכן אָנצושרייבן אַ ווערק אין פּראָזע, ווו עס ווערן ברייטפאַרנעמיק געשילדערט פאַרשיידענע לעבנס־שטייגערס, ווו עס ווערן אויפגעלעבט אַלערליי טיפּן און געשטאַלטן, ווו עס ברויזט מיט אַקציע, מיט ליידנשאַפטן, מיט געראַנגלען: און פיל שווערער איז אָנצושרייבן אזא מין ווערק אין דער פאָרם פון ליד, אין קורצע, געגראַמטע שורות, אין געמאָסטענע פערזן. איז טאַקע די־אַ שאַפונגס־פאָרם — ראָמאַנען אין פערזן — אַ זעלטענע. באַזונדערס, אין דער יידישער ליטעראַטור. — פרווווט איצט אויספילן דעם דאָזיקן „ליטעראַרישן בלויז“ איינער אַ באַגאַבטער יידיש־סאָוועטישער דיכטער — עמ. קאַזאַקעוויטש.

די טעמע פון קאַזאַקעוויטשעס ראָמאַן אין פערזן איז — סאָוועטישע בויונג אויפן ווייטן מזרח, אין ביראָבידזשאַן. מיט דער דאָזיקער בויונג זענען פאַרנומען פאַרשיידענע מענטשן — יונג און אַלט, מאַן און פרוי, צונויפגעפאָרענע פונעם גאָרן ראַטנפאַרבאַנד. ווערן די־אַ אַלערלייקע בויער ווי געהעריק ארומגעשילדערט פונעם מחבר. גייט פאַרביי פאַר אונדז אַ קאַלירפולע וועלט. גייען פאַרביי פאַרשיידענע לעבנס. און גוט איז מיטצומאַכן מיט די וויכטיקסטע העלדן אין ראָמאַן דעם לאַנגן וועג זייערן ביזן ווייטן מזרח: ווי אויך אַלע זייערע גילגולים אין ביראָבידזשאַן גופא. דער ראָמאַן איז איינגעטיילט אין ניין גרויסע קאַפּיטלען, און ס'ערשטע רופט זיך „צוג נומער 42“.

צום ווייטן מזרח יאָגט אַ פולגעפּאַקטער צוג. ער פירט פאַרשיידענע פּאַסאַזשירן, דער עיקר, יוגנט. דער וועג איז אַ לאַנגער. מע פאָרט טעג און וואָכן. מע פאָרט פון אוקראַינע, פון וואָלין, פון ווייסרוסלאַנד, פון פּאָלעסיע. עס פאָרן בעל־מלאָכה'ס, אינזשענערן, רויטאַרמייער. אָט פירט מען אַ וואַגאָן מיט הינט — געלערנטע גרענעץ־הינט, וועלכע וועלן אַכטונג געבן אויף די סאָוועטישע גרענעצן, וועלכע וועלן „האַלטן אַן אויג“ אויף די יאַפּאַנעזישע פּאַשיסטן:

זיי שטייען מעכטיקע און דאַרע,
די שאַרפע אויערן געשפּיצט,
און צווישן זיי מיט אַ גיטאַרע
אַ בלאָנדער רויטאַרמייער זיצט . . .

אין ווייטן, אוריונגן קאַנט, וואָס נעמט זיך פיבערדיק בויען, פירט מען אַריבער שטיקער פונעם אַלטן, איינגעזעסענעם לעבן:

אין ווייטן קאַנט מע פירט אַריבער
דעם דראַנג צו אַלץ, וואָס גרויס און ניי,

די וואַרעם פון פאַרלאָזטע שטיבער,
פון פראָסטן זיין די טומלעריי . . .

גערפינט זיך צווישן די פּאַסאַזשירן פונעם „צוג נומער 42" אַ יונג פּאָרפאָלק: שלום און חוה. ביידע קומען זיי פון אַ קליין שטעטל אין וואָלין. שלום שטאַמט פון אַלטשטייגערדיקע עלטערן. דער טאַטע זיינער, אַ קרעמער, איז געווען אַ פרומער ייד — אפילו נאָך דער רעוואָלוציע. ער האָט דאָן געהאַט אַ שטעלע פון אַ שומר און דערביי — אויפגעהיט זיין פרומקייט:

ביי פעסער צעמענט צווישןביימער
געדאַוונט מינחה שטילערהייט . . .

חוה ווידער איז אַ קינד צו אָרעמע קלעזמער, אַ יתומה, שלום'ס אַ שכנה. זיי קענען זיך פון קליינוויז אָן. און פירן פון דאָן אָן אַ ליבע — אַ צניעותדיקע, אַ קליינשטעטלשע:

אַזויפיל שטעטלדיקע תמימות
אין זייער האַלטן זיך באַצווייט,
אין זייערע ניט־דרייסטע רייד
ווענן די „פעטערס און די מימעס" . . .

און איצט זענען זיי שוין אַ יונג פּאָרפאָלק. און זיי פאָרן קיין ביראָבידזשאַן. זיצן זיי ביידע אין טומלדיקן וואַגאָן און — פילן זיך גליקלאַך:

ביים פענצטער זיצט די יונגע פּאָר
און קוקט, ווי בערג און פעלדער לויפן;
ער פילט דעם דופט פון אירע האָר,
זי הערט דעם קלאַפּ פון זיינע שלייפן . . .

מיט זיי צוזאַמען פאָרט אַן אַלט פּאָרפאָלק — שניאור־עליע און זיין ווייב ריווע. שניאור־עליע איז אַ גלעזער. אים איז געווען אַ שאָד צו פאַרלאָזן זיין היימשטאָט, ווו אַלע מענטשן האָבן געקוקט דורך זיינע, דורך שניאור־עליעס, שויבן . . . פאַרמאָגט ער אָבער אין ביראָבידזשאַן אַ באַרימטן זון — פאָרט ער, אַ צופרידענער, צום זון. און מער נאָך צופרידן מיט דער נסיעה איז די „אַלטע" זיינע — ריווע. אין היימשטעטל אירן, ביי אירע קיד־טעפּ און שבת־ליכט, האָט זי ניט געחלומט אפילו פון אַזאַ גרויסער, ווונדערלאַכער וועלט . . . און אַט זעט זי פאָר זיך די דאָזיקע וועלט. איז זי קאָנטעט. און זי שליסט אין באַן פאַרשיידענע באַקאַנטשאַפטן. און ווערט אויך אויסגעבונדן מיט שלומען און חוה'ן.

און אָט איז מען שוין אין ביראָבידזשאַן און דאָס לעבן דאָ איז נאָך אַ בראשיתדיק'ס. און די שטאָט ביראָבידזשאַן — זי האַלט זיך ערשט אין בויען. און אַ טומל איז דאָ, אַ באַוועגונג, — ווי אויף אַ גאָר רוישיקן וואָקזאַל. פילן זיך אַ לענגערע צייט די איבערוואַנדערער ווי געסט:

אין מי, אין שווערער האָרעוואַניע,
אין טומל און גאַנץ אָפּט אין פּיין
איז שטאָט געוואַקסן — אַן אַכסניה
ביים שיידוועג צו דעם נייעם זיין . . .

און דער דאָזיקער „נייער זיין" איז א ביז גאָר האַרבער. אַרום־און־אַרום איז טייגע, ווילדערניש. און אַליין איז מען פון קלײנע, שטילע, פאַרחלומטע שטעטאַ־לאַך . . . מען איז אָבער יונג, קרעפטיק, פול מיט גלויבן אינעם נייעם לעבן. אָרגאַני־זירט זיך דאָ א יוגנט־קאָלעקטיוו, אַז וועלכן סע שליסן זיך אָן שלום און חוה. און דער קאָלעקטיוו לאָזט זיך אוועק אין טייגע — בויען א ניי ישוב. איידער אָבער חוה גייט אין טייגע, באַקענט זי זיך מיט שמעונען — מיטן באַרימטן זון פון שניאור־עליע דעם גלעזער.

שמעון האָט אַדורכגעמאַכט אַ אַלטשטייגערדיקע קינדהייט. מיטן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע ווערט ער א קעמפער. און איצט געפינט ער זיך אויפן ווייטן מזרח: פאַרנעמט דאָ א וויכטיקן אמט: איז כסדר פאַרטאָן אין דער אַרבעט: האָט אפילו ניט קיין צייט צו פירן א ליבע . . .

שמעון אָבער איז אין פולן בלי פון לעבן און, דערזעענדיק חוה'ן, — א שיינע, א רייצנדיקע, — פאַרליבט ער זיך אין איר. דאָס טויג אָבער ניט. חוה האָט שוין א מאַן — שלומען. דערצו גייט זי אין טייגע. געזעגנט זיך מיט איר שמעון א היפּש פאַרומערטער.

און דער יוגנט־קאָלעקטיוו — „לענינוואָלד" איז זיין נאָמען — איז שוין אין טייגע. עס געפינט זיך דאָ א היפּשע חברה: בחורים און מיידלעך: יונגע, געזונטע, מוטיקע, ענערגישע. און מע נעמט זיך צו דער אַרבעט.

מע ווערט אָבער באַלד באַפאַלן פון פאַרשיידענע שוועריקייטן. עס קומט דאָ אויס צו קעמפן מיט א ווילדער נאַטור. און אַט פאַלן אוועק עטלאַכע פערד. נאָכדעם ווערט קראַנק איינער פון די חברים — מישע גראַף. נאָכדעם צערעגנט זיך מבולדיק — דראָט צו פאַרפלייצן אַלץ און אַלעמען.

ווערט דער עולם אַפּהענטיק, לאָזט אַראָפּ די הענט. און אייניקע בונטעווען זיך: זיי ווילן דאָ ניט אומקומען . . . און אויך שלום איז ניט צופרידן, באַזונדערס, צוליב חוה'ן: זי ווערט אים דאָ א פרעמדע. ער קען דאָ מיט איר ניט זיין אינטים. אַלע ווינקעלעך זענען דאָ אונטער איין דאַך. ניטאָ קיין אייגן ווינקל . . . וואָרפט ער זיך, שלום:

ער וויל ניט ליגן אין פונדאַמענט.
ער וויל פון קיינעם דאָ ניט וויסן.
ער וויל ניט, אין זיין אייגן שיסל
זאָל קוקן יעדער ביזן דעק . . .

נאָכדעם ווערט ער, פשוט, אייפערזיכטיק. חוה איז צו אַלעמען ביז גאָר אויפמערקזאַם. אַט, למשל, באַדינט זי דעם קראַנקן מישע גראַף. וויל עס שלום ניט ליידן. חוה אָבער איז אַן איבערגעבענע קאָלעקטיוויסטקע — קען זי אַזעלכע רייד ניט הערן: שלום איז אַן עגאָאיסט, האָט בלויז זיך אין זינען . . .

בינו לבינו קומט א נייע צרה. עס מישט זיך אַריין אין די ענינים פון „לע־נינוואָלד" איינער א קאַרפּונקלשטיין. ער איז אַן איבערוואַנדערונגס־פאַרוואַלטער, אָבער א ביוראָקראַט, און אפילו א שעדיקער . . . און ער האָט שוין ניט איין מאָל

געכאפּט א פּסק פאר „שיינע" מעשים. ער פארגעסט זיי אָבער, די חטאים זיינע, זינדיקט באַניים . . . אזוי, למשל, קומט ער איינמאָל קיין „לענינוואַלד" און מאַכט דאָ א צעטל פון זאכן, אין וועלכע עס נויטיקט זיך שטאַרק דער דאָזיקער טייגע־ישוב. פאַרלאָזנדיק אָבער „לענינוואַלד", פארנוצט ער ס'צעטל אויף אשר־יצר־פּאַפּיר . . . איצט קומט ער אהער מיט דער דעה אויפצולייזן דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו, וועלכער איז ניט „רענטאַבל". ווערן חברה, וועלכע האבן דאָ געפּאַקט און געמאָזלט, שטאַרק אויפגעבראַכט. און באַזונדערס רירט עס אָן חוה'ן, וואָס שוואַנגערט לעצטנס. און פון גרויס עגמת נפש איז זי מפּיל.

דער קאָלעקטיוו האַלט זיך אויף הינערשע פיסלאַך. א צאָל חברים האָבן אים שוין פארלאָזט. אויך שלום, וועלכער האָט זיך מיט חוה'ן לחלוטין צעקריגט. און בלויז עטלאַכע, אויך חוה, זענען געבליבן. און איצט, אז מיטן קאָלעקטיוו האַלט שמאָל, פאָרט חוה קיין כאַבאַראָווסק — אין ווייט־מזרחדיקן צענטער — מאָנען יושר. און אין כאַבאַראָווסק טרעפט זי זיך מיט אַלטע באַקאַנטע: מיט שניאור־עליע דעם גלעזער, מיט זיין „אַלטער" און מיט זייער זון שמעון. און אז שמעון הערט, ווי סע האַלט מיט „לענינוואַלד", פאָרט ער אין דאָזיקן קאָלעקטיוו ווי א פאַרוואַלטער. דערביי איז ער אויסן נאָך עפּעס: חוהן. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זי ניט געזען, האָט ער פון איר געטראַכט, געחלומט. איצט, זעענדיק זי באַניים, פארשטאַרקט זיך זיין ליבע צו איר. — איז ער שטאַרק צופרידן, שמעון, מיט דער געלעגנהייט צו ווערן פאַרוואַלטער פון „לענינוואַלד".

און אָט איז ער אין טייגע־קאָלעקטיוו. און ער נעמט זיך דאָ צו דער ארבעט. און דער ישוב לעבט אויף. און אַלע זענען צופרידן. חוץ חוה. ווייל זי בענקט נאָך שלומען. באַזונדערס, לעצטנס, ווען זי דערפילט אַפּט אויף זיך שמעונס הייסע בליקן. שרייבט זי בריוו צו שלומען — בעט אים צוריקקומען. און ענדלאַך קומט ער, שלום. און שמעון, אז ער דערזעט אים, ווערט ער עפּעס דערשלאָגן. אין עס דערוועקט זיך אין אים א ניט־שיינער פארלאַנג: דערווייטערן שלומען פון ישוב, פון חוה'ן . . . ער באַטראַכט זיך אָבער, שמעון: מע טאָר אזוי ניט האַנדלען: עס איז ניט באַלשעוויסטיש . . . פאַרלאָזט ער לסוף „לענינוואַלד". און שלום און חוה זענען באַניים צוזאַמען. און זיי העלפן דאָ שאַפן א ניי לעבן.

1942

ליטעראַרישע נאָטיצן

„מזרח און מערב" פון א. קושניראָוו, „אמת", מאָסקווע, 1940.

א. קושניראָוו איז איינער פון די בעסטע יידיש־סאָוועטישע פּאָעטן. ער איז ניט קיין בעל־שפע. ער שרייבט ניט קיין סך. דאָס אָבער, וואָס ער שרייבט, איז אינהאַלטפול און מייסטעריש. קושניראָווס ליד איז תמיד וואָגיק, תמציתדיק, ביז גאָר געשליפן.

אנגעהייבן האָט זיך קושניראָוו צו דרוקן אין די ערשטע נאָך אָקטיאַבער־יאָרן. זינט דאַן האָט ער פאַרעפנטלאַכט עטלאַכע לידער־ביכער. און „מזרח און מערב" איז זיין נייסט בוך.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז קושניראָוו געווען א סאָלדאַט. געקעמפט אויפן פראָנט. געווען אַן עדות פון טויט און פאַרניכטונג. פאַרמאָגט זיין ניי בוך איינקע מלחמה־לידער, וואָס מאַכן א געוואַלדיקן רושם. אַט זענען עטלאַכע שורות פון איינס אזאַ מין ליד:

אויף שלאַכטפעלדער וויסטע
וואַלגערט איר זיך
געשאַכטענע,
דערשטאָכענע,
מיט אַרויסגעפאַלענע געדערים.
ווי אויף מיסטיקע קופּעס,
זשומען אום פליגן אויף אייך,
פאַרקריכן אין אייערע אָפענע מיילער
און לעקן
דאָס פאַרטריקנטע בלוט
פון אייערע שמוציקע וואונדן.

שפּעטער־צו, מיטן אויפשטייג פון דער ראַנטמאַכט, ווערט קושניראָוו א רעוואָלוציאָנערער „מיטלויפער". אָפט אָבער שרייבט ער נאָך ריין יהידישע לידער. און טאָקע זייער געראָטענע. א שטייגער: דאָס ליד „גרויער הארבסט", פון וועלכן מיר ציטירן פאָלגנדן לירישן פערז:

כ'האָב פאַרשעפּט היינט פון ווינטישע הויפנס
א ווייטן און העלן גערוס,
און איך בענק, און איך בענק, ווי אַן עופעלע,
נאָך א צאַרטער און וואַרעמער ברוסט.

וואָס ווייטער אָבער גייט דער דיכטער אַלץ מער אוועק פון ריין פערזענלאַכע שטימונגען. ער נעמט האָפערדיק באַזינגען דאָס נייע לעבן. ער שאַפט לידער —

פריידיקע, זוניקע. ער ווערט מיטגעריסן מיטן פיבערדיק זיד־בויענדיקן לאַנד. אַט זענען שורות פון קושניראָווס וווּנדערלאַך ליד „אַ נייע שטוב״ :

אַנקעגן זון די שויבן פינקלען העל
און ניט באַרירט און ציכטיק ליגט די שוועל,
און אָטעמענדיק ברייט מיט וואַלד און רויערד,
אויף גאַנעק טרעט אַרויף אַליין דער בויער.
פאַרווינטיקט איז זיין פּנים און זיין לייב,
אין שטוב ער פירט אַריין זיין יונגע ווייב:
ער גייט מיט האַרטע טריט און זי מיט ווייכע,
נאָר ביידע זיי אַלצאיינס צופרידן שמייכלען.
די שטוב איז ניי און שמעקט נאָך אַזוי פריש;
און דאָ וועט שטיין אַ בעט און דאָ אַ טיש.
און פאַר די שטולן אַט זענען די ערטער,
און ער און זי צעקושן זיך אַן ווערטער.

אַט אַזוי איז עס געווען אין די יאָרן פונעם גרויסן אויפבוי־פּאַרמעסט. אויף די לענגן־ברייטן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, אין זיין אייראָפּעאישן מערב און אַזיאַטישן מזרח האָבן געקלונגען האַמערס, האָבן געזונגען סערפּן. דער דיכטער איז אַפּט אַרומ־געפאָרן. באַזוכט פאַרשיידענע ערטער. געזען אומעטום ווי מע בויט. און באַזונ־גען ־די בויער און פרישע, מונטערע לידער.

צוזאַמען אָבער מיט דער בויונג איז שוין געגאַנגען אַן אינטענסיווע צוגריי־טונג צו דער איצטיקער — דער צווייטער — וועלט מלחמה. זי איז שוין געהאַנגען די מלחמה, איבער אַלעמענס קעפּ. און באַזונדערס פאַרגעפילט האָט זי דער דיכטער. און לאַנג נאָך פאַרן קריג־אויסברוך שרייבט ער אַזעלכע אַלאַרמירנדיקע שורות :

זיי וואַכן, זיי וואַכן, די לעצטע געשרייען,
אויף אַנזאַגן אומגליק, אויף אָנזאָגן שרעקן.
באַלד וועלן ווונדן פון שוואַרצע טראַנשייען
דאָס פּנים פון דער ערד ווי מיט פּאָקן באַדעקן.

דאַרף מען דעריבער זיין גרייט. איז :

וועקט אומרו !
און צאָרן זאַמלט !
מיר זאָלן קאָנען, מיר זאָלן קאָנען
מיט שאַרפע קלעפּ פון אונזער האַמער
אַריבערשרייען דעם הילך פון קאַנאָנען.
וועקט אומרו !
זאָל צאָרן שטייגן !
אַלע, וואָס בויען, אַלע, אַלע !
אויב מירן ניט קאָנען געפאַר פאַרבייגיין,
זאָל אונזער האַמער אויף שונאים פאַלן !

פאַלט טאַקע איצט דער סאָוועטישער האַמער אויף די נאַצישע קעפּ: און אויך דער דיכטער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער גרויסער פאַרטיידיקונגס־מלחמה. ער איז באַניים אַ סאָלדאַט. קעמפט אויפן שלאַכטפעלד — קעגן בלוטיקן שונא. —

„כ'וועל טריי זיין אין ליבע, כ'וועל טריי זיין אין שטרייט" — שרייבט קושניראָוו אין איינם אַ ליד. — איז ער עס פּולקאָם מקיים.

„לידער" פון ב. אַליעווסקי, „אמת", מאָסקווע, 1940.

ב. אַליעווסקי איז אַ יונגער יידיש־סאָוועטישער דיכטער. אין זיין קורצן, ביז איצטיקן לעבן האָט ער שוין פיל דורכגעמאַכט. זייענדיק אַלט אַכט יאָר לעבט ער איבער די רעוואָלוציע. נאָכדעם — דעם בירגערקריג, פּאָגראָמען. שפּעטער־צו נעמט ער אַנטייל — ווי אַן אַרבעטער און סטודענט, סאָלדאַט און פּאָעט, — אינעם אויפבוי פון לאַנד. און לעצטנס געפינט ער זיך אויפן שלאַכטפעלד — קעמפט קעגן די נאַצישע אָקופּאַנטן.

אַליעווסקי דיכטעט אויף פאַרשיידענע טעמעס. ער שאַפט נאַטור־לידער, שטעטל־געזאַנגען, קינדהייט־דערמאָנונגען. ער שרייבט פונעם סטודענטן־לעבן. דער עיקר אָבער באַזינגט ער דעם סאָוועטישן גראַנדיעזן אויפשטייג. דערביי דערציילט ער פון דער ליבשאַפט זיינער, דעם דיכטערס, צום פרייעם, גליקלאַכן היימלאַנד, פון דער גרייטקייט זיינער צו קעמפן פאַרן דאָזיקן היימלאַנד, צו קעמפן פאַר אַלע סאָוועטישע, פרידלאַך שאַפנדיקע פעלקער. און אַז דעם יונגן דיכטער וועט נאָך אויסקומען צו קעמפן פאַרן היימלאַנד — פון דעם האָט ער גוט געוווּסט; לאַנג נאָך פאַר דער איצ־טיקער וועלט־מלחמה. אַט זענען שורות פון אַליעווסקיס אַ ליד, געשריבן אין יאָר 1938. אין דאָזיקן ליד לאָזט אונז דער דיכטער דערפילן דעם אַנקום פון דער נייער, בלוטיק־פייערדיקער מלחמה:

אין ווידער איז ניט שטיל. און ווידער ניט באַרוט
זיך דרייט די ערד. און אונטער הויט דער דינער
סע קלאַפּט דאָס האַרץ. און ווידער שרייט דאָס בלוט
און ס'שמעקט מיט סמאָלענע אין זומערדיקן הימל.
אין פייערן — די ווייט, אין רויכן און אין גלוט.
ס'וועט פול די ערד מיט קריצעניש פון ציינער.
און כ'טראַג דער וועלט די פינעף ליטער בלוט,
אַז אויף אַ האַרעלע די וועלט זאָל ווערן ריינער.

אַט אין אַזעלכע רייפע און שטאַרקע שורות דריקט אויס דער דיכטער זיין מלחמה־פאַרגעפיל, ווי אויך זיין גרייטקייט זיך אָוועקצושענקען דעם לאַנד, וואָס קעמפט אַזוי העראָיש קעגן די בלוטיקע שונאים.

ווי אַלע סאָוועטישע דיכטער, פאַרמאָגט אַליעווסקי אַ טיפן כלל־געפיל. איס גייט בלוטיק אַן דער גורל פון מענטשן — ווו זיי זאָלן ניט ליידן און קעמפן:

ס'ליגן וועלטן אין מיין זינען —
פרייד און אומגליק און פאַרדראָסן,
ווייַ פון ווייטע אַביסיניער,
גרויל פון מענטשן סאַראַגאָסער.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
סע ליגט די ערד אין בלענדיקן פרימאָרגן

א באַנגאַסענע מיט שיינענדיקע פלאַמען,
און ליב איז מיר די לאַסט פון מיינע זאָרגן —
פון מיינע און פון אַלעמענס צוזאַמען.

און פאַרשטענדלאַך, אַז ניט בלויז אַביסיניער, שפּאַניער, אַדער אַנדערע פעלקער גייען אַן דעם דיכטער. אים גייט אויך בלוטיק אָן זיין אייגן, געפּלאָגט און געפייניקט פאָלק. ווי עס זאָגן עדות פאָלגנדע, מיט פּיין אַדורכגעזאַפּטע שורות:

און אַז אין איין לאַנד און אין אַ צווייטן לאַנד
מיין פאָלק צעטראָטן ווערט, דערפירט שוין צו דעם ראַנד,
איז דאָך שוין קלאָר, פאַרוואָס מיין בליק מיין מענטשלאַכער
ווערט גרויער פון דעם גראָבן געוואַנט פון דעם שינעל מיינעם.

דעריבער, קעמפענדיק פאַרן סאָוועטישן היימלאַנד, פאַר אַלע פאַריאָכטע פעלקער און, פאַרשטענדלאַך, פאַר זיין אייגן פאָלק, ווייל דער דיכטער — כל־זמן עס הענגט איבערן קאָפּ די געפאַר פונעם היהשן שונא — ניט וויסן פון קיין רו:

ניט רו איך זוך, ניט צוגעגרייטע וועגן;
איך גיי אויפסניי — אי פירן עס, אי שפּאַרן,
אַ פייערדיקס, אַן אויסגעקעמפטס, דאָס לעבן,
דורך פּיין, דורך מי, מלחמה און געפאַרן.

„ליבע" פון מ. טאַלאַליעוועסקי, „מלוכה־פאַרלאַג", קיעוו, 1940.

„ליבע". אַ קליין ביכל לידער פון אַ יונגן יידיש־סאָוועטישן דיכטער. — „מיר זענען יונג און שטאַרק" — לאָזט אונז הערן דער דיכטער מ. טאַלאַליעווכקי אין אַנהייב ביכל. — „איך לעב" — זינגט ער ווייטער — ווי אין אַ גאָרטן אַ צעבליטן, און גלויב, אַז בליען וועט ער שטענדיק". — „איך בין שטאָלץ — דערציילט ער אונז ווייטער — ווייל איך לעב אין אַ לאַנד, וווּ די רעכט פון אַ מענטש איז דער הייבן". אויך דערמיט: „וואָס אין פּאַספּאָרט ביי מיר, ביי דעם פּונקט נומער דריי, איז פאַרשריבן — אַ ייד". טאַלאַליעוווסקי זעט און פילט אין לעבן בלויז ליבע, פרייד, זון. טאַלאַליעוווסקיס שוואַרצקייט איז די שוואַרצקייט פון רויערד, „וואָס פרייט אונז דאָס אויג". „דער טויט אַליין — זינגט ער אין אַ ליד — איז ניט אימשטאַנד צענעמען דאָס, וואָס געאייניקט ס'האָט ביי אונז די מי". און דער טויט איז אַן אָפּטער גאַסט אין טאַלאַליעוווסקיס לידער־ביכל. די מערסטע לידער דאָ זענען אַן אויסדרוק פון די לעצטע וויכערישע יאָרן. איר האָט דאָ לידער וועגן דער סאָוועטישער מלחמה מיטן פאַשיסטישן פינלאַנד, וועגן סאָוועטישן מאַרש אויף בעסאַראַביע: און די לופט שמעקט שוין אויך מיטן נאַצישן אַנפאַל. דער דיכטער אָבער — ווי אַלע בירגער פון גרויסן ראַטנפאַרבאַנד — איז גרייט צום קאַמף. און ער גייט דעם טויט אַנקעגן. ער גייט אים באַזיגן. ער גייט קעמפן פאַר אַ ניי לעבן, פאַר אַ פרייער ערד:

זאָלסט געבירן, זאָלסט פאַרמערן,
ס'זאָל דיין אויפגאַנג זיין געבענטשט!

אַז ניט וויסן פֿון קיין טרערן,
פֿון געוויינען זאָל דער מענטש.
און פֿון הונגער ניט געטריבן,
און מיט צאָרן ניט באַשווערט,
קאָנען לעבן, קאָנען ליבן,
קאָנען אָפּהיטן די ערד.

און פּאַר אַזאַ מין נײַ, פֿריידיק לעבן איז דער דיכטער גרייט אַלץ צו טאָן:

איך בין גרייט צו קנעטן ליים,
איך בין גרייט צו גיין אין שלאַכט,
גראָבן קוילן אין אַ שאַכט,
פֿלאַנצן סעדער, פּאַשען פֿי —
ווײַל ס'איז פֿריי און אויפֿגעריכט
מײַן מי.

און ווײַל אינעם גאָרן אַרום און אין זיך זעלבסט זעט דער דיכטער אַזויפֿיל העלקייט, אַזויפֿיל זון, פֿאַרגינט ער זיך שוין צו זינגען צו דער מאַמע זײַנער אַ ייִדיש־פֿאָלקסטימלאַך געזאַנג:

אַ גוט יום טוב, מאַמע מײַנע,
אַ גוט יום טוב, ליבע!
זע, ווי אויפֿן הימל־זייד
האָט די זון פֿאַרשריבן:
אַז פֿון הײַנט — אויף תמיד
זי געהערט אונז אַלעמען.

1941

סאָוועטישע פּיעסן

וועגן בוך „פּיעסן" פון פּערעץ מאַרקיש, „אמת", מאָסקווע, 1933

אין די ערשטע נאָך אָקטיאַבער־יאָרן האָט סאָוועטנלאַנד אויסגענוצט דעם טעאַטער ווי אַ גוואַלדיקן קאַמף־מיטל קעגן דעם אַלטן לעבן. עס האָט דאַן געפלאַקערט דער בירגערקריג. עס האָבן געבושעוועט פּאָגראָמען. עס האָט געהערשט הונגער. דער יונגער סאָוועטישער מלוכה איז אויסגעקומען צו קעמפן קעגן אינערלאַכע און אויסערלאַכע שונאים. — איז די עובדא פונעם סאָוועטישן טעאַטער דאַן געווען אויסצולאַכן דאָס אַלטע, דעמאַסקירן דאָס פיינטלאַכע.

שפּעטער־צו, אין די יאָרן פון „נעפּ" (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק), ווען דאָס אַלטע איז שוין געווען היפּש אָפּגעשטאָרבן און דאָס נייע איז נאָך געווען ניט ווי געהעריק רייף, האָט דער סאָוועטישער טעאַטער איבערגעלעבט אַ „זאַסטאָי". האָט ער זיך, דער עיקר, פאַרנומען מיט פאָרם־זוכענישן. און אויף דעם־אַ געביט האָט ער דאַן דערגרייכט גוואַלדיקע הייכן.

נאָכדעם, מיטן אָנקום פון די פינפיאָרפּלענער, הייבט זיך אָן אין סאָוועטישן טעאַטער אַ נייע ערא — די ערא פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם. דאָס לאַנד נעמט זיך פיבערדיק בויען. עס וואַקסט אימפּעטיק די אינדוסטריע. עס קאָלעקטיוויזיר"ט זיך די לאַנדווירטשאַפט. עס ווערט אַלץ בולטער אַ נייער לעבנס־שטייגער. עס קומען צו אַלץ נייע סאָציאַליסטישע אידייען. — רעאַגירט אויף דעם אַלעם דער סאָוועטישער טעאַטער. און אַט האָבן מיר, לדוגמא, דריי פּיעסן פונעם יידיש־סאָוועטישן הויד־טאַלאַנטירטן פּאָעט, פּראָזאיקער און דראַמאַטורג פּערעץ מאַרקיש, וועלכע שפּיגלען אָפּ דריי פאַרשיידענע ווינקלען פונעם איצטיקן סאָוועטישן לעבן. די ערשטע פּיעסע רופט זיך „ערד" און האָט צו טאָן מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע אויף אוקראַינע. די צווייטע פּיעסע רופט זיך „פינפטער האָריזאָנט" — אַן אָפּשפּיגלונג פונעם לעבן פון די סאָוועטישע קוילנגרעבער אויפן דאָנבאַס. און דער נאָמען פון דער דריטער פּיעסע איז „ווער וועמען" — אַ געוועט אויפן געביט פון אינדוסטריעלע דערפינדונגען צווישן סאָוועטנלאַנד און איינס אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד אין אייראָפּע.

און אַט איז, אינקורצן, דער אינהאַלט פון די דאָזיקע דריי אינטערעסאַנטע פּיעסן.

אין ערשטן אַקט פון דער פּיעסע „ערד" האָבן מיר פאַר זיך אַ קליין יידיש שטעטל אינעם געוועזענעם תחום־המושב. איבער בלאַטיקע געסלאַך, איבער אַ פּוסטן מאַרק דרייען זיך אָרום הונגעריקע דעקלאַסירטע יידן. פאַראַן דאָ אויך איינער אַ קיווע — אַ „בורזשוי". אָבער אויך ער איז אויף גרויסענע צרות.

און אַט הייבט זיך אָן די סאָוועטישע קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג. דאָס שטעטל

נעמט זיך אויסלייזיקן. אלע פאָרן אויף ערד. און עס פאָרט אפילו קיווע — דער „בורזשוי".
אין צווייטן אקט טרעפן מיר שוין די שטעטלשע דעקלאַסירטע יידן אויף די סטעפּעס פון אוקראַינע. זיי זענען דאָ באַשעפטיקט מיט ערד, מיט אָקסן, מיט טראַקטאָרס. עס איז נאָך אָבער ניט גוט. די נייע יידישע קאָלאָניע — „ניט גע־דאַגהט", — וואָס האָט זיך דאָ געגרינדעט, קען זיך ניט דערגראָבן צו וואַסער. איז אַ טריקעניש אויף די פעלדער. וואַקסט ניט קיין ברויט. הונגערט מען. דערצו איז מען נאָך קנאַפּע פּויערים. און עס ציט אויך צוריק אין שטעטל. און אַז קיווע דער „בורזשוי" רעדט נאָך אָן, פאַרלאָזן אַ סך די קאָלאָניע — לויפן „אהיים". צווישן די איבערוואַנדערער אָבער איז פאַראַן אַ באַוווסטזיניקער עלעמענט. אַ שטייגער, ראַנדעל — דער פאַרזיצער פונעם דאָרפראַט. לייגט אריין דער מחבר אין מויל פון דאָזיקן העלד זיינעם פאָלגנדע פּאַטעטישע שורות:
— „לאָזן זיי גיין, לאָזן זיי לויפן. לאָזן פּוסטעווען די באַראַקעס. זיי וועלן קומען צוריק. זיי דאַרפן נאָכאַמאָל אַ שנאַרע־טאָן דעם מארק אין די שטעטלאַך! זיי דאַרפן זיך נאָכאַמאָל אויסיאַרידעווען! איז לאָזן זיי לויפן! מיר שרעקן זיך דערפאַר ניט אָפּ. לאָזן זיי לויפן! די בעסערע וועלן קומען. דאָ ניט ווייט איז אַ ציגיינער־שע קאָלאָניע זיך אויך צעלאָפן. אַ גאַנצע קאָלאָניע. און ניט דאָס ערשטע מאָל, נאָר דאָס דריטע מאָל. זיי האָבן זיך אויך פאַרבענקט. נאָך די טאַבאָרן. נאָך ציגיי־נערשע טאַבאָרן! אויסטאַנצן האָט זיך זיי נאָכאַמאָל פאַרגלוסט. קאָרטן וואַרפן און וואָראָזשען אויף מטבעות האָט זיך זיי נאָכאַמאָל פאַרוואָלט. זענען זיי דריי מאָל אַנטלאָפן פון דער קאָלאָניע. איצט אָבער עסן זיי שוין ברויט פון אייגן־באַ־אַרבעטער ערד און טאַנצן שוין פאַר זיך אליין . . . ביי אונזערע קאָלאָניסטן האָט אויך אַ וואָיע געטאָן דאָס ציגיינערשע בלוט! איז זאָלן אונזערע ציגיינער, אונזערע יאַרידניקעס אויך לויפן! זיי וועלן זיך אומקערן צוריק. די ערד איז שטאַרקער פון זייערע וואַנדעראַוונע פיס. מ'וועט קומען צו איר. אויף די קני וועט מען קומען! וויפל נאָך וועלן זיי קאָנען אומלויפן איבער די וויסטע טאָלטשאַקן און אויסגעליי־דיקטע מאַרקן?" . . .
און ראַנדעלס פאָרויסזאָגונג ווערט מקוים. די אַנטלאָפענע קומען צוריק. אויסער הונגערן, איז אין שטעטל ניטאָ וואָס צו טאָן . . . קומט מען צוריק. און מע נעמט זיך צו דער אַרבעט. מע קעמפט מיט דער טריקעניש, מיט היישעריקן, מיט אַנדערע אַנשיקעניש. ביז מע ווערט לייט.
קיווע אָבער, דער „בורזשוי", דער קאָנטררעוואָלוציאָנער, פּרוווט אַלץ שטערן. אַגיטירט ער, למשל, קעגן דער קאָלעקטיוויזאַציע, וואָס מע וויל דאָ איינפירן. און אָט איז אַ סצענע, וויאַזוי יידישע פּויערטעס לאָזן זיך אוועק אָפּראַטעווען זייער קאָ־לעקטיוויזירט האָב און גוטס. זיי באַלאַגערן דעם קאָלעקטיוון אמבאַר און הייבן אויף אַ געוואַלד:
— „ערשטע: ס'איז ביי מיר דערהאַרגעט געוואָרן דריי זין אויף דער רעוואָ־

לוציע! גיט מיר אַפּ מיין קו! מיין שפּייזעריין! מיין נשמה!
צווייטע: דעם לעצטן זאַק ווייץ!
דריטע: איין שטיקל קו איז לעבן! איין אויג אין קאָפּ!
פערטע: כ'האָב פאַרקויפט א קאַלדערע! כ'וויל אויסשלאָגן א שטיקל פּוטער!
פינפטע: צוויי וואָכן קרענקט ביי מיר א קינד. גיט מיר אַפּ מיין קו!
זעקסטע: מיין מאַן! דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן טרינקען מילך, ער האָט טאַקע די טשאַכאָטקע!
זיבעטע: איך בין אַן אַלמנה! גיט מיר אַפּ מיין קו! מיין קו!
אַכטע: מיין קו! מיינע קינדער!" . . .

דער סוף אָבער איז א גוטער. סע זיגט די אידייע פון קאָלעקטיוויזם. די מיטגלידער פון קאָלכאָז „ניט געדאַגהט" ווערן אמתע ערדאַרבעטער, דערצו — קאָ־לעקטיוויסטן. און דער בעסטער מוסטער זייערער איז איינער א געוועזענער וואַסער־טרעגער — מענדל. שרייבט דער דאָזיקער מענדל צו זיינעם א זון אזא מין בריוו:

. . . „דער פּאַסיעוומאַט ליגט שוין אין אמבאַר. יאָ, און די קו איז שוין אַט־אַט. א ליאַדע טאָג וועט שוין אין „ניט געדאַגהט" זיין 121 בהמות. און די מאַמע דיינע מאַכט א שלאָס־מעם. אַז אַנטיק איז „ניט געדאַגהט". שיק־זשע אונז אַרויס אַ בריל, זי זאָל שוין טויגן אי פאַר מיר, אי פאַר דער מאַמע פאַר דיינער. ממני אביך מענדל קרעסטיאַנין. אַדרעסאַסי — „ניט געדאַגהט" . . .

די צווייטע פּיעסע — „דער פינפטער האָריזאָנט" — האָט צו טאָן מיט די סאָוועטישע קוילנגרעבער אויפן דאָנבאַס. אויף דער בינע זעט מען שאַכטע־דורכגענג, קוילנגרובן. מע הערט קלאַפּערייען, פאַרשיידענע גערוישן. צווישן די קוילנגרעבער זענען פאַראַן אַלטע, געניטע און יונגע, קנאַפּ־נאָך דערפאַרענע. און צוויי יידן זענען דאָ פאַראַן — גרינע, ערשט אָנגעקומענע. און איינער א ניט־יידי־שער קוילנגרעבער, א כוליגאַן, וואָס פּראָוועט דאָ אַנטיסעמיטישע שטיק. אזוי, למשל, זאָגט ער, אַז — „אַלע יידן זענען בלינד אויף איין אויג און קאַליע אויף איין פוס". אָדער: „מיט א יידן און מיט א באָבע (פּרוי) טאָר זיך א שאַכטיאָר ניט אַראָפּלאָזן אין שאַכטע". דער דאָזיקער כוליגאַן רעדט אויך רכילות אויף דער ראַטנמאַכט. וועגן דעם פינפיאָרפּלאַן זאָגט ער: „אַמאָליקע יאָרן האָט מען געליטן פון גאָט און איצט ליידט מען פון דער פּיאַטילעטקע". און איינמאָל לאָזט אַרויף דער דאָזיקער סאָוועטנפיינט אויף דעם יידישן שאַכטיאָר שאַפּיראָ אַ פאַרנדיקן וואַגאָן. שאַפּיראָ אָבער ווערט געראַטעוועט און ער ווערט נאָכדעם א מוסטערהאַפטער קוילנגרעבער.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די דריטע פּיעסע — „ווער וועמען". דאָ גייט א געוועט אויפן געביט פון אינדוסטריעלע דערפינדונגען צווישן דעם ראַטנפאַרבאַנד און דער קאַפּיטאַליסטישער פראַנקרייך. — זעען מיר פאַר זיך א שטיק איצטיקן פּאַריז: פון איין זייט — פאַבריקאַנטן, באַנקירן, כל המיני רעאַקציאָנערן; פון

דער צווייטער זייט — אַרבעטסלאָזע, שטרייקן, דעמאָנסטראַציעס. געפינט זיך איז פּאַריז איינער א סאָוועטישער אינזשענער, ראָסטאָווצעוו, — א געשיקטער אהער צו שטודירן די נייסטע אינדוסטריעלע מעטאָדן און דערפינדונגען. פאַרליבט ער זיך אין איינער א פּאַריזערין, רעלי, — א לינק געשטימטע, און אָנגעשטעלטע ביי איינעם א זאַוואָדטשיק, רענאָ. ליבט אָבער רעלין אויך רענאָ . . . דער דאָזיקער „דרייעק" אָבער איז ניט דער עיקר אין דער פּיעסע. דער עיקר דאָ איז — די צוויי קעגנזעצלעכע וועלטן: דאָס קאַפּיטאַליסטישע פראַנקרייך און דער סאָציאַליסטישער ראַטנפאַרבאַנד: ווי אויך דער געוועט צווישן זיי: ווער וועמען וועט אַריבעריאָגן אין אַלע וויכטיקערע דערפינדונגען. און פאַרשטענדלאַך, אַז געווינען געווינט דער ראַטנפאַרבאַנד. עס זיגט די אידייע פון סאָציאַליזם . . .

1935

כוחות

„פרישע כוחות" פון יודל יאפע, „אמת", מאסקווע, 1940;
„פארבארגענע כוחות" פון י. ריוועס, „אמת", מאסקווע, 1941.

וויל ווער טיפער, גרינטלאכער באגרייפן דעם גייסט פון די סאוועטישע מאסן, וועלכע קעמפן אזוי העראאיש קעגן די נאצישע אקופאנטן, — דארף ער זיך באקענען מיט די רוסישע רעוואלוציאנערע אויפברויזן פאר די לעצטע זעקס־זיבן דורות. דער ראטנפארבאנד איז א פועל־יוצא פון העכער הונדערט יאר קאמף פאר פרייהייט. און אין רוסלאנד איז דער דאזיקער קאמף געווען א פיל שווערערער איידער אין אנדערע לענדער. אין דער צייט, ווען אין אנדערע לענדער זענען שוין געוויסע פרייהייטן — אין דער פארם פון דעמאקראטיע — געווען אויסגעקעמפט, זענען נאך די ברייטע רוסישע מאסן געלעגן אונטערן קנאפל פונעם פינצטערן צאריזם. — די זריעה אבער פון בונט, פון רעוואלוציע איז שוין לאנג אין רוסלאנד געווען פארזייט.

אנגעהייבן האט זיך עס מיט דער פארשווערונג פון די דעקאבריסטן. דער בונט איז געווען אן „אויבערשטער". מענטשן, נאענטע צום צאר'ס הויף, צו דער מלוכה־אנפירונג, האבן געפרווט מאכן אן איבערקערעניש. זיי זענען אבער דורכגעפאלן און — באצאלט מיט תליה, מיט תפיסה, מיט סיביר.

נאך זיי קומען אנדערע רעוואלוציאנערן — בעסער צוגעגרייטע. עס קומען די נאראדניקעס — א פיל שטארקערע רעוואלוציאנערע כוואליע. דאס רוסישע פאלק, וואס ווערט מוראדיק געפייניקט, נעמט זיך רייסן פון די קייטן. און אויך אנדערע פעלקער, פארשקלאפטע פונעם צאריזם, בונטעווען זיך. און אויך דאס יידישע פאלק — דער בלוטיקסטער קרבן פון יעדן מין רעאקציע. — טרעפן מיר טאקע צווישן די נאראדניקעס א היפשע צאל יידן. אבער אויך די־א רעוואלוציאנערן באצאלן מיט עשאפאט, מיט קייטן, מיט סיביר.

די בונטארישע כוחות ווערן אבער ניט אויסגעשעפט. דער צאריזם האט געשאסן און געהאנגען, פארשמיסן און פארפייניקט. דעם רעוואלוציאנערן אויפברויז אבער האט ער ניט געקענט דערשטיקן. ביז עס קומט דאס יאר 1905 — מיט זיין ברייטפארנעמיקן פאלקס־אויפשטאנד.

דער סוף פון דאזיקן אויפשטאנד איז גוט באוווסט. ער איז דערטרונקען געווארן אין טייכן בלוט. און עס הייבט זיך אן א פינצטערע רעאקציע. תליות. תפיסות. פארשיקונגען. פאגראמען אויף יידן. און דאך איז די רעוואלוציע ניט דערשטיקט. און שפעטער מיט עטלאכע יאר, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, קומען אויף פרישע רעוואלוציאנערע כוחות. און זיי־א ווערן עס געשילדערט אין יודל יאפעס בוך „פרישע כוחות". נאכדעם קומט די מלחמה, די אקטיאבער־רעווא־

לוציע, דער בירגערקריג, די אַנגריפן פון דעניקין, יודעניטש, קאָלטשאַק, פּוילן. פיל סאָוועטישע קעמפער מוזן אוועק אין אונטערערד. און זיי־אַ ווערן עס געשילדערט אין י. ריוועסעס בוך „פאַרבאָרגענע כוחות״.

אַט די־אָ צוויי פּראָזע־ביכער — „פרישע כוחות״ פון י. יאַפע און „פאַר־באָרגענע כוחות״ פון י. ריוועס — זענען צו אונז דערגאַנגען אין דער צייט, ווען סאָוועטנלאַנד קעמפט באַניים קעגן פאַרשקלאַפונג. און צוזאַמען מיט אַלע סאָוועטי־שע פעלקער קעמפט אויך דאָס יידישע פאָלק. און די רויטע קעמפער באַוויזן ווונדער — אַ ביישפּיל פאַר דער גאַרער וועלט. און אויף די סאָוועטישע פראָנטן, אין דאַרטיקן טיל, קומען צו אַלץ נייע כוחות — אַ המשך פון אַט יענע אומויסשעפּ־לאַכע קרעפטן, וועלכע האָבן פאַר די לעצטע זעקס־זיבן דורות געהאַלטן אין איין זייען די זריעה פון דער רעוואָלוציע.

און עס איז זייער אינטערעסאַנט: דאָס, וואָס מיר לייענען איצט וועגן די סאָוועטישע קעמפער — די אַלטע און די יונגע, די מענער און די פרויען, די ניט־יידן און די יידן, די אָפענע און די פאַרבאָרגענע (פּאַרטיזאַנער), — פון דעם אַלעם קען שוין רוסלאַנד אַ סך דערציילן פון אירע פריערדיקע פרייהייט־קאַמפן. און גוטע דאָקומענטן פון אַט יענע העראָישע קאַמפן זענען טאַקע די צוויי פּראָזע־ביכער „פרישע כוחות״ און „פאַרבאָרגענע כוחות״ פון י. יאַפע און י. ריוועס.

ווי אויבן דערמאָנט, שפּיגלט זיך אָפּ אין בוך „פרישע כוחות״ די צייט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה (ווי אויך די מלחמה־יאָרן). יאַפע שילדערט דאָ איי־נע אַ שטאָט אין יידישן תחום־המושב. די שטאָט פאַרמאָגט אַ צאָל יידישע און ניט־יידישע גבירים און אַ גאַר גרויסע מחנה אביונים.

צווישן רייך און אָרעם גייט אָן אַ פאַרביסענער קאַמף. פאַראַן אין שטאָט אַ פּראָלעטאַריאַט — פאַבריק־אַרבעטער. זיי ווערן מוראַדיק עקספּלואַטירט. אין זיי־ערע רייען הערשט נויט, הונגער, מחלות. מער־ווייניקער אָבער זענען זיי שוין באַ־וווסטזיניק. זיי ווערן אויך אָנגעפירט פון געניטע, אינטעליגענטע פירער. — זעען מיר פאַר זיך לעבעדיק צענדליקער פיגורן — פון ביידע לאַגערן: הערשער און שקלאַפן. די עקספּלואַטירטע קעמפן פאַר אַ בעסער, גרינגער לעבן. די מושלים ווילן ניט נאָכגעבן. קומען פאַר שטרייקן, געשלעגן, אַרעסטן, צעשיסונגען. די בונטאַרישע כוחות אָבער ווערן ניט אויסגעראָטן. וויפל מע צעשיסט ניט, וויפל מע פאַרשיקט ניט, — עס קומען צו נייע, פרישע . . . **דאָס זענען די פרישע קעמפער־כוחות פון** נאָך די שוואַרצע סטאָליפּין־יאָרן. יודל יאַפע לעבט אויף אַ היפּשע טיפּן־גאַלעריי. ער מאָלט געניט כל המיני רעאַקציאָנערן — ניט־יידן און יידן. און ער שילדערט אַ היפּשע מחנה קעמפער. עס געלינגט אים צו פאַנאַנדערוויקלען אַ פאַרביק בילד פון יענער ערב מלחמה־צייט, ווען די ברייטע רוסישע מאַסן האָבן זיך באַניים גענומען **אָרגאַניזירן.**

דאָס צווייטע בוך — „פאַרבאָרגענע כוחות״ פון י. ריוועס — האָט שוין צי־

טאָן מיט דער צייט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. דאָס לאַנד ברויזט מיטן ביר־
גערקריג. די רוסישע מערב־געגנטן זענען אָקופּירט פון די פּאָליאַקן און זיי בושעווען
דאָ, די פּאָליאַקן, באַזונדערס, אין דער ווייסרוסישער הויפּטשטאָט מינסק, — מוראָ־
דיק. מע טעראָריזירט יידן. מע אַרעסטירט אַרבעטער. מע שמייסט. מע צעשיסט.
און זייער טרעפלאַך שילדערט ריוועס יענע בלוטיקע צייט. אין מינסק געפינען זיך
הונדערטער פאַרבאָרגענע באָלשעוויקעס. דאָס זענען די „פרישע כוחות״ פון י. יאָפּע,
וועלכע זענען איצט, אונטער דער פּוילישער אָקופּאַציע, אוועק אין אונטערערד, גע־
וואָרן פאַרבאָרגענע. און — .וויפל דיסציפּלין, פאָרזיכט, יִשוב הדעת עס פאָדערט
זיך אין אַזעלכע שווערע קאַמף־באַדינגונגען. מע מוז זיך היטן מיט יעדן טראָט.
מען מוז האַלטן אַן אויג אויף יעדן פרעמדן און, אפילו, אייגענעם, וועלכער קען זיך
אַמאָל אַרויסווייזן פאַר אַ — פּראָוואָקאַטאָר. איז די אונטערערד אַרבעט, זייער
אַ פאַראַנטוואָרטלאַכע. די מענטשן אָבער, וואָס טוען זי, די דאָזיקע אַרבעט, זענען
גרייט צו אַלץ. דאָס זענען ניט קיין געוויינלאַכע מענטשן. זייער אייגן לעבן שפּילט
ניט ביי זיי קיין ראָל. זיי שענקען זיך אינגאַנצן אוועק דער „זאַך״. און ניט
איינער פון זיי ווערט געפאַנגען פון דער פּוילישער „דעפענסיווע״. עס פאַלן דורך
יידן, ניט־יידן, מאַן און פרוי, יונג און אַלט. און מע פאַרפּייניקט. און מע צע־
שיסט . . . וויפל אָבער עס פאַרשווינדן ניט, קומען צו אַלץ נייע. די „פאַרבאָרגענע
כוחות״ שעפּן זיך ניט אויס.

אָט דאָס אַלץ, די גאָרע אונטערערדישע אַרבעט, ווערט גענוי און לעבעדיק
אַרומגעשילדערט אין י. ריוועסעס בוך. און אַהינטער די־אָ רעוואָלוציאָנערע כוחות,
וועלכע קעמפן העלדיש קעגן די פּוילישע אָקופּאַנטן, געפינען זיך רויטע פּאַרטיזאַנער־
טיילן, וועלכע פירן דעם קאַמף אויף אַ פיל ברייטערן מאַסשטאַב. און אַהינטער
די־אָ פּאַרטיזאַנער שטייט די רויטע אַרמיי.

אָט אַזעלכע זענען זיי, די צוויי פּראָזע־ביכער, „פרישע כוחות״ און „פאַר־
באָרגענע כוחות״ פון די יידיש־סאָוועטישע שרייבער י. יאָפּע און י. ריוועס; ביכער
וועגן רוסישן רעוואָלוציאָנערן קאַמף, דערגאַנגענע צו אונז בעת דער איצטיקער, דער
צווייטער, וועלט־מלחמה, ווען סאָוועטנלאַנד איז באַניים אַ שלאַכט־פעלד — דאָס
אָרט, וווּ עס ווערט אויסגעפעכט דער לעצטער אנטשיידענער באַפרייונגס־קאַמף.

1942

ווײכטיקסטע ווערק פון מ. דאַניעל

„יולים“, „אויפן שוועל“, „אמת“, מאָסקווע, 1941

די סאָוועטישע ליטעראַטור איז פול מיט שאַפונגען, וועלכע שפּיגלען אָפּ די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. יענע יאָרן — בעת דעם בירגערקריג, בעת די פאַרשיידענע אויסלענדישע אינטערווענציעס, — זענען געווען פול מיט געוואַלדיקע געשעענישן, מיט אויסערגעוויינלאַכע דערשיינונגען. אין יעדן ווינקעלע פונעם ריזיקן רוסלאַנד האָבן זיך אָפּגעשפּילט דראַמאַטישע סצענעס, טראַגישע עפּיזאָדן, לעגענדאַרישע פּאַסירונגען. איז פאַרשטענדלאַך, אַז די געדאַנקען־געפילן פון א סך סאָוועטישע וואָרט־קינסטלער זאָלן זיין געווענדעט צו יענער שטורמישער צייט — א צייט, וואָס „ליפערט“ פאַרן קינסטלער אָן א שיעור אינטערעסאַנטן, ממש פאַרכאַפּנדן „מאַטעריאַל“: א צייט, פון וועלכער דער קינסטלער קען שעפּן פולע הויפנס טעמאַטיק. טוען טאַקע אַזוי א סך סאָוועטישע, ניט־יידישע און יידישע פען־מענטשן. קערט מען זיך אום נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל צו יענע ברויזנדיקע יאָרן. דעקט מען אויף אַלץ נייע, נאָך אומבאַקאַנטע רעוואָלוציע־עפּיזאָדן, בירגער־קריג־געשעענישן. טוט עס אויך — אין זיינע צוויי ווײכטיקסטע ווערק „יולים“ און „אויפן שוועל“ — דער יידיש־סאָוועטישער, ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענער פּראָזע־שרייבער מ. דאַניעל.

די דאָזיקע צוויי גרעסטע און ווײכטיקסטע ווערק דאַניעלס — „יולים“ און „אויפן שוועל“ — האָבן צו טאָן מיט דער אַלטער ליטווישער שטאָט ווילנע. איז די ערשטע נאָך אָקטיאַבער־יאָרן איז די דאָזיקע אַלטע אייגנאַרטיקע שטאָט, וואָס האָט, אגב, געשפּילט א גאָר געהייבענע ראָל אין יידישן לעבן, געווען א פּאָר מאָל א באָלשעוויסטישע. דאָס ערשטע מאָל איז זי עס געווען סוף יאָר 1918 (און אויף יענער צייט איז „געבויט“ דאַניעלס „יולים“); דאָס צווייטע מאָל — מיט אן אנדערהאַלבן יאָר שפּעטער (און מיט יענער צייט איז פאַרבונדן דאַניעלס „אויפן שוועל“).

אין „יולים“ האָבן מיר פאַר זיך ווירקלאַכע פּאַסירונגען. דאָס ווערק דערציילט פון איינעם א טראַגישן רעוואָלוציע־עפּיזאָד — פונעם אומקום פון ווילנער ארבעטער־ראַט. עס קומען טראַגיש אום זעקס קאָמונאַרן. דריי פון זיי, יולים שימעלעוויטש, יאַנקל „מאַראַט“ און חיימקע סייבל, זענען יידן. צוויי, לודוויג יאַנוקאָווסקי און סטאַניסלאַוו, — פּאָליאַקן. און דער זעקסטער — אַפאַנאַסיעוו, — א רוס.

יולים איז דער ווײכטיקסטער פון די זעקס; דער טעטיקסטער און דינאַמישטער. ער איז פון קליינוווייז אָן א בונטאַר. א ייִנגל נאָך — ביי אָרעמע, פרומע עלטערן, — פאַרשפּרייט ער שוין רעוואָלוציאָנערע פּראָקלאַמאַציעס. נאָכדעם — א דערוואַקסענער שוין — דערשיסט ער א צאַרישן זשאַנדאַר. און אָט קומט די

אָקטיאבער־רעוואָלוציע. יוליס איז צוערשט טעטיק אין מינסקער יידישן קאָמיסאַריאַט. נאָכדעם, סוף יאָר 1918, טרעפן מיר אים אין ווילנע. ער האַלט דאָ אין פאַרפעסטיקן דעם ארבעטער־ראַט. און עס העלפן אים אין דעם די אַנדערע, אויבן דערמאַנטע קאָמונאַרן.

און דער ארבעטער־ראַט פיבערט מיט טעטיקייט. אין איינער א ווילנער געוועזענער פּרויען־גימנאַזיע, ווו דער ראַט געפינט זיך, ווערט אָנגעזאַמלט א היפּש ביסל געווער: טאָמער קומט אויס קעגן עמעצן צו קעמפן, פון עמעצן זיך צו פאַרטייִדיקן. און אינגיכן טאַקע מאַכט זיך אַזאַ מיר „געלעגנהייט".

ווילנע איז אין יענער צייט — סוף יאָר 1918 — אַ קעסלגרוב. די דייטשן, וואָס האָבן דאָ העכער דריי יאָר אכזריותדיק געבאַלעבאַטעוועט, עוואַקוירן זיך. און אויף דער שטאָט זענען פאַראַן צוויי בעלנים: די פּוילישע לעגיאָנערן און די באָלשעוויקעס. זענען אָבער די באָלשעוויקעס א קליין הייפל. האָבן זיי מורא צו פאַרכאַפּן די שטאָט. וואַרטן זיי אויף הילף — אויף „רויטע" חיילות, וועלכע מאַרשירן אויף ווילנע. נוצן אויס די פּאָליאַקן די דאָזיקע סיטואַציע און — פאַרכאַפּן די שטאָט, און באַלאַגערן אויך דעם ארבעטער־ראַט.

דער ראַט איז „אין ארומרינגלונג". חוץ די זעקס אויבן דערמאַנטע קאָמונאַרן, געפינען זיך דאָ פערציק רוסישע קריגסגעפאַנגענע — צוריקגעקומענע פון דייטשישער געפאַנגשאַפט. וואָלט מען, צוזאַמען מיט די־אָ סאָלדאַטן, זיך געקענט ווי געהעריק פאַרטייִדיקן — ביז הילף וואָלט זיך באַוויזן. זענען אָבער די קריגסגעפאַנגענע, וועלכע זענען אין ראַט מגולגל געוואָרן צופעליק, א ניט־זיכערער עלעמענט. זיי ווילן זיך מער ניט שלאָגן. זיי ווילן אַהיים — טיפער אין רוסלאַנד. געפינען זיך די זעקס קאָמונאַרן צווישן צוויי פייערן. פון איין זייט — די קריגסגעפאַנגענע, וועמען מען קען ניט געטרויען, וועלכע קענען פאַראַטן; פון דער צווייטער זייט — די פּאָליאַקן, וואָס מאַכן אַלץ ענגער די ארומרינגלונג.

דאַך גיט מען זיך ניט אונטער. מע קעמפט. און א שיסעריי טראָגט זיך: פון ראַט — אויף די פּאָליאַקן און פון די פּאָליאַקן — אויפן ראַט. די זעקס קאָמונאַרן ווייסן אָבער: קומט ניט שנעל קיין הילף, איז מען פאַרפאַלענע.

און די הילף — אַן אָטריאַד פון פיר הונדערט פּאַרטיזאַנער, אָנגעפירט פון איינער א גאָר מוטיקער באָלשעוויקין, אַנאַ באָגדאַנאָוויטש, — איז נאָך זייער ווייט. און מיט יעדער שעה ווערט דאָ, אין ראַט, סכנהדיקער. און אָט פאַראַטן די פערציק קריגסגעפאַנגענע — פאַרלאָזן דעם ראַט, גיבן זיך איבער צו די פּאָליאַקן. און עס בלייבן בלויז די זעקס קאָמונאַרן.

איצט ווייסן זיי שוין, אַז זיי זענען פאַרפאַלענע. קיין הילף באַווייזט זיך ניט. און דער שונא ווערט אַלץ דרייסטער, פרעכער. און אָט דערשיסט ער אויך אַפּראַסיעווון — דעם אייציקן צווישן די קריגסגעפאַנגענע, וואָס האָט ניט פאַראַטן, וואָס איז געבליבן מיטן ראַט. און עס בלייבן בלויז פינף. — באַשליסן די־אָ פינף, כדי ניט אַריינצופאַלן לעבעדיקע אין די לאַפּעס פון די גזלנישע פּאָליאַקן, צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

און שטאַרק קינסטלעריש שילדערט דער מחבר די לעצטע נאַכט פון די־אַ קאָמונאַרן. ער גיט זייער געמיט־צושטאַנד. ער מאָלט תמציתדיק די גאַרע שטימונג אין ראַט. ביז דער לעצטער רגע. ביז עס קומט דער סוף. ביז דער לעצטער פון זיי בלייבט ליגן אַ פאַרשטילטער, אַ פאַרקילטער.

און אינגאַנצן מיט פיר שעה שפעטער מאַרשירן אין שטאָט אַריין די „רויטע". און פערציק טויזנט מלוים באַגלייטן די זעקס טראַגיש אומגעקומענע קאָמונאַרן צו זייער אייביקער רו.

דאָס צווייטע וויכטיקסטע ווערק דאַניעלס — „אויפן שוועל" — דערציילט פון ווילנע מיט, אַז ערך, אַנדערהאַלבן יאָר שפעטער נאָך דער טראַגישער „יולים"־געשעעניש. ווילנע ווערט עוואַקואירט פון די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן דאָ גזלניש געבושעוועט, געקוילעט יידן. אין שטאָט דאַרפן היינט־מאָרגן אַריינקומען די „רויטע". און ערב דעם דאָזיקן אַריינקום זייערן קומט צו איינעם אַ ווילנער יונגן יידישן מאָלער, ברוך ראַשאַל, אַ יונגע שיינע פרוי — בערטע ווינער. זי קומט צום מאָלער מיט אַן אויפטראַג פון ווילנער אונטערערדישן רעווקאָם: ער, ראַשאַל, זאָל אויפמאָלן אַ פּלאַקאַט, וואָס באַווייזט, וויאַזוי ווילנע ווערט באַפרייט פון פּוילישן יאָך. וויל צוערשט ראַשאַל פון דעם ניט הערן. ער איז אַ קעגנער פון „ליטעראַרישן סיוזשעט" אין דער מאָלעריי. ער איז דערצו ווייט פון דער רעוואָלוציע. זיין איינציקער אני מאמין איז — קונסט. דאָך לאָזט ער זיך איבעררעדן. און ער מאָלט אויף דעם פּלאַקאַט.

און אַט באַווייזן זיך די „רויטע". אין שטאָט איז יום טוב. המונים שטראָמען אויף די גאַסן. און ראַשאַל, דער יונגער יידישער מאָלער, וואָס האָט יאָרנלאַנג פאַנאַטיש געגלייבט, אַז „חוץ ליכט און שאָטן, זון און לופט עקזיסטירט מער גאָר ניט אויף דער וועלט", — דערפילט איצט, אַז אויך ער האָט אַ חלק אין היינטיקן „רויטן" יום טוב. און ער פאַרטראַכט זיך וועגן זיך, וועגן זיין קונסט. און ער קומט לסוף צום אויספיר, אַז „אין רעוואָלוציע־צייט האָט ניט קיין זינען מאָלן שטיקלאַך הימל פאַר שלאָפצימערן און מוזייען". בעט ער ביי דער נייער מאַכט „רעאַלע אַרבעט" און ער ווערט פאַרוואַלטער פון שטאָטישן דירה־אָפּטייל און ער נעמט זיך אַרומטראָגן מיט אַ גרויסן פּלאַן: אַריבערפירן די איינוווינער פון די ווילנער אָרעמע פאַרשטעטלאַך אין די רייכע וווינונגען פון די אַנטלאָפענע גבירים.

דערווייל ווערט ער אינטים מיט בערטע ווינער, וועלכע איז אַ פּלאַמיקע קאָמוניסטקע און האָט שוין הינטער זיך אַ גאַר ברויזנדיקע פאַרגאַנגענהייט. פאַר „צופיל" ליבע אָבער איז איצט ניטאָ קיין צייט. עס גייען שטרענגע טעג, אָנגעלאָדענע מיט דינאַמיט. איז ראַשאַל, וועלכער איז געוואָרן אַ גאַר הייסער רעוואָלוציאָנער, שטאַרק פאַרנומען. גייט ער אַרום איבערן שטאָט, איבער די רייכע פּוילישע קוואַרטאַלן, און — זוכט פאַרלאָזענע דירות. און אַט פירט ער דורך זיין איבערוואַנדערונגס־פּלאַן. און — „דריי טעג אַן אויפהער האָבן צוועלף פאַרשטעט געלי־

פערט ארעמקייט צו די פארלאזענע אריסטאקראטישע מויערן". עס האבן, מיט די בעבעכעס זייערע, אהער אריבערגעוואנדערט: מיל־ארבעטער פון לוקישקעס, טאנדעטניקעס פון פאפלאווע, טרעגער און פורמאנעס פון נאווויגראד, ארעמקייט פון זווערינעץ, רוזעלע, זארעטשיע, אנטאקאל — — — ליידער אבער איז די פרייד פון די דאזיקע ארעמע איבערוואנדערער געווען זייער א קורצע. די „רויטע", וועלכע האבן זיגעריש מארשירט אויף ווארשע, האבן גענומען אפטרעטן. און אט רוקט זיך אן אויף ווילנע, באזונדערס, אויף דער יידישער ווילנע, א פחד: עס דערנענטערן זיך די רוצחישע פאליאקן. און די פינצטערע עלעמענטן אין שטאט רייבן זיך שוין די הענט, גרייטן זיך.

און אט קומט איינע א נאכט. אין איינעם א ווילנער רויטן קלוב איז יום טוב.מארגן מארשירט אפ צום פראנט א פאלק רויטארמייער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך א סך יידן. געזעגנט מען זיך היינט מיט זיי. איז דער קלוב פול. מיט ווילנער אויפגעריכטער ארעמקייט. און בערטע ווינער רעדט צו זיי. זי רעדט צו אלטע יידישע פרויען — מאמעס פון „רויטע" זין. און אנדערעריידן. און נאך די רעדעס זינגט מען שיינע פאלקס־לידער, טאנצט מען שיינע פאלקס־טענץ. און גרויס איז די פרייד.

אין דער זעלבער צייט אבער גרייט זיך אין שטאט אן אויפשטאנד. עס גרייט אים, דעם דאזיקן אויפשטאנד, דער שונא פון די באלשעוויקעס גראף ראדאמסקי. ער דערשיסט אומישנע דעם קסיאנדז זיגמונד און לאזט ארויס א קלאנג, אז דאס האט אים א טשעקיסט דערשאסן. דארף מען, לכן, נקמה נעמען פון די אנטי־כריסטן, פון די יידן. און דער אויפשטאנד ברעכט אויס.

די באלשעוויקעס אבער פארטיידיקן זיך. עס ווארפט זיך אריין אין שלאכט ווילנער ארעמקייט. פאפלאווער פורמאנעס שלאגן זיך פארביסן מיט זייערע דורות־דיקע פיינט — מיט די חזיר־הענדלער פון זווערינעץ. און ברוך ראשאל בויט דערווייל באריקאדן. און דער קאמף פלאקערט, נעמט צו לעבנס. און אויך ראשאל ווערט ערנסט פארוואונדעט.

ער ליגט אין שפיטאל. דער בונט איז שוין דערשטיקט. צו דער שטאט אבער דערנענטערן זיך די פאליאקן. און די באלשעוויקעס עוואקואירן זיך. און אט קומט בערטע אין שפיטאל. זי קומט א טראגעדיקע — פון אים, פון ברוכן. זי באשליסט אים מיטנעמען מיט זיך — א מסוכן קראנקן.

און אט זענען זיי אין וועג, אין א „טעפלושקע". און ראשאל שטארבט דא. און אין דער זעלבער צייט געבירט דא בערטע א קינד. און דאס דאזיקע געבורט איז א ביז גאר סימבאלישעס. און ראשאלן, דעם קינסטלער־אינטעליגענט, וועלכער האט זיך מקריב געווען פאר דער רעוואלוציע, באגראבט מען אינמיטן וועג. און איינער א באלשעוויק האלט דערביי א רעדע: אדער זיגן, אדער העלדיש אומקומען, ווי דער דאזיקער קיסטלער־רעוואלוציאנער.

אַ בלוטיקע כראָניק

וועגן „חדשים און טעג" פון י. קיפּניס, „קולטור־ליגע", קיעוו, 1926.

די יידישע פּאָגראָם־קרבנות אויף אוקראַינע, אין ווייסרוסלאַנד, פּאָלעסיע, וואָלין (אין די יאָרן: 1918־19־20), וואַרטן נאָך אַלץ אויף זייער תּיקון. דער דאָזיקער יידישער חורבן האָט נאָך זיין ירמיהו ניט אַרויסגעגעבן. אַזעלכע שטעט, ווי פּראָסקוראָוו, זשיטאָמיר א. א., האָבן נאָך זייער „מגילת איכה" ניט געשאַפן. אין דער יידישער פּאָעזיע האָבן די דאָזיקע שרעקלאַכע פּאָגראָמען יע געפונען אַן אָפּ־קלאַנג. אַ ריי לידער פון אַזעלכע יידיש־סאָוועטישע פּאָעטן, ווי מאַרקיש, קוויטקאָ, האָפשטיין, קושניראָוו, פיינבערג, א. א., רופן זיך היפּש אָפּ אויף יענער בלוטיקער צייט. באַזונדערס צייכענען זיך אויס: מאַרקיש מיט זיין „קופּע" און קוויטקאָ מיט זיין בוך „1919". די יידיש־סאָוועטישע פּראָזע אָבער — זי האָט זיך נאָך מיט דער־אַ טעמע קנאַפּ־וואָס פאַרנומען. דאָס בלוט אָבער פון די הונדערטער טויזנטער קרבנות שווייגט ניט. דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט לאָזט אָפּט הערן זיין שטים: טוט מיר מיין רעכט! לייטערט מיין וויי! געפינט אַ תּיקון פאַר מיין בראָך! איז מיט יאָרן שפּעטער נאָך דער רעוואָלוציע געקומען איינער אַ טאַלאַנטפולער יידיש־סאָוועטישער פּראָזע־שרייבער און געשאַפן אַ „כראָניק", וואָס וועט ווערט טיף רירנד געשילדערט איין עפּיזאָד בלויז פון יענע אימהדיקע יאָרן. די כראָניק רופט זיך „חדשים און טעג" און דער מחבר אירער איז איציק קיפּניס.

אין „חדשים און טעג" דערציילט קיפּניס פון איינס אַ קליין יידיש שטעטעלע, סלאָוועשנע (דעם מחברס געבורטאָרט), וואָס געפינט זיך אינעם טייל פּאָלעסיע, וואָס געהערט צום ראַטנפאַרבאַנד.

אַ שטעטעלע איז עס אַ פאַרוואָרפנס, ווייט פון אַ באַן, ווייט פון דער רוסישער וועלט: און דאָס לעבן דאָ, אפילו אין די ערשטע נאָך אָקטיאַבער־יאָרן, איז נאָך אַלץ געווען אַ שטילס, אַ רויקס, אַ געמיטלאַכס. אויף דער גאַנצער רוסישער ערד האָט שוין לאַנג געהאַט געשטורעמט. דאָ אָבער, אין סלאָוועשנע, איז נאָך אַלץ געווען פאַרוויגט אין אַ מנוחהדיקן דרימל:

„ס'איז פּרייטיק. ווער האָט עס ניט ליב אַ פרייטיק אין אַ קליין שטעטל? די קוימענס אין די נידעריקע הייזלאַך באַשמעקן די געסלאַך מיט ווייצנס, מיט וואָרימען, קיצלדיקן ריח פון קיכלאַך מיט צימרינג באַשאָטן און פון פּאַרטיקע געפּרעגלטע קאַשניקעס צום אָנבייסן. און ביי אונז דורכן קליינעם קיך־פענצטערל זעט מען אַלע פרייטיק, ווי ס'הייצט זיך די באָד".

אט דאס־א לייענען מיר אויף די ערשטע זייטלאך פון קיפניסעס כראניק. און, לייענענדיק אזא מין אידילישן בוד־אנהייב, שטעלט מען זיך פאר ווייטערדיקע, ביז גאר אנגענעמע בילדער. דער מחבר — דוכט זיך — וועט ביים ליכטיקן אנהייב זיינעם ניט בלייבן. ער וועט די ליבע בילדער ממשיך־זיין. ער וועט אריינפלעכטן אלץ נייע, מנוחהדיקע בילדער. און אלץ וועט זיך ענדיקן ב„כי טוב".

און טאקע:

— „ווער ווייס עס ניט, אז אין רוסלאנד איז שוין א יאר נאך דער רעוואָלוציע? אוודאי ווייסן מיר! אבער אין אונזערע מקומות גופא זענען נאך קיין שום רעוואלוציעס ניט פארגעקומען. ביי אונז הערן זיך בלויז מעשיות. די שוסטער שוסטערן זיך, די שניידער — שניידערן, די קרעמער האלטן די קלייטן אפן. זעט איר, די נאדל ביים שניידער גייט אפילו גרינגער פון האנט. — מ'פילט עפעס ישועות אויף יידן".

אט בלויז דאס — „ישועות אויף יידן" — דערוואַרט סלאוועשנע פון דער לעגענדארער רעוואלוציע. און זי האט נאך ניט קיין אנונג אפילו פון דעם, וואס איר שטייט פאר. זי ווייס נאך ניט, סלאוועשנע, אז איידער עס קומען די „ישועות", וועט זי טייער באצאלן.

דערווייל איז — „פרייטיק פארנאכט. די ברייטע הויז־טיר אונזערע איז אפן און די קינדער צוואגן זיך „לכבוד שבת". אין שטוב אינעווייניק זענען די פאלן פריש אויסגעוואשן, דער טיש ריין געדעקט. אט אין א שעה ארום זעצט זיך די זון אין מארקאסביימער, און ביי מיין מאמען אין שטוב ווערט אינגאנצן און מיטאמאל שבת".

און ווער איז עס אט דער דאזיקער מארקא, וואס אין זיינע ביימער זעצט זיך די שטעטלדיקע זון? — איז עס דעם מחברס א ניט־יידישער שכן. ווייל סלאוועשנע פארמאגט אויך ניט־יידן, און צווישן זיי און די יידישע שכנים הערשט שלום ושלוה:

— „די הייזער אין שטעטל, אויסערן מארק, זענען אמיינסטן געמישט — יידישע שטיבער מיט שכנישע פויערשע הויפן. ביים פויער בליען זומער קאשטאנען אין ניסן־ביימלאך. ס'וואקסן דארט אויך ווייַנשל מיט עפל. און ביים יידן, אויב ס'איז דא א בייטל אונטערן שטוב, פארזייט מען אוגערקעס, ביי די זייטן — פאסאליעס, קירבעסן און פשעניטשקעס. און אויב ער פארגינט זיך אפשפארן א שטיקל ערד פון צוויי ארשין אויף צוויי, פארזייט מען ארבעס".

און די שכנים, די ניט־יידן און די יידן, לעבן צווישן זיך זייער גוט. און מע פירט צווישן זיך מסחר. מע טוישט זיך מיט דער הארעוואניע:

— „זיי ריידן זיך גוט צונויף צווישן זיך: קארטאפל, מעל, האניק, א קאלב — פון איין זייט; א יוכט, א פעלץ, אפאר אויסגענייטע שטיוול — פון דער צווייטער זייט" און אזא גוט לעבן וואלט,מן הסתם, אנגעגאנגען און אנגעגאנגען. האט

זיך אריינגעמישט די רעוואלוציע.

איז איינעם א טאג איז אין סלאָוועשנע אנגעלאָפן די גאַרע יידישע קהילה פונעם ניט־ווייטן שטעטל אָוורוטש. מען איז אַנטלאָפן פון פעטליורעס, פון קאַזיר־זירקאַן. און פּלוצים פאַרשווינדט די סלאָוועשנער אידיליע. איבערן שטעטל פאַר־ציט זיך אַ פינצטערע כמארע. און אַט ווי קיפּנים שילדערט דעם אָוורוטשער אנגע־לאָף:

— „גרייז און יונג, פאַרנומענע מענטשן און קינדער ביי דער ברוסט, באַ־בעס, אַלטע ווייבער, גימנאַזיסטן, בעל־מלאכות — אַלע זענען זיי אין איינער אַ נאַכט געקומען צו אונז קיין סלאָוועשנע. אַלע באָרוועסע און צעשלאָגענע. ווער מיט דער גאַנצער משפחה, ווער מיט אַ האַלבער און ווער גאָר אַליין מיט זיין וויסטער און זינדיקער נשמה, ווי אַ בייזע געדעכעניש פון דער „עווינגען יודע", ווי אַ חרובער שטאָט, אַן זאַפט און אַן צווייגן, זיך צוגעשטעלט מיטן גלות: טאָמער האָט עמע־צער אויסגעפּעלט צו אַ מנין? — אָט בין איך אויך דאָ!".

דער אָוורוטשער פּאָגראָם אָבער איז נאָך געווען אַ „צוקערל־עקאָכל". די סלאָוועשנער, אויף טויט איבערגעשראָקענע יידן האָבן אינגיכן דערהערט פון אַ פיל גרעסערן פּאָגראָם — אין פּראָסקוראָוו, וווּ עס זענען אומגעקומען דריי טויזנט נפשות.

— „דריי טויזנט? ! — האָבן זיי זיך געוווּנדערט — דריי טויזנט איז עפּעס צו אַ האַמעטנע ציפער. ווי אַ טויבער זעץ מיט אַ קלאָץ אין מוח אריין".

דאָס אָבער, וואָס די סלאָוועשנער האָבן בלויז געהערט, צי „עטוואָס" (פון די אָוורוטשער) געזען, האָט זיי נאָך ניט געמאַכט פילן דעם גאַרן פּאָגראָם־פּחד. ביי זיי, אין סלאָוועשנע, — האָבן זיי געטראַכט און זיך געטרייסט — קען עס, אַלנפאַלס, ניט געשען. דאָ וועט אַלץ אַריבער בשלום.

די מהומה אָבער האָט זיך דערקייקלט אויך צו סלאָוועשנע. און — ווער האָט „עס" צוגעגרייט? — די ניט־יידישע שכנים, די „האַרציקע" פריינט, אין וועמען עס האָט זיך צעיושעט דאָס רציחהדיקע בלוט. און דאָ־אָ האַקט אָפּ קיפּנים זיין אידיליע־טאָן, זיין רויק־געמיטלאַכע באַשרייבונג. און זיין שילדערן ווערט אומ־רויק, פיבערדיק, און זיין דערציילן ווערט ווייטאַקדיק, פּחדיסדיק. נאָך לאַנגע שטילע חדשים קומען אָן אין שטעטל דריי גרוילנדיקע טעג: „מיטוואָך, דאָנערשטיק און פרייטיק". אָט אַזוי טאַקע רופט זיך דער לעצטער, לענגסטער בוך־קאַפּיטל, וווּ עס ווערט געגנוי געשילדערט דער סלאָוועשנער פּאָגראָם. ביינאַכט, אונטערן שוץ פון דער פינצטערניש, פלעגט מען ראַבעווען, קוילענען, פאַרגוואַלדיקען און בייטאָג פלעגט ווערן שטיל — אַ קורצע הפסקה, ביז אַ צווייטער נאַכט.

— „די גאַסן זענען אויס, ווי נאָך אַ יאַריד, אָדער ווי אין אַ בייזן פאַר־פּסח, שטויב מיט מיסט פאַר יעדער טיר, צעוואָרפענע פּאַפּירן מיט אנגעבראָכענעם גלאָז".

און די סלאָוועשנער יידן אַנטלויפן. זיי ראַטעווען זיך פון די שכנישע רוצחים. זיי אַנטלויפן אין די אַרומיקע דערפער, צו באַקאַנטע פּויערים. און פון

אַלע אַרומיקע דערפער שטראָמען איז שטעטל פּאַגראַמשטשיקעס. און די סלאָוועש־נער אַנטלויפנדיקע יידן טרעפן זיך מיט זיי אין וועג. מע מיידט זיך אָבער אויס. מע שעמט זיך עפּעס איינע פאַר די אַנדערע. אויף אַזאַ מין „שפּיל" גייען די אַרו־מיקע „גויים" ס'ערשטע מאָל אין זייער לעבן:

— „ווייזט אויס, נאָך גאָר ניט קיין געוויינטע. זיי גייען, אפשר, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אויף אַזאַ מין שפּיל, און דאָס אויך ווייל מע האָט זיי אָנגע־רעדט דערויף, אָדער זיי זענען זיך מתקנא אויף לייטישע שטעט".

און בעת אַ טייל סלאָוועשנער יידן ליגן באַהאַלטן אין די אַרומיקע דערפער, ביי באַקאַנטע פּויערים, — איז סלאָוועשנע גופא פאַרפלייצט מיט אַנדערע פּויערים — פון די זעלבע דערפער. און — מע קוילעט, מע ראַבעוועט, מע פאַרגוואַלדיקט. און איבערן גאַנצן שטעטל, אויף די אַרומיקע פעלדער וואַלגערן זיך הרוגים: זקנים, קינדער, מענער, פרויען.

און די שחיטה ווערט גרעסער, בלוטיקער. און אָט טרייבט מען צונויף אין איינער אַ שטוב אַ גרויסע עדה יידן, אַלט און יונג, מאַן און פרוי און — מע ברענגט זיי דאָ אום דורך פאַרשיידענע מיתה־משונה'ס.

— „דער רב זשיפּעט נאָך, נאָר ער איז געשטאָכן גלייך אין האַרצן. ניסלען דעם בוק האָט מען איבערגעקוילעט מיט אַ קאָסע דעם האַלז. דוד געהאַרגעט. מיכאַלן געשטאָכן. — נפתלי־יאַשקעס מיידל געטויט. זישע גורעצקים ווייב, די אַלטע קונדיקאַ".

און דער מחבר לייענט פאַר אונז זיין „מגילת סלאָוועשנע" ווייטער:

— „מיר קאַטשען זיך איבערן ווייטסטן פּלויט און מיר גייען. אַ סך יידן זענען שוין דאָ אַרום אונז און מיר גייען. און יידן — קוק זיי אָן. צווישן לעבע־דיקע און טויטע איז דער חילוק נאָר אויף איין האָר. אָט קומט און זאָגט, אַז זיסקע־לען האָט מען שוין געהאַרגעט. אָט דעם זיסקעלען, וואָס שטייט אָטאָ און רעדט מיט דיר, — אים האָט מען שוין געהאַרגעט — וועל איך גלויבן. ווארעם איין פינטעלע טיילט דאָ אָפּ אונזערע לעבעדיקע פון די אונזערע, וואָס קענען שוין מער ניט לעבן. די פאַרפייניקטע גלויב איך ניט, אַז דאָס זענען זיי שוין טויט, און די ריידנדיקע גלויב איך ניט, אַז דאָס לעבן זיי נאָך! און אויף וועמען ליגט דאָ דער צייכן פון דער קאָסע? — קוק און דערקען. ווייל איצט קאָן איין שעה פון ביינאַכט, אָדער איין גרעפּס פון בייטאָג אויפטאָן אַזעלכעס, וואָס הונדערט קיילאַכדיקע יאָר וועלן דאָס ניט פאַרמעקן, ניט פאַרשווייגן. אָט קוקט אויף אונזערע לעבעדיקע מיט די טויטע".

אָט אין די־אָ טראַגישע שורות האָט זיך קיפּנים דערהייבן צו אַ געוואַלדיקער הויך. דאָס זענען שורות פון אַ נייעם „איכה". דאָס איז אַ ממעמקימדיקער אויס־געשריי פון אַ יידיש, צעבלוטיקט און צעוואונדיקט האַרץ. און עס זענען, דעריבער, פאַרשטענדלאָך די ווייטערדיקע שורות אין בוך, וו דער מחבר פון דער רירנדער

כראַניק שילט די רוצחים מיט די ווייסטע תוכחה־קללות:

— "און איר „גויים", שכנים מיינע געטרייע, איר האָט כאַטשבי אַרומגע־ווישט די קאַסעס מיט די מעסערס, צי איר האָט זיי פאַרטראָגן אינאיינעם מיט מיין בלוט צו זיך אַהיים? גויים, שכנים מיינע געטרייע, זאָלן פון אייך פאַלן שטיקער! פון אייך, פון אייערע ווייבער און קינדער. ווו איר וועט זיך קערן און ווענדן!".

דוד בערגלסאָנס „מידת הדין"

„קולטור־ליגע, קיעוו, 1929.

דוד בערגלסאָן איז איינער פון די יידישע באַרימטסטע פּראָזע־מייסטער. ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט בערגלסאָן, דער עיקר, געשילדערט דאָס לעבן פונעם יידישן, אַלט איינגעפונדעוועטן און ניי אויפגעקומענעם מיטלשיכט. ער האָט מייס־טעריש געשילדערט די סוחרים פון „אַרום וואָקזאַל", די הורוויצעס און פויזנערס אין „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג". ער האָט טיף פּסיכאָלאָגיש צעגלידערט די נשמות פון די מירעלעס, מלכ'ס, חיים־משה'ס — פאַרשטייער פונעם יינגערן יידישן דור, וועלכע האָבן זיך געגומען אָפּרייסן פון די קליינשטעטלשע היימען, פונעם אַלטן לעבנס־שטייגער; וועלכע זענען אָבער ניט דערגאַנגען צו קאָנקרעטע נייעס און, ניט־נויטיקע און פאַריאושטע, געבליבן שטעקן אינמיטן וועג. — אָט אַזאַ איז געווען בערגלסאָנס טעמאַטיק ביז דער רעוואָלוציע.

נאָך דער רעוואָלוציע טוט זיך בערגלסאָן אַ ווענד מיטן פּנים צום יונגן וואָקסנדיקן ראַטנפאַרבאַנד. ער נעמט צוביסלאָך אָפּשפּיגלען דאָס סאָוועטישע לעבן. ער טוט עס צוערשט אין קירצערע דערציילונגען. נאָכדעם שרייבט ער אַן עטלאָכע לענגערע ווערק, וווּ אָדער די טעמאַטיק, אָדער די אָריענטאַציע זענען סאָוועטישע. — אָט וועגן איינס פון די־אַ בערגלסאָנס נייסטע ווערק — וועגן בוך „מידת הדין" — ווילן מיר אַ שמועס־טאָן מיטן לייענער.

אין „מידת הדין" האָבן מיר פאַר זיך צוויי וועלטן. פון איין זייט — אַ שטיק רעוואָלוציע, פון דער צווייטער זייט — אַ יידיש־אַלטשטייגערדיק שטעטל. דאָס דאָזיקע שטעטל אָבער — גאַליצאַווקע — איז שוין „נאָך אַלעמען", נאָך „אָפּ־גאַנג". די רעוואָלוציע דרינגט שוין אַריין אויך אַהער. זי דרינגט אַריין אַהער מיט איר גאָרער ערנסטקייט, שטרענגקייט, מידת הדין.

אָט דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער מידת הדין קומט אין בוך צום אויסדרוק דורך איינעם אַ פיליפּאָוו. ער איז די צענטראַלע פיגור אין בוך. קליינערהייט ווערט ער אַ קיילעכדיקער יתום, דערציט זיך ביי אַ פרומער באָבע, וואָס אַרבעט אין אַ שאָכטע. און אויך ער נעמט — גאָר יונג — אַרבעטן אין שאָכטע. און גאָר יונג ווערט ער אַ רעוואָלוציאָנער, קעמפט קעגן צאַרישן רעזשים, זיצט אין תפיסות, ווערט פאַרשיקט קיין סיביר. און אָט ברעכט אויס די רעוואָלוציע. פיליפּאָוו קעמפט קעגן די „ווייסע". נאָכדעם שיקט מען אים צום פּוילישן גרענעץ — ניט ווייט פון שטעטל גאַליצאַווקע. באַזעצט ער זיך דאָ אין אַ געוועזענעם מאָנאַסטיר און — נעמט אָכ־

טונג געבן אויפן דערבייִיקן גרענעץ — היטן אים פון פארשיידענע סאוועטישע שונאים.

טוט פיליפּאָוו די דאָזיקע ביז גאָר פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט באמונה. ער שענקט זיך איינגאַנצן אוועק דער רעוואָלוציע. איז כסדר פאַרטאָג, פאַרנומען. האָט אַפילו ניט קיין צייט זיך צו היילן פון אַ שווערער קרענק — פון אַ האַלז, וואָס איז געדיכט באַזעצט מיט געשווירן, — אַ פּועל־יוצא פון דער שווערער אַרבעט זיינער. פיליפּאָווס, אין די פינצטערע קוילן־גריבער . . .

ליידט ער אָפּט מוראַדיקע יסורים. מאַכט אָבער ניט פון זיי קיין וועזן. ווייל ער איז פאַרנומען מיט בילכערע זאַכן: אויספירן ווי געהעריק די שליחותן פון דער יונגער סאָוועטישער, נאָך היפּש באַדראָטער מאַכט. — פאַרט ער אָפּט אַליין אַרויס צום גרענעץ זען, צי אַלץ איז אין אָרדענונג. וואָרעם עס איז אַ גרענעץ צווישן צוויי וועלטן. פון איין זייט — אַ ניי לעבן, וואָס גייט צום סאָציאַליזם . . . און פון דער צווייטער זייט — אַ קאַפּיטאַליסטיש־פאַשיסטיש לאַנד, וואָס לאָקערט היה רעה'דיק אויף איר יונגער פּראָלעטאַרישער שכנטע . . .

גנבענען דעם דאָזיקן סאָוועטיש־פּוילישן גרענעץ פאַרשיידענע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן: שפּעקוליאַנטן, פּאָגראָמשטשיקעס, עס־ערן. די לעצטע, די עס־ערן, זע־נען שטאַרק ברוגז אויף די באָלשעוויקעס. גרייטן זיי — אין גאַליכאָווקע, אין די אַרומיקע ישובים, — אַן אויפשטאַנד.

און אָט איז גאַליכאָווקע. אַ קליין, אַלטשטייגערדיק שטעטל. ביז דער רע־וואָלוציע האָט מען דאָ געלעבט, ווי אין שלום עליכם'ס קאַסרילעווקע. איצט זענען אַ סך יידישע פּרנסות אונטערגעגאַנגען. האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו נייע פּרנסות: שמוגלעריי, שפּעקולאַציע, אויסבאַהאַלטן ביי זיך אומזויבערע פאַרשוינען, וועלכע קומען אַהער כדי שוואַרצן דעם דערבייִיקן גרענעץ. איז כמעט יעדע שטוב אין גאַ־ליכאָווקע אַן „אַריינפאָר־הויז" פאַר כל המיני „ביינאַכטיקע" געסט.

באַווייזט זיך איינמאָל אין שטעטל איינע אַ יונגע שיינע פרוי — אַננאַ אַר־קאַדיעוונאַ מאַרזאַוויצקאַיאַ. זי איז אַ „ווייסע קוריערשע" און פירט קיין אויסלאַנד וויכטיקע דאָקומענטן. פּרוווט זי גנבענען דעם דערבייִיקן גרענעץ. האָט זי אָבער ניט קיין דערפאָלג. מוז זיך צוריקקערן אין שטעטל — וואַרטן אויף אַ צווייטער געלעגנהייט.

בינו לבינו ווערט אין גאַליכאָווקע טומלדיק. זינט אין קאַמינאַ באַלקער מאַ־נאַסטיר האָט זיך באַזעצט דער נייער נאַטשאַלניק טשעקאַ, פיליפּאָוו, איז ביטער. ווייל דעם דאָזיקן פיליפּאָוו קען מען ניט אונטערקויפן . . . און גאָר אָפּט היט ער אַליין דעם גרענעץ. און כאַפּט ער עמעצן, מעג זיך שוין יענער ריכטן אויף דער האַרבסטער שטראָף, אויף „מידת הדין". שרעקט זיך גאַליכאָווקע. שוואַרצט מען זעלטענער דעם גרענעץ. קען זיך די „ווייסע קוריערשע" — דאָס פרייִלאַכע שטיקל סחורה" — ניט געבן קיין עצה. די סעקרעטנע פּאַפּירן, וואָס זי פירט קיין אויס־לאַנד, האַלט זי אַרומגעוויקלט אַרום גופל פון „אירם" אַ קינד. אָבער אַפילו אַזוי

איז ניט זיכער . . . און — ווי לאנג וועט זי דאָ נאָך זיצן ? פאַרקניפּט זי זיך לסוף מיט איינעם אירן אַן אַלטן באַקאַנטן — אַ שטעטלשן דאָקטער.

מע רופט אים דאָקטאָר באַביצקי. ער איז אַ געוועזענער רעוואָלוציאָנער. געוועזן אַפילו פאַרשיקט. איצט איז ער „אַ מענטש אַ זייטיקער". איצט — האַלט ער — איז דאָס לעבן אַוועק „מיט משונהדיקע קרומע וועגן". האָט ער זיך באַזיי־טיקט. וווינט אין אַן אַלט, אַנאַזייטיק שטיבל און — שלאָפט דאָ אָפּ די טעג מיט די יאָרן . . .

דאָך טוט ער עפּעס. אומדירעקט איז ער פאַרבונדן מיט דער גרופּע עס־ערן, וואָס גרייטן דעם אויפשטאַנד. די וויכטיקסטע פון זיי זענען: סאָפיע פּאָקראָווסקאַיאַ, אַ גלח׳ס אַ טאָכטער; דער דענטיסט גאַלאַגאַנער; דער פאַרמאַצעווט יוזי ספּיוואַק, זיין ברודער מולי א. א. אָט די־אַ עס־ערן מאַכן זיך גרייט צו אַ קריג מיט דער סאָוועטנמאַכט. צוערשט ווילן זיי אָפּראַמען פון וועג די אָרטיקע מאַכט. נאָכדעם — דעם גאַרן סאָוועטנפאַרבאַנד . . .

אין קאַמינאַ באַלקע אָבער שלאָפט מען ניט. פּיליפּאָוו שטייט אויף דער וואַך. ער היט דעם גרענעץ. און אָט פאַקט ער איינמאָל אָכט פורן מיט גרענעץ־שוואַרצער. ער ברענגט זיי קיין קאַמינאַ באַלקע. זעצט זיי אונטערן שלאָס. נעמט זיי אויספאָרשן. גאַנצענע נעכט איז ער פאַרנומען מיט דער אויספאָרשונג. דערביי פייניקן אים די געשווירן. ער פירט אָבער די אויספאָרשונג. שרייבט אונטער טויט־אורטיילן. שיקט אוועק אויף „יענער וועלט" פאַרשיידענע ראַטן־שונאים. ער ווייס, פּיליפּאָוו, פון איין זאַך: מידת הדין. אַזאַ איז די רעוואָלוציע. זי ווייס ניט פון קיין ווייכקייט . . . אָפט אָבער טוט זיך פּיליפּאָוו אַ ווענד אויך צו מידת הרחמים. דער רעוואָלוציאָנערער שכל זאָגט אים, אַז דעם, אָדער יענעם באַשולדיקטן דאַרף מען פאַרגעבן, באַפרייען, מחזיר למוטב זיין . . . באַפרייט ער, פּיליפּאָוו, דעם יונגן יידישן רויטאַרמייער פּינקע ווייל, וועלכער איז פאַרפירט געוואָרן פון שמוגלערישע טאַטע־מאַמע. באַפרייט ער דעם עס־ער יוזי ספּיוואַק, הגם יענער האָט אַנטייל גענומען אין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אָט אַזוי שטייט פּיליפּאָוו אויף דער וואַך, היט די רעוואָלוציע פון פאַרשיידע־נע שונאים, פאַרט אָפט אַרום איבער דער ניט־זיכערער גרענעץ־געגנט, כאַפּט זיך צומאָל אַראָפּ קיין גאַליכאָווקע — מוסרט דאָ דעם שפּעקולאַנטישן און שמוגליאַרישן עולם; דראָט, אַז מע וועט שלעכט אָפּשניידן . . . און די דאָזיקע וואָרענונג מאַכט טאַקע אַ רושם. און באַזונדערס נעמט זיך שרעקן די „ווייסע קוריערשע". און זי פּרוווט באַניים גנבענען דעם גרענעץ. זי ווערט אָבער פאַרהאַלטן פון פּיליפּאָוון און איר ווייטערדיקער גורל איז פאַרחתמעט.

דערווייל גרייטן די עס־ערן דעם אויפשטאַנד. און צוליבן דאָזיקן ציל פאַר־בינדן זיי זיך מיט געוויינלאַכע באַנדיטן — אריבערגעשמוגלטע פון פּוילן. און דער אויפשטאַנד ברעכט אויס — מיט אַן אָנפאַל אויף די גאַליכאָווקער יידן . . די עס־ערן

אָבער פֿאַלן דורך און מע אַרעסטירט זייערע פֿירער.

די אומרועס אָבער ווערן נאָך ניט ווי געהעריק איינגעשטילט. איבערן געגנט צעבושעווען זיך באַנדעס. און אין איינער אַ נאַכט טויטן זיי פֿיליפּאָוון — דעם דאָזיקן ערלאַכן, איבערגעבענעם באָלשעוויק . . .

אַנגעשריבן איז „מידת הדין" מיט דער גאָרער קינסטלערישער קראַפֿט, מיט וועלכער עס איז באַשאַנקען דער גרויסער, ערשט קלאַסישער פּראָזע־מייסטער דוד בערגעלסאָן.

1935

ביראָבידזשאַן און קאַלימאַ

„ביראָבידזשאַנער דערציילונגען“ פון מ. גאָלדשטיין, „אמת“, מאָסקווע, 1941;
„קאַלימער דערציילונגען“ פון ב. אָרשאַנסקי „אמת“, מאָסקווע, 1941.

ביראָבידזשאַן און קאַלימאַ זיינען צוויי זייער וויכטיקע סאָוועטישע געגנטן. זיי געפינען זיך ניט גאָר ווייט איינס פון אַנדערן. ביראָבידזשאַן ליגט ביי די ברעגן פונעם טייך אמור — דער גרענעץ פון מאַנדזשוריע און קאַלימאַ — צפונדיק פון וולאַדיוואָסטאָק, נעענטער צום אַרקטיק. ביידע זענען זיי זייער וויכטיק, ניט בלויז מיט זייערע נאַטירלאַכע אוצרות, נאָר אויך מיט דעם, וואָס זיי דינען ווי מעכטיקע פעסטונגען קעגן די יאַפּאַנעזישע פאַשיסטן. ביראָבידזשאַן — די יידיש־סאָוועטישע אויטאָנאָמע געגנט — איז שוין דעם לייענער גוט באַקאַנט. וועגן ביראָבידזשאַן האָט מען שוין פיל געשריבן. קאַלימאַ אָבער איז נאָך ביז ניט לאַנג צוריק געווען כמעט אומבאַקאַנט אַפילו אין סאָוועטנלאַנד. — ווען מיר אָנהייבן אונזער ביכער־איבערבליק מיטן בוך וועגן קאַלימאַ.

אַמאָל, אין די צאַרישע צייטן, איז קאַלימאַ געווען אַ פאַרשיקונגס־אָרט. מען האָט אַהין פאַרשיקט ניט בלויז קרימינעלע פאַרברעכער, נאָר אויך פּאָליטישע. אַנט־לויפן פון דאָרט איז געווען כמעט אומעגלאַך. קאַלימאַ ליגט זייער ווייט פון די רוסיש־אייראָפּעאישע געגנטן. מע קומט אַהין דורכן אָכאָטסקער אייז־קאַלטן ים. די געגנט איז אַ שטאַרק ווילדע און — פול מיט נאַטירלאַכע, „לעבעדיקע“ און „טויטע“ אוצרות: פאַרשיידענע ים־און יבשה־באַשעפענישן, גאָלד און זילבער, צינק און גראַפיט. די דאָרטיקע איינוווינער — אָראָטשן — זענען הירשן־ציכטלער. זיי שטאַמען פון די מאָנגאָלן. אַמאָל זענען זיי געווען זייער פיל. איצט — בלויז עטלאַכע טויזנט. ביז ניט לאַנג צוריק זענען זיי געווען געצנדינער, געוואַלדיק פּרימיטיוו, פול מיט פאַרשיידענע אָבערגלויבנס. — האָט זיך אַ נעם געטאָן צו זיי די ראַטנמאַכט — אַוועקגעשיקט קיין קאַלימאַ אַ ריי ענערגישע טוער. האָבן די סאָוועטישע שליחים געבראַכט אויפקלערונג, קולטור, ציוויליזאַציע. האָט מען דאָ אויפגעבויט שטעט. האָט מען דאָ אַריינגעצויגן עלעקטרע. האָט מען דאָ אויפגעשטעלט שולעס פאַר די אָראָ־טישע קינדער. האָט מען געשאַפן אַן אָראָטישן אלף־בית, אַ שריפטלאַכע שפּראַך. די געגנט האָט זיך גענומען אויסמענטשלען. צווישן די באָלשעוויקעס, וועלכע זענען אַהער געשיקט געוואָרן, זענען געווען אויך יידן, אויך דער מחבר פון די „קאַלימער דערציילונגען“ — ב. אָרשאַנסקי. האָט זיך אָרשאַנסקי גרינטלאַך באַקענט מיט דער גאָרער קאַלימאַ־געגנט, אומעטום אַריינגעבליקט, אַלצדינג אויפגעכאַפּט, פאַרצייכנט. און איצט ברענגט ער אונז פון דאָזיקן עקזאָטישן קאַנט אַן אינטערעסאַנטן גרוס — אַ בוך פיינע דערציילונגען.

אָט איז די ערשטע דערציילונג — „די ערשטע באַקאַנטשאַפט”. ווערט דאָ געשילדערט די קאָלימער ווילדע נאַטור, ווי אויך דער אָנהייב פון דער היגער סאָוועטישער אַרבעט. דער אָנהייב איז געווען זייער אַ שווערער. די באָלשעוויקעס האָבן דאָ געהאַט אַ סך אויסצושטיין. ניט בלויז פון דער ווילדער נאַטור, פון די שרעקלאַכע שניי־שטורעמס, פון די געפערלאַכע טייכן און זומפּן, נאָר אויך פון אַ צאָל „טונקעלע פאַרשוינען”. האָט גענומען צייט ביז די דאָזיקע שעדיקער זענען דעמאַסקירט און — באַזייטיקט געוואָרן.

און אָט איז די צווייטע דערציילונג — „אַלטע און נייע וואָר”. ווערט דאָ געשילדערט דער קאָלימער אויפבוי: ווי דאָ קומט אויף אַ נייַ לעבן: ווי אין דאָזיקן לעבן ווערט אַריינגעצויגן די אָרטיקע באַפעלקערונג. אָט איז איינער פון דער אַראַטשישער באַפעלקערונג: פּאָפּאָוו, אַ געוועזענער געצנדינער. — האָט מען אים געשיקט קיין לענינגראַד — זיך לערנען, האָט ער מורא געהאַט פאָרן. ווייל די אַראַטשישע „שאַמאַנעס” (גייסטלאַכע) האָבן איינגערעדט דעם עולם זייערן, אַז אויב עמעצער טרעט אַרויף אויף דער „גרויסער ערד” (טיפער אין רוסלאַנד), שטאַרבט ער... באַזונדעס, ווען ער פאָרט זיך לערנען... האָט פּאָפּאָוו ניט געוואָלט פאָרן. ענדלאַך אָבער איז ער אוועקגעפאָרן .א לאַנגע צייט אָבער האָט ער זיך אַלץ געשראָקן. האָט ער ניט געגעסן קיין באָרשט: עס איז ניט קיין אַראַטשישער מאכל; אַראַטשן עסן הירש־פלייש, געוויאַנדזלטע פיש („יוקאַלע”): און פון באָרשט שטאַרבט מען... האָט ער זיך אָפט געמאָסטן די טעמפּעראַטור... פּאָפּאָוו אָבער איז ניט אוועקגעשטאָרבן. ער איז בשלום צוריקגעקומען אהיים .קיין קאָלימאַ. און איצט איז ער א באָלשעוויסטישער קולטור־טוער.

אין די ווייטערדיקע דערציילונגען אין בוך באַקענען מיר זיך מיט אַנדערע אַראַטישע ווילדקייטן. אויך לייענען מיר וועגן די פאַרשיידענע צרות, וואָס די אַראַטשן האָבן געהאַט אויסצושטיין פונעם צאַרישן רעזשים. די צאַרישע מאַכט האָט די אַראַטשן אָפּגעטויפט. האָט זיי געגעבן רוסישע נעמען. האָט זיי „ציוויליזירט”. קיין קאָלימאַ האָט מען אַריינגעשיקט אכזריותדיקע קאָזאַקן, וועלכע האָבן דאָ דורכגעפירט שרעקלאַכע הריגות. דערצו האָבן איבער די אַראַטשן געוועלטיקט די „שאַמאַנעס”, זיי געהאַלטן אין קלעם פון פאַרשיידענע אַבערגלויבנס. האָבן די באָלשעוויקעס געהאַט אַ סך אַרבעט — ביז זיי האָבן די דאָזיקע פּראַים אויסגעמענטשלט. און איצט איז קאָלימאַ אַ ציוויליזירטע געגנט. דאָס אַלטע איז, וואָס אמת, ניט אינגאַנצן אָפּגעמעקט. פאַראַן נאָך אַראַטשן, וואָס וווינען אין יורטעס, לעבן אין שמוץ, גלויבן אין „שאַמאַן”. אַזעלכע אָבער ווערן אַלץ ווייניקער. און די יורטעס פאַרשווינדן. מע בויט אַלץ מער הייזער מיט „גלעזערנע פענצטער”. די אַראַטישע קינדער באַזוכן סאָוועטישע שולעס. די עלטערן פאַרלאָזן דאָס פּרימיטיווע וואַנדער־לעבן, גייען אין קאָלכאָזן. און די לעצט פאַרבליבענע שונאים ווערן באַזייטיקט.

דאָס צווייטע בוך — „ביראָבידזשאַנער דערציילונגען" פון מ. גאָלדשטיין — האָט שוין צו טאָן מיטן יידיש־סאָוועטישן לעבן. אין אַ ריי פיינע דערציילונגען שילדערט דאָ גאָלדשטיין דאָס יידישע פּיאָנערן־לעבן אין ביראָבידזשאַן. ווי אין די „קאָלימער דערציילונגען", זעען מיר דאָ דרייסטע באָלשעוויקעס, וואָס זענען גובר פאַרשיידענע שוועריקייטן און ציוויליזירן אַ ווילדע, פּרימיטיווע געגנט. שווער קומט זיי אָן די דאָזיקע פּיאָנערן־אַרבעט. ביראָבידזשאַן איז פול מיט טייגעס און זומפּן, קאָמאַרעס און אַנדערע אַנשיקענישן. מוז מען דאָ פאַרמאָגן אַ סך ווילן, עקשנות, איבערגעבנקייט. קומען אַהער אַ סך מיט די־אָ מעלות. עס קומען אָבער אויך נעגאַטיווע עלעמענטן, שטערער, שעדיקער.. ניט געקוקט אָבער אויף די כל המיני מניעות, ווערט די אַרבעט געקרוינט מיט דערפאָלג.

און אָט איז אינקורצן דער אינהאַלט פון אייניקע דערציילונגען אין בוך. אָט איז די ערשטע דערציילונג: „אַ מאַרש אויף וואָלאָטשייעווקע". אַ יידישער קאָלעקטיוו, פאַרוואָרפן אין דער טייגע, בלייבט אָן שפּייז. הונגערט מען. איז מען אומצופרידן. בפרט, ווען אין ישוב וואָלאָטשייעווקע, זיבן מייל פון דאַנען, ליגן פאַרן קאָלעקטיוו די געהעריקע שפּייז־פּראָדוקטן; און ווייל עס איז נאָך ניטאָ קיין צושטעל־באַזע, קען מען זיי ניט באַקומען. — איז דער עולם געוואַלדיק אויפגעבראַכט. לסוף אָבער, אַז דער הונגער ווערט שוין גאָר שאַרף, לאָזט זיך אַוועק דער גאַרער קאָלעקטיוו קיין וואָלאָטשייעווקע. מע לאָדעוועט זיך דאָ אָן מיט שווערע פּעק עסנוואַרג און מע שפּאַנט צופוס אַהיים — אין אַ מבולדיקן רעגן, דורך דער ניט־זיכערער טייגע.

אין אַן אַנדער דערציילונג — „ביראָבידזשאַנער אויפן אמור" — ווערן געשילדערט די איבערלעבונגען פון אַ קאָמפּאַניע קאָמונאַרן, וואָס פאַרקלייבט זיך אויף איינעם פון די אַמורישע אינזלען אָנצוקאָסיען היי פאַר קאָלווירטישע בהמות. זענען דאָ פאַראַן פאַרשיידענע מענטשן: איבערגעגעבענע באָלשעוויקעס, ווי אויך שטערער. און דעם עולם קומט דאָ אויס אַ סך אויסצושטיין. מע הונגערט. מע ווערט צעביסן פון קאָמאַרעס. מען איז אין סכנה פאַרפלייצט צו ווערן. נעמען זיך די נעגאַטיווע עלעמענטן בונטעווען. זיי פירן אָבער ניט אויס. דער היי־שניט ווערט פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג.

און אָט איז אַ דערציילונג „אַ מאַיאָנטעק". אַ געוועזענער יידישער בעל־עגלה ווערט אין ביראָבידזשאַן, ביי די דאָרטיקע גאָלד־גריבער, אַ גאָלדפירער. מיט גאָלד אָבער איז נאָך אָפּט — אין טייגע, צווישן ווילדע בערג, — אַ סכנה . . היט דער בעל־עגלה — מער פון זיין אייגן לעבן — דעם מלוכהשן מאַיאָנטעק.

און אָט איז אַ קורצע דערציילונג — „אַ שטורעם אין אַ זומערנאַכט". אַ יידיש מיידל, אַ טראַקטאָריסטקע אין איינעם אַ קאָלכאָז, ווערט דעלעגירט צו אַ צוזאַמענפאָר. רייט אַהין דאָס מיידל — עס איז היפּש ווייט — אויף אַ פערד. זי רייט אַליין, ביינאַכט, דורך דער טייגע, אין אַ שטורעם. און זי שרעקט זיך ניט. זי איז אַ נייער מענטש — אַ סאָוועטישער, וואָס האָט ניט קיין מורא, וואָס פירט אויס זיין פּליכט מוטיק, דרייסט, העלדיש.

אַ. אַבטשוקס „הערשל שאַמיי“

ערשטער טייל — „מלוכה־פֿאַרלאַג“, קיעוו, 1931.
צווייטער טייל — „מלוכה־פֿאַרלאַג“, קיעוו, 1934.

די מערסט העלדן אין די שאַפֿונגען פֿון די ייִדיש־סאָוועטישע פּראָזע־שרייבער זענען מענטשן פֿון ייִנגערן דור, דערצו — באַוווסטזיניקע, מיט אַ געהעריקער סאָוועטישער אָריענטאַציע. זיי ווייסן ניט פֿון קיין ספֿקות, פֿון קיין וואַקלענישן און זיי גייען צום ציל זייערן מיט פֿעסטע, זיכערע טריט. אַנדערש איז עס מיט דער צענטראַלער פֿיגור אין אַ. אַבטשוקס צוויי בענדיקן פּראָזע־ווערק „הערשל שאַמיי“. שאַמיי — דער הויפּט־העלד אין דאָזיקן ווערק — איז, ערשטנס, ניט קיין יונגער און, צווייטנס, אַ קנאַפּ באַוווסטזיניקער, הגם אַ האָרעפּאַשניק פֿון יונגווייז אָן. מאַכט ער טאַקע דורך, דער דאָזיקער שאַמיי, פֿאַרשיידענע „אָפּנויגן“, קומט אין אָפּטע קאָנפֿליקטן מיטן אַרומיקן סאָוועטישן לעבן. ביז ער ווערט, ענדלאַך, „מיט מענטשן גלייך“.

ווי אויבן געזאָגט, איז שאַמיי פֿון יונגווייז אָן אַ האָרעפּאַשניק. נאָך ייִנגלווייז, אין אַ קליין שטעטל אויף אוקראַינע, האָט אים דער טאַטע זיינער, אַ וואַסערפֿירער, אָפּגעגעבן אין אַ האַרבאַרניע. און פֿון דאַן אָן אַרבעט ער, שאַמיי, ווי אַ גאַרבער, אַרבעט שווער, ווערט עקספּלואַטירט, ווערט אָבער מיט דער צייט אַ „ספּעץ“ אין זיין פֿאַך.

און אָט קומט די רעוואָלוציע. שאַמיי איז שוין אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ לאַנגשוין חתונה געהאַטער, אַ טאַטע צו צוויי טעכטער. ווערט איין טאָכטער געטויט פֿון אַ פּעטליוראַוויעץ און ער, שאַמיי, — מיטן ווייב און מיט דער צווייטער טאָכטער, — פֿאָרט אַריבער קיין קיעוו, ווו ער נעמט אַרבעטן אין אַ סאָוועטיזירטער לעדער־פֿאַבריק. און דאָ־אָ הייבן זיך עס אָן זיינע „אָפּנויגערישע“ גילגולים.

שאַמיי איז נאָך אַ ווייניק באַוווסטזיניקער, אַן אַרבעטער מיט אַ „קוסטאַרישער“ פּסיכאָלאָגיע. ער פֿאַרמאָגט נאָך אַ היפּש ביסל „אינדיווידואַליסטישע ציעונגען“. סע שטעקט נאָך אין אים אַ היפּשער באַלעגוף. ער ווייס נאָך קנאַפּ־וואָס פֿון קאָלעקטיוויזים, פֿון סאָציאַליזם. איז ער ניט ווי געהעריק שווה־בשווה מיט דער פֿאַבריק־פֿאַרוואַלטונג, מיט די פֿאַבריקישע באַוווסטזיניקע אַרבעטער. דערצו איז ער נאָך, לויט דער טבֿע זיינער, אַן עקשן, אַ כּעסן, אַ סקאַנדאַליסט. ער האָט ליב „זאָגן דעם אמת“. און רירט מען אים אָן מיט עפּעס, איז — סכּנת נפֿשות. און גראָד — צוליב זיין „קוסטאַרישער“ עקשנות — טשעפּעט מען זיך צו אים.

די פֿאַבריק איז נאָך אַ פֿאַרעלטערטע. קיין מאַשינעס זענען נאָך דאָ ניטאָ.

אַרבעט מען האַנט־אַרבעט. און היות ער, שאַמיי, איז אַן אויסגעצייכנטער האַנט־אַרבעטער, — יאָגט ער. ווייל אים ווילט זיך וואָס מער אויסאַרבעטן און — וואָס מער פאַרדינען. ווילן עס אָבער ניט ליידן די אַנדערע אַרבעטער: שאַמיים יאָגעניש שטערט דעם גאַנג פון דער אַרבעט. דערצו איז זי אַ סתירה צו די צילן פון דער ראַטנמאַכט, וואָס שטרעבט צו געמיינזאַמקייט, צו קאָלעקטיוויזם. טוט מען שאַמיין אין דער גאַל אַריין. שרייבט מען וועגן אים אין דער פאַבריקישער וואַנט־צייטונג, אַז ער, שאַמיי, איז אַ „ניט־פּאַסיקער עלעמענט". קען עס שאַמיי, וועלכער איז שוין „קאַנדידאַט פּאַרטיע", ניט פאַרליידן.

אַזוי אָבער איז עס. שאַמיי איז טאַקע אַ ניט־פּאַסיקער עלעמענט. אַט האָט ער אַ ווייב און אַ טאָכטער. שלאָגט ער דאָס ווייב און לאָזט ניט די טאָכטער גיין אין קאָמסאָמאָל. קעמפט אָבער די דאָזיקע טאָכטער, גיטעלע, קעגן „קוסטאַרישן" טאַטן; פאַרמסרט אים פאַר דער פאַבריק־פאַרוואַלטונג, אַז ער שלאָגט דאָס ווייב — איר, גיטעלעס, מאַמע.

איז פרייליך אין פאַבריק. שמועסן זיך דורך די אַרבעטער וועגן שאַמיים שלום־בית:

— וואָס־זשע — פרעגט איינער — אים איז נמאס געוואָרן דאָס ווייב?

— איך ווייס ניט — זאָגט אַ צווייטער — ווי אַנדערע, נאָר איך לעב שוין מיט מיין ווייב פינף און צוואַנציק יאָר און האָב קיין חרטה ניט.

— אוי, טיפּש איינער — רופט זיך אָן אַ דריטער, — איך וואָלט שוין פאַר דער צייט געהאַט צוועלף ווייבער.

אַט אַזוי וויצלען זיך די פאַבריק־אַרבעטער אויף שאַמיים חשבון און — דער־גייען אים די יאָרן.

חוץ דעם, איז שאַמיי בכלל אַן אָפּגעשטאַנענער. אַט האָט ער, לחשל, פיינט „גויים". — אַ גוי — טענהט ער — איז אַן אַנטיסעמיט, ס'איז שוין ביי אים אַריין אין בלוט און פלייש".

— „ס'ט מיך ניט איינריידן — זאָגט ער צו איינעם אַ פאַבריק־אַרבעטער, — אַז דער פּויער איז אונזער סאָיוזניק. ער האָט ז י ך אין זינען, ניט אונז. ער דאַרף דעם סאָציאַליזם אויף סימסאָט כפרות. אַ מוזשיק איז אַ חזיר. מ'האָט אים אָנגעשטאָפּט מיט ערד, איז ער מיט אונז געגאַנגען. און איצט האָט ער אונז ווייטער פיינט. ער וואָלט ביי אונז נאָך איצטער אַלץ צוגענומען — לאָזט אים נאָר".

דערווייל ווערט די פאַבריק מאַשיניזירט. עס ווערט אויס מיט דער האַנט־אַרבעט. און שאַמיין שמעקט עס ניט: איצט, ביי דער מאַשין, וועט ער ניט קענען אַזוי יאָגן. איז ער ברוגז אויף די מאַשינעס. איז ער מלא שמחה, ווען עפּעס ווערט אין זיי קאַליע. און פון גרויס פרייד וועט ער זיך, שאַמיי, אַז, אַרבעטנדיק, ווי פריער, האַנט־אַרבעט, וועט ער אַריבעריאָגן די מאַשין. און שיין איז אין בוך די סצענע, וויאַזוי שאַמיי יאָגט זיך נאָך דער מאַשין און — קען זי ניט דעריאָגן.

צוליב דער קנאַפּער אָריענטירטקייט זיינער אין סאָוועטישן לעבן, ווערט שאַמיי אַריינגעצויגן אין די רייען פון דער אָפּאָזיציע. די דאָזיקע אָפּאָזיציע פאַר־מאָגט אירע מיטגלידער אויך אין דער פאַבריק, וווּ עס אַרבעט שאַמיי. פירן זיי דאָ דורך אַ שטרייק, אין וועלכן שאַמיי נעמט אַ וויכטיקן אָנטייל. דער שטרייק אָבער פאַלט דורך און ער, שאַמיי, כאַפּט דעם אמתן פּסק.

בינו לבינו, ניט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון איר טאַטן, ווערט גיטעלע, שאַמייס טאָכטער, אַ קאָמסאָמאָלקע. און זי אַרבעט שוין אין דער זעלבער פאַבריק, וווּ איר טאַטע. און זי האָט שוין דאָ אַ „חבר" — אַ וויכטיקן באָלשעוויק. און ערשט איצט נעמט זי, גיטעלע, קעמפן קעגן איר אָפּגעשטאַנענעם טאַטן. און אַ דאַנק איר טאַקע שליסט מען אים אויס פון דער פּאַרטיי, אין וועלכער ער איז שוין — מיט גרויסענע צרות — „אַריין". אָט אַזוי האָט ער עס, שאַמיי, צו זינגען און צו זאָגן — ביז ער ווערט אַ מענטש.

דאָס דאָזיקע געשעעט אין צווייטן באַנד „הערשל שאַמיי". דאָ זעען מיר שוין אַ נייעם שאַמיי. צוביסלאַך טרייסלט ער זיך אָפּ פון זיינע „באַלעבעסלדיקע אָפּ־נויגן". און אָט איז ער באַנייס „קאַנדידאַט פּאַרטיע". און ער פילט זיך זייער פאַר־פליכטעט. מיט ער זיך. איז ער פול מיט דראַנג, מיט אַקטיוויטעט. הגם ער איז שוין ניט קיין יינגעלע — אַ פיר און פופציקער.

ווי אין ערשטן באַנד, פירט דאָ שאַמיי אַ טאָגבוך. און פון דאָזיקן טאָגבוך דערוויסן מיר זיך פיל אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן סאָוועטישן לעבן. אָט דערוויסן מיר זיך, אַז די אָפּאָזיציאָנערן אָנערקענען צוביסלאַך זייער שולד און זיי זאָגן צו אויף ווייטער צו זיין גוט און פרום. אָט דערציילט אונז שאַמיי, אַז יעדע סאָוועטישע **פאַבריק פאַרמאָגט אַ מיליטערישן קרייזל**, וווּ מ'לערנט זיך, ווי צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון אַן אָנפאַל. יעדער סאָוועטישער אַרבעטער דאַרף וויסן, ווי צו האַלטן אין האַנט אַ ביקס, ווי זיך צו באַגיין מיט אַ גאַז־מאַסקע.

— „נאָך דער אַרבעט — פאַרשרייבט שאַמיי אין זיין טאָגבוך, — אַז איר ווילט ערגעץ געפינען וואַלקאָווען (דעם אָנפירער פונעם מיליטערישן קרייזל אויף דער פאַבריק, וווּ עס אַרבעט שאַמיי), ווייסט איר איין אָרט — דאָס איז דער אָפּרו־צימער. דער צימער איז אַ גאַנץ גרויסער. אויף אַלע ווענט זענען צעהאַנגען ביקסן, טיילן פון פּולעמיאָטן, קאַרטעס, וווּ מ'ווייזט פאַרשידענערליי געווער. אין דער מיט שטייען קאַזלעס, און אויף די קאַזלעס — ביקסן אָנגעצילעוועט צום שיסן. און נאָך אויף אַ וואַנט — גאַז־מאַסקעס, אמתע און אויפגעמאָלט — עס וואַרפט אָן אַ פּחד, אַז מ'טוט אַ קוק".

און שאַמיי — ער נעמט שוין איצט אַן אַקטיוון אָנטייל אין די דאָזיקע אַלע סאָוועטישע אויפטוען. ער לערנט זיך שיסן. ער באַזוכט אָוונט־קורסן. און ער גייט נאָך ווייטער: ער לאָזט נעבעך, זיין ווייב, וועמען ער האָט ניט געהאַלטן פאַר קיין מענטש, ויעמען ער פלעגט אָפּט שלאָגן, אַרבעטן אין דער זעלבער פאַבריק, וווּ ער, שאַמיי, אַרבעט.

און אַט איז ער שוין אַ פּאַרטייעץ און אַ „ווידוויזשענעץ״ (אַן אַרויסגערוק־טער). און פאַר דער גוטער אַרבעט זיינער שיקט מען אים אין דער קאָאָפּעראַציע. און מיט דער גאַרער ענערגיע זיינער וואַרפט ער זיך אַריין אין דער דאָזיקער פּאַראַנט־וואַרטלאַכער אַרבעט. און ער ווערט אַ „רויטער קאָאָפּעראַטאָר״, האָט צו טאָן מיט בוכהאַלטעריע, פירט אַ גאַנצענע ווירטשאַפט.

און אַט ווערט ער געשיקט אין פּראָווינץ — צו מאַכן באַשטעלונגען פאַר די שטאָטישע קאָאָפּעראַטיוון. און אין איינעם אַ דאָרף טרעפט ער זיך מיט דער טאָכ־טער זיינער, מיט גיטעלען, וועלכע פירט דאָ איין קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, און דערביי קעמפט זי קעגן קולאַקעס. שטייט דאָ שאַמיי צו צום דאָזיקן סכנהדיקן קאַמף. און אין איינער אַ נאַכט ווערט ער באַפאַלן. ער פּאַרטיידיקט זיך אָבער ווי געהעריק און — גייט אַרויס דער זיגער.

אַט אַזוי שטייגט שאַמיי העכער און העכער. און אויך די אמונה זיינע אין סאָציאַליזם שטייגט. ער זעט שוין איצט, שאַמיי, קלאָר, ווי דאָס לאַנד גייט צו דעם. מע האַלט אין איין בויען. טורקסיבן. דניעפּראָסטרויען. מאַגניטאָגאָרסקן. און וואָס אַ טאָג ווערט דעם אַרבעטער בעסער. עס פאַרשווינדן די ברויט־אָטשערעדן. עס ווערן ווייניקער די קולאַקעס, די אָפּאָזיציאָנערן. איז טאַקע שאַמיי ביז גאָר צו־פרידן, און ער נעמט אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער ליקווידאַציע פון אַלדאָס שלעכטס, נעגאַטיוועס. ער העלפט ליקווידירן די קאָנטררעוואָלוציאָנערן. ער פירט דורך רע־פאָרמען אין קאָמונאַלן הויז, וווּ ער וווינט. און דערביי פילט ער אויף זיך אַ נייע הויט און אין זיך — אַ נייע יוגנט. יע, ער, שאַמיי, איז באַניים יונג געוואָרן. אַט גייט ער איינמאָל אַרויס פון פאַבריק. עס איז אַ האַרבסטיקער טאָג, ערב דעם יום טוב פון דער אָקטיאָבער־רעוואָלוציע. און — וואָס זעט ער אַרום זיך? און וואָס פילט ער אין זיך?

— „איך גיי אַרויס אויף דער גאַס. ס׳איז אינמיטן העלן טאָג. ס׳איז ליכ־טיק און זוניק, ווי אין אַ שיינעם זומערדיקן טאָג. נו, יאָ, איך בין אַלט פיר און פופציק יאָר. איך וויל זיך ניט גלייכן צו אונזערע וואָזשדן, ווי קום איך צו זיי. זיי זענען דאָך אַלע ערשט ניט לאַנג אַלט געוואָרן צו פופציק יאָר — סטאַלין, וואָראָ־שילאָוו, בודיאָני און אונזער אַלטיטשקער קאַלינין. מיר האָבן ערשט ניט לאַנג גע־האַט זייערע יובילייען. אָבער צי זענען זיי דען אַלט? ניין, זיי זענען נאָך יונגע. און איך בין אויך ערשט אַלט פיר און פופציק יאָר, און איך פיל, אַז איך קען נאָך איבערקערן בערג. ווער זאָגט עס, אַז איך בין אַלט? איך הייב דאָך ערשט אַן פונעם אָנהייב!״

1935

פאַלעסיער בלאָטעס

וועגן בוך „הרעבליעס" פון ה. אָרלאַנד, „קולטור־ליגע", קיעוו, 1929.

דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט זיך קנאַפּ־וואָס געזאָרגט וועגן מיליאָנען מענטשן זיינע. אינעם צאַרישן רוסלאַנד זענען מיליאָנען מענטשן געווען פאַרוואָרלאָזט, פאַר'הפקר'ט און — אין „בעסטן" פאַל — פאַרשקלאַפט צום פריץ, צום גביר. מענטשן אינעם אַמאָליקן רוסלאַנד האָבן געהאַט אַ גאָר קליינעם ווערט, און אָפט זענען זיי אינגאַנצן געווען איבעריק.

דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן וועגן די קאָלאָסאַלע נאַטור־אוצרות פון רוסלאַנד. ריזיקע ערד־שטחים, געבענטשטע מיט פאַרשיידענער נאַטירלאַכער עשירות, זענען אַמאָל געלעגן פאַרווילדערוועט, אין אַ בראַשיתדיקן צושטאַנד. און דער מלוכה האָט עס ניט געאַרט. אדרבא: די מלוכה איז גאָר געווען צופרידן. עס איז גאָר געלעגן אין אירע אינטערעסן ניט צו ציוויליזירן, ניט צו קולטיווירן פאַרשיידענע, געוואַלדיק אָפּגעשטאַנענע געגנטן אירע. עס איז געלעגן אין אירע אינטערעסן צו לאָזן די־אָ מקומות, ווי אַגיד די מענטשן אין די־אָ ערטער, אין אַ פּרימיטיוון מצב. אַזוי איז עס געווען אַמאָל — אינעם „אַזיאַטישן" רוסלאַנד.

די ראַטנמאַכט אָבער, נאָכדעם ווי זי איז פּטור געוואָרן פון אַלע אירע שונאים, האָט גענומען איבעראַנדערשן דאָס פּנים פון דער רוסישער ערד, ווי אויך די פּנימער (און די נשמות) פון מיליאָנען מענטשן אירע. אין סאָוועטנלאַנד איז דער מענטש חשוב, אַנגעלייגט, נויטיק. און אַזוי — יעדער שפּאַן ערד, וואָס ווערט דאָרט פון מענטש באַטראַכט. מיט שכלדיקער, אָרגאַניזירטער מי קען מען די דאָזיקע ערד, אפילו די סאַמע פאַרוואָרלאָזטע, פאַרוואַנדלען אין אַ גן־עדן. — טוט עס די ראַטנמאַכט. פאַרוואַנדלט זי ווילדע, פאַרוואָרפענע מקומות אין ציוויליזירט־קולטיווירטע ישובים. זי קען שוין אויף דעם־אָ געביט פאַרצייכענען גרויסע אויפטוען.

— — — געפינט זיך צווישן די סאָוועטישע איבערגעאַנדערשטע ערד־ווינקלען יענער טייל פאַלעסיע, וואָס געהערט צום ראַטנפאַרבאַנד. הונדערטער יאָרן איז דער־אָ קאַנט געווען אַ ביז גאָר פּרימיטיווער. פאַלעסיע איז געווען באַרימט מיט אירע בלאָטעס. דאָס לעבן דאָ איז געווען שרעקלאַך אָרעם. די איינוווינער דאָ, פּאָלישוקעס, האָבן געשקלאַפט פאַרן פּריץ, פאַרן גביר. און פאַרשיידענע קרענק — קדחת, רעוומאַטיזם, קאָלטון א. א., — האָבן זיך אין די היגע בלאָטעס געפּלאָדיעט. און כל המיני אָבערגלויבנס האָבן דאָ געהערשט. האָט זיך די ראַטנמאַכט אַ נעמ־געטאָן צו דעם־אָ פאַרשאָלטענעם מקום — אים גענומען פאַרוואַנדלען אין פּרוכטבאַרע, שפּעדיקע ישובים. און, ווייל מען זיך באַקענען מיט דעם־אָ סאָוועטישן אויפטו, איז גוט צו לייענען דאָס בוך „הרעבליעס" פונעם יונגן טאַלאַנטפולן, יידיש־

סאָוועטישן פּראָזע־שרייבער ה. אָרלאַנד.

פּאַמעלאַד, שפּאַרעוודיק, אויף א בערגלסאַנישן אופן, פירט אונז אריין דער מחבר אין דאַזיקן פּרימיטיוון קאַנט: א קאַנט, פול מיט ווילדער, אייגנאַרטיקער שיינ־קייט. ער ברענגט אונז אהער צוזאמען מיטן הויפּט־העלד זיינעם — דעם יונגן יידישן אינזשענער גאָרן. דער דאַזיקער אינזשענער קומט אהער אויסטריקענען די בלאָטעס, פאַרוואַנדלען דעם באָדן אונטער די בלאָטעס אין פּרוכטבאַרע ערדן און באַזעצן אויף אים אָרעמע פּאַלישוקעס, ווי אויך דעקלאַסירטע יידן.

גאָרן איז א יונגער מענטש. ער האָט שוין אָבער פיל דורכגעמאַכט. בעתן בירגערקריג לעבט ער איבער א פּאָגראָם, אין וועלכן עס ווערט געטויט זיין מאַמע. נאָכדעם דינט ער אין דער רויטער אַרמיי. נאָכדעם לערנט ער זיך. און איצט איז ער א סאָוועטישער אינזשענער, א נייער מענטש, א נייער ייד . . . און אָט קומט ער אהער — צו די מעליאָראַטיווע קאַנאַלן, וואָס מע גראָבט דאָ (כדי אָפּצוציען די אָרו־מיקע זומפּיקע וואַסערן און, אזוי־ארום, אויסטריקענען גרויסע ערד־שטחים). — און ער נעמט זיך צו דער אַרבעט.

חוץ אים געפינען זיך דאָ פאַרשיידענע פּראָסטע אַרבעטער — ניט־יידן און יידן. די יידן זענען פון די אַרומיקע שטעטלאַך: סלאָוועשנע, קאַראָסטען, אָליעווסק, אוורוטש א. א. אָט די־אָ יידישע ישובים האָבן די לעצטע יאָרן איבערגעלעבט קאַלטע און וואַרעמע. זיי האָבן געליטן פון בירגערקריג, פון באַנדעס. נאָכדעם ווערן דאָ די מערסטע יידן — קליינע קרעמער, קאַראַבעלניקעס, סוחרים, כלי קודש, — דעק־לאַסירט; און זיי נעמען אַלץ טיפער פאַרזינקען אין נויט, אין הונגער. די ראַטנמאַכט אָבער לאָזט זיי ניט אונטערגיין. צו די אַלטע לופטיקע פּרנסות איז טאַקע געקומען א סוף. מע קען זיך אָבער פּראָדוקטיוויזירן. אָט גיט די מאַכט א מעגלאַכקייט צו אַרבעטן ביים אויסטריקענען די פּאַלעסיער בלאָטעס. נאָכדעם, ווען די־אָ בלאָטעס וועלן שוין זיין אויסגעטריקנט, וועט מען דאָ באַזעצן אויף ערד. נעמען זיך א סך דעקלאַסירטע יידן צום רידל.

ניט גרינג אָבער קומט אָן די געוועזענע מנחם מענדלס די נייע, קאַטאָרזשנע אַרבעט. מוראַדיק שווער איז דער פּראָצעס פון איבערבויען זיך. דער דאַזיקער פּראָצעס קאָסט א סך קרבנות. מאָלט דער מחבר — גנעניט, דרייסט, פאַרביק, שטימונגספול, הומאָרפול, — דעם דאַזיקן איבערשאַפונגס־פּראָצעס. ער פירט אריין אין בוד זיינעם א היפּשע צאָל אַנטיילנעמער, און יעדערער פון זיי ווערט ביז גאָר לעבעדיק געשילדערט.

אָט איז יאָסי הויקער. א געוועזענער מלמד, א הונדערט פּראָצענט גלות־טיפּ, א דעקלאַסירטער . . . איצט איז ער א פּורמאַן ביי די מעליאָראַטיווע קאַנאַלן. אָט איז לוי שלימעס. א בערדיקער, פרומער זקן, — איז ער דאָ געוואָרן א שוואַרצ־אַרבעטער, און די שווייסיקע פּראָצע זיינע „באַגלייט" ער מיט תהילים־זאָגן . . . און אָט איז מאַריינע — א געוועזענער קצב, — לייגט אריין דער מחבר אין זיין מויל אַזעלכע מיני שורות:

— „איך האָב שוין קיין כוח ניט — זאָגט מאַריינע — צו טון האָבן מיטן

„פין״ (סאָוועטישע שטייערן־אינספּעקציע). און ווידער — זאָגט ער — לאָזן די קינדער ניט לעבן: ביזקל וואַנען, טאַטע, וועסטו אונז שווארצן דאָס פּנים? — פאַר־שרייבן זיך אויף דער בירזשע און אויס יאַטקע . . . און אז מע וויל צוריק — זאָגט מאַריינע און פאַרגלאָצט די אויגן צו גאָט — גענוג געשווינדלט א וועלט, און דער גוי איז שוין ניט אמאָליקער גוי״ . . .

חוץ די־אָ שטעטלדיקע דעקלאַסירטע יידן (פון אַלטן דור), געפינען זיך דאָ, ביי די בלאָטעס, יונגנט־פאַרשטייער; און אויך צווישן זיי זענען פאַראַן אינטערעסאַנטע פּנימער. א שטייגער: קרים, א קאָמסאָמאָליעץ, וועלכער איז אהער געשיקט געוואָרן ווי א קולטורניק. ארבעט ער אָבער אויך פיזיש — באַגלייך מיט אלעמען. און איזן איז ער א גאָר גוטער חבר, אַן אויפמערקזאַמער, אַן איבערגעבענער, מיט אַן ערנסטער באַציונג צו יעדער היי־געשאַפענער לעבנס־פּראָבלעם.

און די ארבעט קאָכט. און די יוגנט געוויינט זיך שנעל צו. דערפאַר אָבער די עלטערע — זיי קומט דאָ אלץ אַן „מיט גרינע ווערעם״. צו דער „קאַטאָרגע״ איז מען לחלוטין ניט צוגעוויינט. הענט, וואָס האָבן יאָרנלאַנג זיך געעסקט מיט וואָג און מאָס, קענען ניט אזוי לייכט, ווי פויערשע הענט, זיך באַגיין מיט א לאָפּעטע, מיט א האַק . . . „ס׳איז ניט גרינג יידן צו ווערן גויים״ — זאָגט איינער פון די העלדן אין בוד. דערצו ברעכט דאָ אויס א מגפה. צענדליקער ארבעטער, דער עיקר, פון די אלטע, פון די דעקלאַסירטע, פאַלן אוועק אויף קדחת. ווערט א צעטומלעניש. אנטלויפן פיל. און צו די געבליבענע קומען צולויפן די ווייבער זייערע — ראַטעווען די „פאַרבייייקע״ מאַנען, וועמען מען האָט „פאַרפירט״, וועמען „מע ברענגט דאָ אום״:

— איך זע ניט מיין מאַן!

— מע האָט זיי נישקשה פאַרפירט.

— מיין פיניע, ווײַ איז מיר . . .

— נחום־בערעניו, טאַטע!

— שוין, פּטור, אלע אויסגעשטאָרבן — — — דאָ שטייען גויים . . .

דער וועג אָבער אויף צוריק — אין שטעטל, צו די וויסטע פּרנסות, איז פאַר־שפּאַרט. — „אַז עק און א סוף צו דער שפּעקולאַציע! מיר זענען ארבעטס־מענטשן. די ראַטנמאַכט גיט אונז א מעגלאַכקייט צו ארבעטן״. — אזוי זאָגט איינער פון די העלדן אין בוד. און א צווייטער, דער אויבן דערמאַנטער יאָסי הויקער, וויים, אז — „היינטיקע צייטן זענען טרערן אָפּגעפּרעגט״ — — — עס וועט ניט העלפן דאָס וויינען. מע מוז ליידן און — אויסהאַלטן דעם „עקזאַמען אויף ארבעט״.

און דער „עקזאַמען״ איז טאַקע א ביז גאָר ביטערער. ניט בלויז פאַר די על־טערע שוואַרצאַרבעטער, ניט בלויז פאַר די יונגע, נאָר אויך פאַר גאַרנען, דעם אינ־זשענער. אויך פאַר אים איז עס א האַרבער „עקזאַמען״. ראשית, האָט ער דאָ אויס־צושטיין פון די פאַרשיידענע דעקלאַסירטע. שנית, שטערט אים דאָ איינער א רב ניאָכע — א רייך יידל, א תושב פון די בלאָטעס. שרעקט זיך דער דאָזיקער רב ניאָכע פאַר די היגע סאָוועטישע נייסן. ער איז א מילנער, און צוליב דער מעליאָ־ראַציע־ארבעט, מוז מען דאָ אראָפּנעמען זיין מיל. טויג עס ניט פאַר אים. און

בכלל שרעקט ער זיך פאר די נייע „פאראנדקעס", וואס מע גייט דא איינפירן. פרווט ער, דורך פארשיידענע מיאוסע מיטלען, שטערן. רייצט ער אפילו אן אויף גארנען שיכורע באן־ארבעטער — כוליגאנעס.

חוץ דעם, האט דא גארן אויסצושטיין פון א „דעליקאטער" ליבע. ער האט זיך דא „פארדרייט" מיט איינס א ניט־יידיש מיידל — מארקא. זי איז „א מיידל פון פאלעסיער כישוף". שיין, רייצנדיק און ביז גאר פרימיטיוו, ממש ווילד. צוערשט איז זי מיטן אינזשענער „אויף מעסערס" און זי שיסט אפילו אין אים. נאכדעם ווערט זי צו אים צוגעזאטן. פירט זיך ארום מיט אים. פארשלעפט אים אין פאר־ווארפענע ווינקלאך, באווייזט אים „איר" פאלעסיע; דערציילט אים דערביי פאר־שיידענע פאלעסישע מעשיות, לעגענדעס. און דער מחבר נוצט אויס די דאזיקע שפאצירן מארקאס און גארנס אויף צו מאלן — ביז גאר טאלאנטפול — דעם אייגנ־ארטיק שיינעם, אומעטיק פארחלומטן פאלעסיע־פייזאזש.

שפאצירן אפט גארן מיט מארקאן, לעבן זיי צוזאמען איבער וואנדערלאכע ליבע־שעהן. האט אבער גארן א כלה — בוזי, א יידיש מיידל. און אט קומט זי צופארן. און צווישן איר און מארקאן צעשפילן זיך אייפערזוכט־סצענעס. און גארן געפינט זיך „צווישן צוויי פייערן". און דאס־א שטערט אים היפש אין דער ארבעט זיינער.

אלץ אבער ענדיקט זיך ב„כי טוב". די מעליאראטיווע קאנאלן ווערן דער־פאלגרייך פארענדיקט. די שטעטלשע דעקלאסירטע יידן ווערן עכטע הארעפאש־ניקעס. און אט שאפט זיך דא א יידישער לאנדווירטשאפטלעכער קאלעקטיוו („כלו כטוב" רופן אים די אלטע . . .) און אויך דער פרומער לוי שלימעס ווערט א קאל־כאזניק. און יונגווארג, נאכן פארענדיקן די ארבעט ביי די קאנאלן, גייט ארבעטן אין א פארצעליי־פאבריק. און גארן — אויך ער איז צופרידן. זיין היגע שליחות איז גלענצנד אויסגעפירט. און אינפארוים שפרייט זיך א לאנגער, ברייטער, זוניקער לעבנס־וועג . . .

1934

אין יידישן סטעפּ

וועגן נאָטע לוריעס „דער סטעפּ רופט", מאָסקווע, „אמת", 1932.

יידן אין אמאָליקן רוסלאַנד האָבן זיך מיט ערד קנאַפּ־וואָס אָנגעקערט. מען האָט געלעבט אינעם תחום המושב, אין ענגע שטעט און שטעטלאַך, און פּאַרנומען האָט מען זיך, די מערסט, מיט מסחר, מיט קרעמעריי, מיט אַנדערע מנחם מענדלשע פּרנסות. און ערד, מיט קליינע אויסנאַמען, איז געווען אַ פרעמדער ענין — אַ „גוישער". און מען האָט זיך גאָר געשראָקן פאַר ערד. מען האָט מורא געהאַט פאַר די הינטערשטעטלשע רחבותן, ווו סע שמעקט מיט „עשו", מיט יידן־שנאה . . . אזוי איז עס געווען ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציע האָט דעם יידישן תחום המושב אָפּגעשאַפט. זי האָט אָבער אויך ליקווידירט אַלע יידישע לופט־פּרנסות. און הונדערטער טויזנטער רוסישע יידן ווערן „דעקלאַסירט". און זיי מוזן זיך בעל כרחם א ווענד־טאָן „מיטן פּנים צום דאָרף". און אזויאַרום קומען אויף — אין ווייסרוסלאַנד, אין פּאָלעסיע, אויף אוק־ראַינע, אין קרים, — צענדליקער יידישע פּויערים־ישובים. און באַזונדערס נעמען זיך די דעקלאַסירטע יידן קאָלאָניזירן אין יענע ערטער, ווו עס האָבן שוין פונלאַנג געהאַט געוואָרצלט א צאָל יידישע פּויערים־קאָלאָניעס.

דאָס זענען די כערסאָנער סטעפּעס. אהין האָט ניקאָלאַי דער ערשטער, וועלנ־דיק „אויסבעסערן" די יידישע לאַגע, געלאָזט אריבערוואַנדערן א גרעסערע צאָל תחום המושב־יידן. און די דאָזיקע יידן — קרעמער, בעלי מלאכות, כלי קודש, — ווערן דאָ ערדאַרבעטער, קאָלאָניסטן, און איצט, מיט דורות שפּעטער נאָך יענער יידישער איבערוואַנדערונג, ווערן די כערסאָנער סטעפּעס — דער הויפּט־צענטער פון דער נייער — דער יידיש־סאָוועטישער — ערד־איינאָרדענונג.

די נייע יידישע פּויערים אָבער אָרדענען זיך דאָ איין אויף א נייעם שטייגער: אין קאָלעקטיוון. וואָרעם ניט סתם יידן־פּויערים וויל דאָ די ראַטנמאַכט שאַפן. זי שאַפט דאָ קאָלכאָזן — סאָציאַליסטישע קעמערלאַך. און זי גייט נאָך ווייטער: זי וויל אויך די אַלטע יידישע קאָלאָניעס, מיט די יחידישע ווירטשאַפטן, פאַרוואַנדלען אין קאָלכאָזן. און ביי דער־א אַרבעט שטויסט זי זיך אָן, די ראַטנמאַכט, אויף די זעלביקע שטערונגען, וואָס אינעם ניט־יידישן דאָרף.

דאָס רוסישע דאָרף האָט ביז דער רעוואָלוציע געלעבט אין ווילדקייט, אין פינצטערניש. די מערסט פּויערים האָבן געשקלאַפט פאַרן פּריץ, און צווישן זיך האָט מען געלעבט, ווי וועלף. יעדערער האָט געשלעפּט צו זיך. דער שטאַרקערער האָט געהערשט איבערן שוואַכערן. דער כיטרערער האָט גענאַרט דעם טעמפּערן. און איצט, אז די ראַטן־מלוכה האָט זיך גענומען איבערשאַפן דאָס דאָזיקע ווילדע דאָרף־לעבן, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף געוואַלדיקע שוועריקייטן. פיל פּויערים זענען

נאך היפש פארבאלעגופט. סע שטעקט נאך טיף אין זיי דער געפיל פון פריוואט־אייגנטום. יעדעס ברעקל ווירטשאפט איז ארומגעצאמט מיט פלויטן, מיט מעזשעס. און פאר יעדן שפאן ערד איז דער פויער גרייט ז״ד צו שלאגן, צו קוילענען דעם אייגענעם טאטן . . . און — ווי עס קריסטלט זיך, אזוי יידלט זיך". זעען מיר אין יידישן דארף דאס זעלביקע. זענען דא פאראן אלטע, איינגעפונדעוועטע באלעגופים, וועלכע ציטערן פאר די כל המיני נייסן, וואס די ראטנמאכט גייט דא איינפירן און — קעמפן קעגן זיי. איז דער יידישער סטעפ אויפגעברויזט. און ווּ ל ווער זען דאס פנים פון דאזיקן יידישן סטעפ, טא זאל ער לייענען נאטע לוריעס ראמאן „דער סטעפ רופט". אין דאזיקן ראמאן ווערן אפגעשפיגלט די פארשיידענע גילגולים פון די ערשטע יידישע קאלכאזן אויף די כערסאנער סטעפעס; ווי אויך דער פארביסענער קאמף קעגן דער קאלעקטיוויזאציע וואס עס פירן דא אן די יידישע באלעגופים.

„בוריאנאווקע" רופט זיך דער יידישער פויערים־ישוב, וועלכער ווערט געשילדערט אין לוריעס „דער סטעפ רופט", עס איז אן אלטער יידישער דארף. ער פארמאגט א גרויסע צאל ארעמפויערים און א הייפל באלעגופים. דערגייט די קאלעקטיוויזאציע אויך אהער. ווערט אהער אראפגעשיקט איינע א יונגע יידישע מיידל — עלקע רודנער. זי שטאמט פון ארעמע עלטערן. איר טאטע, א באנדער, איז געהארגעט געווארן פון די מאכנאווצעס. און זי, עלקע, ווערט גאר יונג א קעמפעריז, א פארטיזאנערין . . . און אט איז שוין די ראטנמאכט פארפעסטיקט. עלקע העלפט בויען דאס חרובע לאנד. נאכדעם, מיטן אויפקום פון דער קאלעקטיוויזאציע, העלפט זי ארגאניזירן קאלכאזן. און איצט שיקט זי די פארטיי אהער — קיין בוריאנאווקע: ליקווידירן דא די באלעגופים, שאפן קאלכאזן א. א. וו.

שטויסט זיך אבער עלקע אן, באלד ווי זי קומט אהער, אויף א הארטער וואנט. ערשטנס, די היגע באלעגופים, וועלכע דערשפירן, מיט עלקעס אנקום, א סכנה פאר זייער ווייטערדיקן קיום, און זיי נעמען קעמפן קעגן איר. צווייטנס, די היגע באלשעוויקעס, וועלכע זענען נאך קנאפ באוווסטזיניק און פויל, און אפגעלאזן, און געוואלדיק הינטערשטעליק לגבי די טוער אין אנדערע יידישע פויערים־ישובים. ווערט דא עלקע אפהענטיק. זי רעזיגנירט אבער ניט. מען האט זי אהער געשיקט „אויפרייסן די דאזיקע ווילדקייט, די פארוואקסענע מעזשעס". דארף מען ארבעטן. „מע דארף איבערמאכן, זאל אפילו קאסטן בלוט".

— — — און היפש קינסטלעריש שילדערט דער יונגער מחבר דעם היגן איבערשאפונגס־פראצעס. באלד, אויף די ערשטע בוד־זייטלאך, ווערן מיר אריינגעפירט אין דער בוריאנאווקער פויערים־סביבה. אין א פרישן, קערנדיקן יידיש און אויף א נאטוראליסטישן אופן מאלט דער מחבר די ארומיקע נאטור. ער גיט די סטעפישע פעטע שווארצערד, דעם ריח פון דארף, און די מענטשן דא, די יידישע פויערים, די ארעמע און די רייכע, די סאוועטיש געניגטע און די שונאים . . .

פון די שונאים, לאנגיאריקע באלעגופן, האבן מיר דא דריי: יאנקעוו אקסמאן, שמחה בערעזין און יודל פיסקון. אין די אלטע צייטן האבן זיי זיך — דורך עקספלואטאציע, דורך גנבה, דורך ירושה, — אנגעלעבט גרויסע ווירטשאפטן. צו אקס־

מאַנען, למשל, געהערן גרויסע ערד־שטחים, א מיל, א פּרוכט־גאָרטן. אַמאָל איז ער געווען דער שולץ (עלטסטער) פון דאָרף. און איצט קומט זיין סוף. די ראַטנמאַכט ליקווידירט אים, און אַזעלכע, ווי ער, ווי א קלאַס . . . און ווער פירט דורך די דאָזיקע ליקווידאַציע? יידן! „יידן זאָלן קוילענען יידן, ס'איז גאָר קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן" . . . אַט פון דעם טראַכט איצט אַקסמאַן, און ער קריגט אויף זיך גרויס רחמנות: „אַ לעבן האָט ער אָפּגעלעבט רויק און שיין, ווי אַ לייטישער באַלעבאָס, און איצט ווילן זיי צעראַיען זיין אייגענעם הויף, זיין נעסט" . . . דאַרף מען זיך ניט לאָזן. דאַרף מען קעמפן. נעמט ער זיך, אַקסמאַן, צוזאַמען מיט די אַנדערע צוויי באַלעגופים, צו דער שעדיקערישער אַרבעט.

און אַט איז איינער פון די־אַ אַנדערע צוויי באַלעגופים — יודל פּיסקון. ער איז דער מיאוסטער און געפערלאַכסטער פון דער „טראַיקע", און דער מחבר שילדערט אים באַזונדערס טרעפלאַך. יודל פּיסקון איז פּייק אויף אַלץ, אפילו אויף באַגיין א מאָרד (און ער פּרווּוט טאַקע שפּעטער־צו דערשיסן עלקען). ער איז אַן עקלהאַפטע בריה. אַט קויפט ער זיך אַפּט פערד, פאַרסטראַכירט זיי און — הונגערט זיי אויס, אָדער האַרגעט זיי אַוועק, כדי אָפּנעמען „סטראַכאַוקע" . . . און איצט, אַז זיין באַ־לעגופישע ווירטשאַפט איז אין געפאַר, איז ער גרייט אויף אַלץ — אויף אונטערצינדן (א „האָן"), אויף מאָרד. אַבי זיך ראַטעווען . . . נעמען דאַ לויערן אויף עלקען גרויסע סכנות.

דערצו האָט זי אויסצושטיין פון די אייגענע. די דאָזיקע באַלשעוויקעס זענען נאָך קנאַפּ באַוווּסטזיניקע. און אייניקע צווישן זיי, מאַטוס, למשל, זענען אפילו באַלעגופישע אונטערלעקער. און די בעסערע אפילו, כאַנצע, למשל, — אויך זיי זענען ניט ווי געהעריק. כאַנצע איז אַז אָרעמפּויער. יאָרנלאַנג האָט ער אָפּגע־שקלאַפּט ביי יענעם. נאָכדעם, בעתן בירגערקריג, האָט ער געפּאַרטיזאַנעוועט, אָנ־געוואָרן אַן אויג . . . איצט איז ער דער פאָרזיצער פונעם בוריאַנאַווקער אָרעמפּויערים־קאָמיטעט. ער טוט אָבער קנאַפּ אויף, און אַלץ בלייבט ביים אַלטן . . . איז עלקען ניט וואַזשנע פון ביידע זייטן. זי איז אָבער איינגעשפּאַרט, און פול מיט אמונה אין דער גרויסער סאָוועטישער אַרבעט. לאָזט זי ניט אָפּ. ביז איר געלינגט דאָ צו שאַפן א קאָלכאָז, ווי אויך צו „אַנטבאַלעגופן" די היגע קולאַקעס, די ראַטן־שונאים. און שטאַרק זענען אין בוד די סצענעס, וו עלקע אָרגאַניזירט די אָרעמקייט און ליק־ווידירט די קולאַקישע ווירטשאַפטן. זי פילט דערביי, עלקע, א צווייענדיקע פרייד: „סיי פון צעשטערן דאָס אַלטע, סיי פון בויען דאָס נייע".

חוץ אָבער מיט דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, מיט וועלכער עלקע איז דאָ פאַרנומען, איז זי פאַרכאַפּט פון נאָך „עפּעס". זי האָט זיך דאָ באַקענט מיט איינעם א שעפּטל קאָבילעץ. א יונגער מיטלפּויער. א גראָבלאַכער נפש. א שיינער יונג, מיט היים בלוט אין זיך. ציט איר צו אים. טראַכט זי אָפּט פון אים — אפילו ווען זי איז שטאַרק פאַרנומען. און אים ציט צו איר. און לסוף „נעמט" ער זי. און איצט — מיינט ער — וועט זי ווערן זיין ווייב. ווייל ער וויל זי טאַקע פאַר אַ ווייב, פאַר א העלפערין אין זיין מיטלפּויערישער ווירטשאַפט. וויל עס אָבער ניט עלקע.

זי וויל, שעפטל, דער דאָזיקער „פּידקולאַק”, זאָל גיין אין קאָלעקטיוו. זי וויל אים איבערמאַכן. ער איז א „טוּכלע קלאָדאָווע”. טראַכט בלויז וועגן דער אייגענער קישקע . . . ער איז א פויער מיט א חיהשן געפיל פאר פּריוואַט־אייגנטום . . . פּרווט אים עלקע איבערמאַכן. לאָזט ער זיך אָבער ניט. ער האָט פיינט קאָלעקטיוון. „וואָס טויג מיר די קאָלעקטיוון, אז מיר איז גוט אליין, איך בין באַלעבאָס און האָדיע!” . . .

אָט די־אָ צווישנבאַציונגען — צווישן עלקען און שעפּטל קאָבילעץ — ווערן דורכן מחבר זעלטן גוט געשילדערט. דער מחבר מאָלט דאָ עכט קינסטלערישע סצענעס. און באַזונדערס איינגעגעבן איז שעפּטל — דער איינגעגעבנסטער, דאַכט מיר (הגם ווייט ניט דער סימפּאַטישסטער), צווישן אלע אנדערע העלדן אין נאָטע לוריעס אינטערעסאַנטן ראָמאַן.

1934

„אַנדערע מענטשן“

א בוך דערציילונגען פון ש. גאָדינער, „אמת“, מאָסקווע, 1940

ש. גאָדינער איז איינער פון די בעסטע יידיש־סאָוועטישע נאָוועליסטן. ער פאַרמאָגט אַן אייגענעם, אייגנאַרטיקן שרייב־אופן, א רייכע, זאַפטיקע, קלאָר־געשליפענע שפּראַך, און די טעמעס זיינע זענען פריש־צאַפּלדיקע און ביז גאָר אינטערעסאַנטע.

אָנגעהייבן האָט גאָדינער מיט א צאָל פיינע דערציילונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין וועלכער ער האָט, ווי א שלאַכטמאַן, אנטיילגענומען. איצטיקן אָבער גייט ער אריבער צו טעמעס פון סאָוועטישן לעבן. ער נעמט אָפּשפּיגלען דאָס דאָזיקע לעבן אין א ריי קירצערע און לענגערע ווערק. און צווישן די־אָ שאַפונגען זיינע פאַרנעמט דאָס בוך „אנדערע מענטשן“ א גאָר וויכטיקן אָרט.

צען גרויסע דערציילונגען פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע בוך און אין יעדערער פון זיי ברענגט ארויס דער מחבר נייע מענטשן־טיפּן — ניט־געוויינלאַכע, „אנדערע“. די מערסט זענען עס מענטשן סאָוועטישע, געזעלשאַפטלאַכע, אַקטיווע, אויפטועריש: מענטשן, פאַר וועמען דער לעבנס־וועג ליגט אָפן, ברייט, ליכטיק; מענטשן, וואָס פרייען זיך מיט אַלדאָס געזונטע, שעפערישע, בויערישע.

און אָט איז, אינקורצן, דער אינהאַלט פון די מערסט דערציילונגען אין בוך. אָט איז די ערשטע דערציילונג — „די זון גייט אויף אין מזרח“. דערציילט זיך דאָ פון איינעם א ישראל יהודין, אַ טעסלער, וועלכער באַשליסט צו פאָרן קיין בירא־ביד־זשאַן — אָנהייבן א ניי לעבן. און הגם ער איז שוין ניט קיין יונגער, דער דאָזיקער יהודין, און א בעל משפחה דערצו, און אים איז זייער טייער זיין קליינשטעטלשע היים, ווו עס האָבן געלעבט זיינע עלטערן, זיידעס, אורזיידעס: דערצו איז בירא־בידזשאַן — אַזוי שמועסט מען — אַ ווילד מקום, פול מיט געוואַלדיקע סכנות: — דאָך שטעלט ער זיך ניט אָפּ. ווייל ער, דער מיטליאָריקער יהודין, איז א מענטש אַ נייער, אַן „אַנדערער“. אין זיין ביז איצטיק לעבן האָט ער פיל דורכגעמאַכט. איבערגעלעבט פּאָגראָמען. פיל ארומגעוואַנדערט. אפילו אין אמעריקע געווען. און איצט איז ער א מענטש א סאָוועטישער. און ער קומט צום באַשלוס, אז „די זון גייט אויף אין מזרח“. דאָרט, אין בירא־בידזשאַן, וואַרט אויף אים (און אויף אנדערע יידן) א גרויסע צוקונפט. דאַרף מען פאָרן. אָנהייבן אַלץ פונדאָסניי.

און אָט איז אַן אנדער דערציילונג — „ליניטשער יאַטן“. בעתן בירגערקריג פאַרנעמען די פּאָליאַקן איינעם א קליין פּאָלעסיש שטעטל, און זיי צעשיסן דאָ אַכט און צוואַנציק אָרעמע יידישע באַלעגאָלעס. לאָזן איבער די־אָ צעשאָסענע באַלעגאָלעס

אַ היפּש ביסל יתומים: משהל פּערטשיק, שלמהקע קעצל, זאַוועלע בושל, אברהמע־לע קירבעס, אייזיק דער שטאַרקער — — — אַ גאַנצע „באַסע קאַמאַנדע". זענען די־אַ יתומים — קליינע ייִנגלאַך נאָך — פֿול מיט צאָרן אויף די פּוילישע רוצחים. און זיי ווילן פֿון זיי נקמה נעמען. און זיי שליסן זיך אָן — גנבענענדיק דעם פּויליש־סאָוועטישן גרענעץ — אָן דער רויטער אַרמיי. און מיט יאָרן שפּעטער טרעפֿט זיי דער מחבר אויף איינעם אַ מיליטערישן צוזאַמענפֿאָר אין מאָסקווע. איז איינער פֿון זיי אַ פּאָלקאָווניק, דער צווייטער — אַ קאַפּיטאַן פֿון לופֿטפֿלאָט, דער דריטער — אַ כימיקער — — —

און אָט איז אַ דערציילונג „יודקע קאָמונאַרייטשיקל". וועגן אַ פּאַרוואָר־לאָזט ייִנגל, אַ קרעציקער, אַ שמוציקער, אַ גנבֿל, אַ דעגענערירטער. — ווערט ער לסוף אַ מענטש, אַ פּאַרטייער, אַ בויער פֿון נייעם, סאָוועטישן לעבן.

און אָט איז אַ דערציילונג „די עקרה פֿון ראַהאַטשאָוו". וועגן איינער אַ ייִדישער באַלעבאַטישער פֿרוי, וועלכע ווערט — אויף דער עלטער שוין, נאָך פּאַר־שיידענע איבערלעבונגען און גילגולים, — אַ „שלאָגלערין".

זייער אַן אינטערעסאַנטע דערציילונג — די גרעסטע אין בוך — איז „דער מענטש און זיין חבר". דאָ האָבן מיר סיי פּאָזיטיווע מענטשן, סאָוועטישע, סיי, פּאַר־קערט, נעגאַטיווע, אַנטיסאָוועטישע. און ביידע סאָרטן זענען זייער קינסטלעריש געמאָלן.

די הויפּט־פיגור דאָ איז איינער אַ יונגער ייִדיש־סאָוועטישער אינזשענער, קריטשעווסקי. איז ער פֿאַרנומען מיט אַ גרויסער בויונג, איבערגעגעבן דער דאָזי־קער אַרבעט מיט לייב און זעל. ער האָט אָבער צייט אויך פֿאַר פּערזענלעכע ענינים. ער איז יונג, געזונט, ברויזנדיק, גאַרנדיק. ווערט ער נאָענט מיט איינער אַ יונגער שיינער פֿרוי — ווערע זילבּ. איז די דאָזיקע ווערע אַ „קאָמפּליצירטע נאַטור", אַ ראָמאַנטיקערין, אַן „עמאַציאַנעלע אינטעלעקטואַליסטקע". אָפּט איז זי שטאַרק אַר־מעטיק, און ניט־היי, און סודותדיק־צוציענדיק. יאָגן זיך נאָך איר מענער. איז אויך ער, קריטשעווסקי, געפּאַנגען געוואָרן אין איר „נעץ". שפּעטער־צו אָבער ווערט ער צו איר אָפּגעקילט. זי ווערט אים פֿרעמד גייסטיק. אַמאָל, בעתן בירגערקריג, איז זי געווען זייער סאָוועטיש. איצט ווערט זי סקעפּטיש, ווערט אַלץ מער אומצופֿרידן מיטן גאַנג פֿון דער רעוואָלוציע. האָט קריטשעווסקי אַלץ געהאָפֿט, אַז זי וועט נאָך ווערן „אַנדערש", אַז זי וועט דערזען, „דעם ריזיקן זין פֿון שלעפּן לייס און ציגל צו אונזער אייגענעם בנין". אַז זי ווערט אָבער ניט „אַנדערש", צעגייט ער זיך מיט איר.

און אָט ווערט ער פֿריינט מיט אַן אַנדער יונגער שיינער פֿרוי — טייבל. זי איז אַ חתונה געהאַטע און, צוזאַמען מיטן מאַן איהרן, פּאַסאַדסקי, אויך אַן אינ־זשענער, אַרבעט זי אויף דער בויונג, וווּ עס אַרבעט קריטשעווסקי. און זי איז אַן עכט סאָוועטישער מענטש. און קריטשעווסקי געפֿינט אין איר אַן אמתן חבר. און זייער נאָענטקייט איז אַ ריינע — אַ חברישע בלויז. געפֿעלט עס אָבער ניט פּאַ־

סאַדסקין, טייבלס מאַן. ער, פּאַסאַדסקי, איז נאָך ווייט ניט קיין „סאָוועטישער". ער האָט באַקומען אַ בורזשואזע דערציונג. ער פאַרמאָגט נאָך היפּש פאַרעלטערטע פאָרורטיילן. נעמט ער קוקן אויף קריטשעווסקין, ווי אויף איינעם, וועלכער וויל „צונעמען" זיין, פּאַסאַדסקיס, פרוי. ווערט ער קריטשעווסקין אַ שונא. נעמט אפילו „שעדיקן" יענעמס אַרבעט.

און דער סוף — טייבל פאַרלאָזט איר מאַן, וואָס גייט לחלוטין אַראָפּ פון וועג. און זי פאַרבינדט זיך מיט קריטשעווסקין. און קריטשעווסקי געפינט אין איר ניט בלויז אַ יונגע, שיינע פרוי, נאָר — וואָס פיל וויכטיקער — אַן אמתן חבר.

אין עטלאַכע דערציילונגען אין בוך באַווייזט אונז גאָדינער צוויי וועלטן — די סאָוועטישע און די קאַפּיטאַליסטישע. **דערביי געפינט דער מחבר „אַנדערע מענטשן"** אויך אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט; מענטשן, וועלכע קעמפן מיט זייער פיינטלאַכער סביבה און — אָדער זיי ראַטעווען זיך קיין סאָוועטנלאַנד, אָדער זיי קומען טראַגיש אום. און אָט איז, לדוגמא, אַ פּאָר פון דעם־אָ סאָרט דערציי־לונגען.

אָט איז „די גליקלאַכע מוטער עלקע". דערציילט זיך דאָ פון איינער אַ יידי־שער משפּחה אין אַ קליין פּאַלעסיש שטעטל. באַשטייט די משפּחה פון טאַטע־מאַמע און דריי זין. גייען די עלטערע צוויי זין אין טאַטע־מאַמע וועגן — לויטן אַלטן שטייגער. דער דריטער אָבער, דער מיזיניק, איז שוין אַ בונטאַר, אַ „ציציליסט". קעמפט ער קעגן דער מאַכט, זיצט ער אין די תפיסות. און איצט איז עס נאָך אין ני־קאָלאַי דעם צווייטנס צייטן. אָט אָבער קומט די ערשטע וועלט־מלחמה. נאָכדעם — די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. דאָס שטעטל, וווּ עס וווינט די־אָ משפּחה, ווערט פאַרנומען פון די פּאָליאַקן, וועלכע מאַכן דאָ אַן אַ חורבן. און אויך די דאָזיקע משפּחה ליידט — דער ראש המשפּחה שטאַרבט, און אַנדערע צרות זענען דאָ פאַראַן. לסוף קומט אַ מער־וויניקער נאָרמאַל לעבן. **די עלטערע צוויי זין מאַכן גוטע גע־שעפטן.** דער דריטער אָבער, דער „ציציליסט", קעמפט אויך איצט. און ווידער זיצט ער אין תפיסות, אין פּוילישע; און מע שלאָגט אים דאָ אויס אַן אויג. **ביז ער ווערט** געראַטעוועט קיין סאָוועטנלאַנד.

און איצט נעמט די אַלטע מאַמע זיינע שטאַרק בענקען נאָך אים. און אַ בענקשאַפט איז עס ניט בלויז אַ מאַמעדיקע. ניין. עס איז פיל מער. די אַלטע מאַמע ווערט עפּעס „זעעוודיק". זי דערזעט אַלץ מער, אַז דאָ, אין פּוילן, וווּ עס לעבן די עלטערע צוויי זין אירע, איז ניטאָ קיין גליק. דאָס גליק איז דאָרטן, וווּ עס געפינט זיך דער מיזיניק אירער. און זי גנבעט לסוף דעם גרענעץ — קומט קיין סאָוועטנלאַנד, צום יינגסטן זון.

אין דער צווייטער דערציילונג פון דעם־אָ מין — „אַ דעמב ביים ווייסל" — האָבן מיר פאַר זיך אַן אַנדער „נייעם מענטש", **וועלכער פאַרענדיקט ביז גאָר טראַגיש.** דער אינהאַלט איז אַזאַ. ביים ווייסל באַזעצט זיך, און פאַרוואָרצלט זיך, אַ יידישע

אלטשטייגערדיקע משפחה. דער ווייטערדיקער דור אין דער־אַ משפחה איז שוין אַ פרייערער, אַ היפש וועלטלאַכער. און דער דריטער דור — ער איז שוין גאָר אַן אַ־סימילירטער. האָט איינער אַ פאַרשטייער פון דעם־אַ דור, יאָסיף, אַ פּראָפעסאָר אין אַ פּוילישן אוניווערסיטעט, חתונה מיט אַ קריסטלאַכער פרוי. און עס ווערט צו זיי געבאָרן אַ קינד — סטאַשעק. און ווען סטאַשעק, דאָס קינד פון געמישטע עלטערן, נעמט גיין אין שולע (אינעם פּוילן פון די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה), ווערט ער דאָ געשלאָגן פון די קריסטלאַכע תּלמידים. זיי פרעגן אים, די דאָזיקע קליינע אַנטיסעמיטן, ווער ער איז? און אַז ער ענטפערט זיי: אַ מענטש — שלאָגן זיי אים. ווייל ער איז ניט קיין מענטש, נאָר אַ „הינטישער ייד".

ליידט סטאַשעק. וויל ער דערגיין פון טאַטן זיינעם, צי איז געגוג דאָ, אין פּוילן, צו זיין אַ מענטש, אָדער עס פאָדערט זיך נאָך עפּעס. ווייס אים ניט דער אַס־מילירטער טאַטע, דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט געקעמפט פאַר אַ באַפרייטער פּוילן, וואָס שרייבט איצט ביכער וועגן פּוילנס גרויסקייט, — וואָס צו ענטפערן. ווערן סטאַשעקס ליידן גרעסער, שאַרפער און ער באַשליסט צו אַנטלויפן קיין . . . סאָ־וועטנלאַנד. דאָרטן — דערווייסט ער זיך — איז גענוג פאַר יעדן איינעם צו זיין; בלויז אַ מענטש. האָט ער אָבער ניט קיין דערפאָלג. מע שיסט אין אים אויפן גרע־נעץ, און ער ווערט ערנסט פאַרוואונדעט. און אָט איז ער צוריק אינדערהיים — אין וואַרשע. ער ליגט אין שפּיטאָל, און מע אַמפּוטירט אים אַ פוס, און ער שטאַרבט.

און איצט דערוואַכט דער פאָטער. אַ לעבן־לאַנג האָט ער אָפּגעלעבט אַ בלינ־דער. געהאַלטן זיך פאַר אַן עכטן פּאָליאַק. געגרויסט זיך מיט זיין פּוילישן היימ־לאַנד. און אָט איז דער שכר. אָט איז זיין איינציק קינד טויט. ווייל ער האָט געוואָלט זיין בלויז אַ מענטש. און דער פאָטער, דער אַסימילירטער פּראָפעסאָר, ליידט מאָראַליש. ער האָט אפילו ניט, וווּ צו באַגראָבן זיין טראַגיש אומגעקומענעם קינד. אויפן יידישן בית עולם לאָזט מען ניט, ווייל דאָס קינד איז ניט געמלט. אויפן קריסטלאַכן לאָזט מען ניט, ווייל דאָס קינד איז ניט געטויפט. זוכט דער טאַטע „אַ מענטשלאַכן בית עולם". און לסוף, אינגאַנצן אַ צעשמעטערטער און פאַריאוש־טער, וואַרפט ער זיך אריין, צוזאַמען מיטן טויטן קינד, אין ווייסל.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די דערציילונג „לעאָ הערץ פון טאָלעדאָ". איי־נער אַ יונגער ייד, לעאָ הערץ, אַן אור־אייניקל צו די יידן פון שפּאַניע, וועלכער האָט יאָרנלאַנג פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד, באַזעצט זיך אין סאָוועטנלאַנד. ער איז אַ וויסנשאַפטלער, אַ דערפינדער. אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אָבער שטאַרבן אָפּט דערפינדער פון הונגער: די דערפינדונגען זייערע ווערן אָפּט, צוליב די אינטע־רעסן פון די קאַפּיטאַליסטן, ניט אויסגענוצט. באַזעצט זיך לעאָ הערץ אין ראַטנ־לאַנד. קריגט דאָ אַרבעט. האָט דאָ חתונה. ווערט אַלץ מער סאָוועטיש. און איזן איז ער אַ טיף ערנסטער מענטש, אַ זוכער, אַ דענקער. און ער קומט לסוף צו דער איבערצייגונג, אַז דאָ, אין ראַטנלאַנד, איז דער אָנהייב פון אַ נייער וועלט, פון אַ נייער מענטשהייט:

„די וועלט צעפאַלט. אלע קאַנאַניזירטע פאָרשטעלונגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאלש. אין דער פעל פונעם רוסישן בער איז געזעסן דער קומענדיקער מענטש. אין דער ווייזיטקע פונעם ציוויליזירטן מענטש זיצט די היענע".

אָבער ווייל אַזוי, ווייל מחוץ לראַטנלאַנד בושעווען היענעס, האָט ער ניט, לעאַ, קיין רעכט צו געניסן פון היגן, פון סאָוועטישן, גליק. אָט ווילדעווען אין דייטשלאַנד די נאַצים. אָט גייט אָפּ אין איר אייגן בלוט שפּאַניע. דאַרף ער זיין דאָרטן — קעמפן קעגן די היענעס. פאַרלאָזט ער איינמאָל, אָן א „זיי־געזונט", די היים, ווייב און קינד און — פאָרט זיך שלאָגן פאַר א פרייער שפּאַניע. — „מיין אור־פּאָטער האָט דאָ געשמידט און געשליפן געווער, און איך טו דאָס זעלבע". און קעמפנדיק פאַר א באַפרייטער שפּאַניע, פאלט ער העלדיש אין שלאַכט.

ווער זיינען זיי?

וועגן פייוול סיטאַס „אָט דאָס זענען מיר“, „מלוכה־פאַרלאַג“, קיעוו, 1932.

ביז ניט לאַנג צוריק האָט בלויז אַמעריקע געשמט מיט אירע „אומבאַגרענעצטע מעגלאַכקייטן“. ביז ניט לאַנג צוריק איז בלויז אַמעריקע געווען דאָס לאַנד פון די ליכטיקסטע פּערספּעקטיוון. און אַמעריקע האָט גערייצט, געכישופט, געצויגן צו זיך יעדן איינעם, וואָס האָט זיך געריסן אַרויפצוקלעטערן „אויפן לייטער פון דערפאָלג“. און אַמעריקע — מיט אירע אומגעהייערע נאַטור־אוצרות, מיט איר געוואַלדיקער מאַשיניזאַציע, מיט איר אימפּעטיקער אונטערנעמערישקייט, — איז געווען דאָס אָרט, ווו מיליאָנען „קליינינקע מענטשעלאַך“ האָבן געקענט „צענעמען די הענט“. און מען האָט זיך אַהער געצויגן פון אַלע וועלט־עקן. מענטשן פון פאַרשיידענע שיכטן. מענטשן מיט אַ ים ענערגיע, אונטערנעמונגס־קראַפט. און עס זענען דאָ אויפגעקומען די באַרימטע „סעלף מעיד מען“. מענטשן, געקומענע אַהער בלויז מיטן העמד אויפן לייב און איצט — מיליאָנערן, מאַכטהאָבער, רעדלפירער, „פּני“.

האָט זיך לעצטנס צעפּיבערט אַן אַנדער גרויס לאַנד — סאָוועטנלאַנד; און עס נעמט דעריאָגן, אַפילו אַריבעריאָגן אַמעריקע. דער ראַטנפאַרבאַנד — אויך ער איז געוואַלדיק רייך מיט נאַטירלאַכע אוצרות, און אויך ער נעמט זיך אימפּעטיק מאַשיניזירן, און אויך אין אים זענען פאַראַן „אומבאַגרענעצטע מעגלאַכקייטן“. מע קאָן אָנהייבן אין סאָוועטנלאַנד פון „אלף“ און — אַרויפקלעטערן אויף די העכסטע שטאַפּלען פונעם געזעלשאַפטלאַכן לייטער. דערביי אָבער דאַרף מען האָבן אין זין איינס: ניט צו דינען די אייגענע אינטערעסן, נאָר די אינטערעסן פונעם כלל. און סאָוועטנלאַנד פאַרמאָגט שוין איצט צענדליקער טויזנטער „סעלף מעיד מען“. מענטשן, וואָס צוריק מיט יאָרן, אַפילו נאָך גאָר ניט לאַנג צוריק, זענען זיי געווען לחלוטין אומבאַקאַנט. און צווישן די־אָ צענדליקער טויזנטער „אַרויפגעאַרבעטע“ זענען פאַראַן אַ היפּשע צאָל יידן. און, ווייל זיך ווער באַקענען מיט אַ סאָוועטישן „סעלף מעיד מען“, איז גוט ער זאָל איבערלייענען דאָס בוך „אָט דאָס זענען מיר“. אין דאָזיקן בוך, וואָס געהערט צו דער פּען פון יידיש־סאָוועטישן פּראָזע־שרייבער פייוול סיטאָ, דערציילט זיך פון די סאָוועטישע פּראָוואָרלאָזטע קינדער, פון זייער שוידערלאַכער פאַרגאַנגענהייט און פון זייער גליקלאַכן איצט.

—„איך האָב זיך אָוועקגעשטעלט דעם ציל — שרייבט אין זיין הקדמה צום בוך דער מחבר, וועלכער איז אַליין געווען אַ פּראָוואָרלאָזטער, — צו באַווייזן, וויאַזוי די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט געקענט פון אַזעלכע שנעקעס, ווי מיר, מאַכן לייט, בויער פונעם נייעם שטייגער, פונעם נייעם בניז, וואָס הייסט סאָציאַליזם“.

און אָט איז דער אינהאַלט פון בוך:

עס ציען זיך די ערשטע רעקאָנסטרוקציע־יאָרן. דאָס חרובע לאַנד נעמט זיך צוביסלאַך אויפבויען. עס איז נאָך אָבער היפּש באַדעקט מיט בלוטיקע ווונדן. און איינע אַזאַ בלוטיקע ווונד — זענען די פאַרוואָרלאָזטע קינדער. די מערסט פון זיי זענען קינדער פון אָרעמע עלטערן, אומגעקומענע אין דער וועלט־מלחמה און אין בירגערקריג. — בלייבן די קינדער פאַריתומטע, פאַרוואָרלאָזטע. און „אַ דאַנק" זייער פאַרוואָרלאָזטקייט, ווערן זיי דעגענערירט. און זיי פאַרפלייצן דאָס גאָרע ריזיקע לאַנד. זיי דערלאַנגען צו די גרעסטע סאָוועטישע שטעט. זיי וואַלגערן זיך דאָ אַרום, שמוציקע, באַוואַקסענע, אין טראַנטעס. נערן זיך פון גנבה, פון רויב. שלאָפן אין חורבות, אויפן גאָס. און שטעקן אָן אַנדערע קינדער מיט זייער הפקרות.

שווייגט אָבער ניט די ראַטנמאַכט. נעמט זי זיך צו די־אָ אומגליקלאַכע קינדער. נעמט זיך נאָך צו זיי בעתן בירגערקריג — אין סאַמע מיט פון די בלוטיקסטע שלאַכטן. שוין דאַן ווערט געעפנט אין איינער אַ שטאָט אויף אוקראַינע אַ הויז פאַר יידישע פאַרוואָרלאָזטע קינדער; און איינער אַ יידישער לערער, שרגאַ, איז זיך ממש מקריב צוליב די־אָ פאַרוואָרלאָזטע. ער קלייבט זיי צונויף פון די שמוציקע וואַקזאַלן, פון בוידעמער און קעלערס, פון מאַרקן און הינטערגעסלאַך. און אים קומט אוים אַ סך צו קעמפן מיט די־אָ דעפעקטיווע קינדער. יעדן טאָג אַנטלויפט ווער פון זיי. און אין קינדערהיים גופא — אויך דאָ פירן זיי זיך אויף שרעקלאַך. מע גנבעט איינע ביי די אַנדערע. מע טוט אָפּ אַנדערע שענדלאַכע זאַכן. שרגאַ אָבער, דער לערער, — מיט דער הילף פון זיין פרוי רחל, — איז ממשיך עקשנותדיק זיין דערציערישע אַרבעט. און אָט ציילט שוין דער קינדערהיים פערציק פאַרוואָרלאָזטע. און שרגאַ, ווערט געשיקט קיין זאַפּאָראָזשיע — נאָך זעכציק אַנדערע. און אָט איז ער אין באַן, מיט די דאָזיקע פאַרוואָרלאָזטע:

— „אין וואַגאָן זענען געלעגן פופציק האַלב לעבעדיקע מתים און צען אויסגייענדיקע. אַלע כמעט מיט לאַנגע ראַכיטישע קעפּ און אויפגעבלאָזענע בייכער פון וואַדיאַנקע. זיי זענען געלעגן איינגעוויקלט אין צעפליקטע שמאַטעס און קוים געזשיפּעט. שרגאַ האָט געזוכט צו דערזען אויף די פּנימער פון די קינדער, וואָס ער פירט מיט זיך, כאָטש איין שמייכל, כאָטש אַ מינע פון אויפלעבונג, נאָר ער האָט בלויז געזען געלע חלב־פּנימער מיט סטאַרטשנדיקע לאַנגע נעז אינדערמיטן".

אָט אַזעלכע הונדערט יידישע פאַרוואָרלאָזטע קינדער, האַלב טויטע פיזיש און גייסטיק; קרעציקע, שמוציקע, הונגער־געשוואָלענע; צונויפגעקליבענע פון פאַרשיידענע ערטער אינעם ראַטנפאַרבאַנד; — ברענגט צונויף דער לערער שרגאַ אין קינדערהיים און ער נעמט זיי דאָ דערציען, מאַכן פאַר מענטשן.

עס פאַרגייען עטלאַכע חדשים. די קינדער עסן בעסער, קליידן זיך אָנשטענדיקער, שלאָפן אויף ריינע געלעגערס. און זיי קומען צוביסלאַך צו זיך. ווערן געזינטער סיי פיזיש, סיי גייסטיק. זייער איבערדערציונג אָבער איז אַ ביז גאָר שווערע. אַ סך פון זיי זענען דעגענערירט אַפילו געשלעכטלאַך. דער לערער שרגאַ פירט אַ

טאַגבוך, ווו ער פאַרשרייבט פאַרשיידענע, אונטערגעהערטע פון די קינדער שמועסן. און אָט זענען עטלאַכע שורות:

„ניינטער אַפּריל. היינט אינאָוונט איז ביילקע אַריינגעגאַנגען אין יינגלשן שלאָפצימער. בערל האָט בשעת־מעשה געמאַכט אַ צאַצקע פון האַלץ, אַ בעטל. פאַרשריבן זייער דיאַלאָג:

ביילקע:

— פאַר וועמען מאַכסטו דאָס בעטעלע?

בערל:

— אויב דו וועסט מיט מיר שלאָפן, וועט עס זיין פאַר דיר".

אָט דער דאָזיקער בערל, אַ יונגאַטש פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן, איז איינער פון די ערגסטע אין קינדערהיים. גאָר אָפּט אַנטלויפט ער. און מיט גרויס מי ברענגט מען אים צוריק. אָט שפּאַצירט ער איינמאָל צוזאַמען מיט פּייוול סיטאָ (דעם מחבר פון „אָט דאָס זענען מיר", וועלכער האָט זיך, ווי אַ פּאַרוואַרלאָזטער, געהאַט דערצויגן אין זעלבן קינדערהיים). — באַגעגענען זיי אַ רייך געקליידעטן הער, מיט אַ פּעקל עסנוואַרג אונטערן אָרעם. רופט זיך אָן בערל צו פּייוולען:

— „איי, וועט ער אַריינרייבן, דער בורזשוק. ער זאָל עס נאָר אויסברעכן!".

— „וואָס שעלסטו זיך, יאָלד — דערווידערט אים פּייוול. — האָב געלט, וועסטו אויך עסן!".

שמעקט אָבער ניט בערלען פּייוולס ענטפער און ער נעמט איינריידן דעם חבר זיינעם צוצוגנבענען ביים בורזשוי ס'פּעקל עסנוואַרג.

אָבער אויך בערל, דער ביז לעצט דעגענערירטער, נעמט זיך אויסמענטשלען. אונטער דער זאָרגעוודיקער השגחה פון לערער שרגא און זיין פרוי רחל נעמט ער זיך צוביסלאַך, ווי אַלע אַנדערע פאַרוואַרלאָזטע קינדער, אַנטוויקלען. און ער ווערט לסוף אַ מענטש. און די איבערדערציונג זיינע, ווי פון די אַנדערע דעפעקטיווע קינדער, גייט נאָך פיל טיפער. עס ווערן ביי די דאָזיקע קינדער אַרויסגערופן אַלע זייערע גוטע נייגונגען, פייקייטן, טאַלאַנטן. האָט עמעצער פון זיי אַ נטיה צו מוזיק — שיקט מען אים שפּעטער אין אַ קאָנסערוואַטאָריע. האָט אַ צווייטער אַ נייגונג צו טעאַטער, גיט מען אים די מעגלאַכקייט זיך צו אַנטוויקלען אויפן געביט פון טעאַטער. און אַ דריטער ווערט נאָכדעם אַ גוזעלשאַפטלאַכער טוער. און אַ פערטער, ווי, למשל, פּייוול סיטאָ, דער מחבר פון בוך איבער די פאַרוואַרלאָזטע, ווערט אַ שרייבער. און אָט איז די פריערדערמאָנטע ביילקע. זי האָט אַ נייגונג צו דער טאַנץ־קונסט. לערנט מען זי די דאָזיקע קונסט און זי ווערט שפּעטער אַ באַרימטע טענצערין.

און פּייוול סיטאָ, דער געוועזענער פאַרוואַרלאָזטער, דער גנבֿל, דער דעפעקטיווער, דערציילט אין זיין בוך „אָט דאָס זענען מיר" פון די־אַ נייע, סאָוועטישע מענטשן. ער דערציילט פון זיי זאַפטיק, לעבעדיק, הומאָרדיק. אָט איז אַ סצענע, וויאַזוי איינס אַ פאַרוואַרלאָזט יינגל קומט אָן אין אַ קאָנסערוואַטאָריע:

„אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג האָט דאָס ייִנגל דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן באַטראַכטן די שוועל פֿון דער אָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע און תיכף דערפֿילט דאָרטן אַ פֿריקרע ריח פֿון שאָקאָלאַד און אָדעקאָלאָן. דער רעקטאָר האָט פֿאַרוווּנדערט אָנגעקוקט די באָרוועסע שמוציקע פֿיס, וואָס האָבן אַ היפּש ביסל בלאָטע מיטגעבראַכט מיט זיך אויפֿן בלישטשנדיקן פֿאַרקעטן־דיל, די קורצע ביז די קני, אומגעלומפּערט ברייטע „אַרא״־שאַראַוואַרן, די אָפּגעקראָכענע „קאַראַקולענע״ קוטשמע אַריבער די אויגן אַראָפּגערוקט, און מיט כעס אַ פֿרעג־געטאָן:

— וואָס דאַרפֿסטו דאָ, ייִנגל?

דאָס יאַטל האָט באַוויזן זיינע פּאַפּירן. אויפֿן רעקטאָרס רונדן און ווייסן פּנים איז דורכגעשוווּמען אַ דינער, גיפֿטיקער לצנות. ער האָט שטאַרק געוואָלט אויסזידלען דאָס ייִנגל, למאַי ער איז געקומען אַ באָרוועסער אין אַזאַ חשובֿן קונסט־אַנשטאַלט, אויסזידלען זיינע דערציער, למאַי לאָזט מען גיין אַ קינד אין אַזאַ הולד״.

און עס איז פֿאַרשטענדלאַך דער צאָרן פֿונעם בורזשואַזן, אַלט־רעזשימנעם רעקטאָר, וועלכער האָט יאָרנלאַנג געהאַט צו טאָן מיט בלויז רייכע קינדער און איצט מוז ער אָנעמען אין קאָנסערוואַטאָריע אָפּגעריסענע, פֿאַרבלאָטיקטע תלמידימלאַך, וואָס זייער גאָרע מוזיק־קענטעניש באַשטייט דערווייל פֿון אַזעלכע „ווערק״ ווי: „יאַבלאָטשקאָ״, „טשיזיק־פּיזשיק״, „דער רבי אלימלך״ א. א. עס זענען אָבער אַוועק די אַלטע צייטן, ווען אין קאָנסערוואַטאָריע האָט געשמעקט מיטן שאָקאָלאַד און אָדעקאָלאָן פֿון די רייכע צעפּעסטעטע „באַרישניעס״. איצט זענען פֿול די קאָנסערוואַטאָריעס מיט געוועזענע פּאַרוואָרלאָזטע, דעפּעקטיווע. די ראַטנמאַכט גיט זיי אַלע מעגלאַכקייטן זיך צו אַנטוויקלען און צו ווערן נוצלאַכע בירגער.

און אָט איז אַ סך־הכול פֿון אַלע פּאַרוואָרלאָזטע, געמאַכט פֿון איינעם אַ זייעריקן — פֿון בערל גרינבערג. דער דאָזיקער בערל, וואָס איז אַמאָל געווען דער ערגסטער אין קינדערהיים, איז איצט אַ קוואַליפֿיצירטער אַרבעטער און אַ פּאַרטייִמיטגליד. און אָט שרייבט ער איינמאָל אַ בריוו צו שרגאָן — צו זיין געוועזענעם קינדערהיים־לערער, און ער דערציילט אים, וואָס פֿון אַלע פּאַרוואָרלאָזטע איז געוואָרן:

„איר ווילט מסתמא וויסן, וואָס מאַכן עפּעס אונזערע יאַטן? גוט! אַלע אַרבעטן. אונזערע יאַטן זענען צעזייט איבערן גאַנצן פֿאַרבאַנד, ווו דו גיסט אַ שפּיי, טרעפֿסטו אויף אַ דערצויגענעם פֿון אונזער קינדערהיים. אין וועלכן זאַוואָד זאָלסט ניט אַריינגיין, דערקענסטו זיי שוין אַפֿילו ניט. געזונטע ביקעס! אַ יאַטל, וואָס האָט אין קינדערהויז קוים דערלאַנגט צום טיש, איז שוין איצט מיט דריי קעפּ העכער פֿון אייך. וואָס דאַרפֿט איר מער? איך גיי אַנומעלטן מיט ביילקען אין קינאָ און פּלוצים זע איך, אַז עפּעס צו אַ באַקאַנט פּנים קרימט זיך מיר פֿונעם עקראַן. סע פֿערעזשיוואַיעט פֿונקט אַזוי ווי עמיל יאַנינגס. איך קוק זיך גוט איין אין אים — מאַט טשעסטנאַיאַ! שמוליק ברון! אָט יענער שמוליק, וואָס איז אָנגעקומען צוזאַמען מיט די זעכציק פֿון זאַפּאַראָזשיע. אַניט זאָל איך דערהאַרגעט

גווערן! וואָס זאָגט איר אויף דעם, האַ? איך קען אייך אָנזאָגן נאָך אַ נייעס, אַז דער בעסטער ראַובעק פון דער כאַרקאָווער האַנט-באַל-קאָמאַנדע איז אונזער איציקל סאָלאָוויי. איר האָט זיך גערעכנט אויף אַזוינס? איך האָב ניט לאַנג געמאַכט אַ חשבון, איז האָבן מיר אייגענע פוטבאָליסטן, אייגענע קינאָ-אַקטיאָרן, אינזשענערן, שרייבער, טענצער, פּיאַניסטן".

אָט דאָס זענען זיי, די געוועזענע יידישע פאַרוואָרלאָזטע קינדער, די געוועזענע גנבימלאַך, דעפעקטיווע, דעגענערירטע און איצט — באַרימטע בירגער פונעם גרויסן סאָוועטישן פאַרבאַנד.

1934

י. פאַליקמאַנס „ליבע אין פייער״

„אמת״, מאָסקווע, 1943

איבער די ברייטן־לענגן פונעם ראַטנפאַרבאַנד הילכן קאַנאָנען. אין די סאָוועטישע שטעט און דערפער הודזשען סנאַריאַדן, פייפן קוילן, פּלאַצן באָמבעס, רייסן זיך אויף מינעס. אין דער זעלבער צייט שווייגן ניט די סאָוועטישע מוזעס. אין דער זעלבער צייט דערשיינען ווערק פון סאָוועטישע, נים־יידישע און יידישע פּען־מענטשן. ווערק — פריש־צאַפּלדיקע. ווערק, וועלכע רעאַגירן אויף די סאַמע לעצטע געשעענישן, וועלכע וויברירן מיט די פייערדיקע פראָנטן, מיט די בלוטיקע שלאַכטן, וועלכע שילדערן בילדער, סצענעס, עפּיזאָדן — פול מיט העראָאיזם, טראַגיזם, דראַמאַטישקייט — — — איז לעצטנס צו אונז דערגאַנגען איינס א ביכל סאָוועטישע פראָנט־דערציילונגען — „ליבע אין פייער״, פון י. פאַליקמאַן.

ניין דערציילונגען פאַרמאָגט דאָס דאָזיקע ביכל און יעדערע פון זיי שילדערט אַן אנדער פראָנט־ווינקל, אנדערע מענטשן, אנדערע געשעענישן. דערביי איז כאַראַקטעריסטיש דער נאָמען פון ביכל — „ליבע אין פייער״. די ליבע פונעם סאָוועטישן מענטש צו זיין מיטמענטש, וואס ווערט ניט פאַרזען און פאַרגעסן אין פייער פון גרויזאַמסטן קריג. מע קעמפט העלדיש פאַר א פריי לעבן, פאַר א בעסערער וועלט און מע געדענקט אין דעם אין די סכנהדיקסטע מאָמענטן.

אָט איז, א שטייגער, די ערשטע, גרעסטע דערציילונג אין ביכל — „דאָס יינגעלע מיטן פיילנבויגן״. אויפן סאָוועטישן דרום, ביים ברעג ים, אין א פישער־ישוב, געפינט זיך א מוזיי — אויפן נאָמען פון איינעם א יידישן הויך טאַלענטירטן סקולפּטאָר, יאָסיף גרינטאַל, וועלכער איז גאָר יונג אומגעקומען אויפן פראָנט, בעתן בירגערקריג, קעמפנדיק קעגן די „ווייסע״. געפינען זיך אין מוזיי גרינטאַלס שאַפונגען און אויף זיי, ווי אויפן גאַנצן מוזיי, גיט אַכטונג איינער א רוס, פאַטאַפּ איגנאַטיטש, א מאָלער און קונסט־לערער. איז דער דאָזיקער פאַטאַפּ איגנאַטיטש, דער מוזיי־פאַרוואַלטער, ביז גאָר שטאָלץ מיט די שאַפונגען פונעם ייד יאָסיף גרינטאַל, וועלכער איז, אגב, געוועזן זיין, פאַטאַפּ איגנאַטיטש, א תלמיד. און באַזונדערס איז דעם מוזיי־פאַרוואַלטער טייער גרינטאַלס לעצט ווערק — די סקולפּטור „דאָס יינגעלע מיטן פיילנבויגן״. אין דער־א שאַפונג פילט אַמטיפסטן דער רוסישער קינסטלער די גרויסע נשמה פון זיין יידישן, יונג אומגעקומענעם תלמיד . . . און ער דערמאָנט זיך אָפט אָן גרינטאַלן. ער דערמאָנט זיך, וויאַזוי ער האָט גרינטאַלן — אַן אָרעם, פאַרוואָרלאָזט יינגל, — „אַנטדעקט״. און איצט איז ער, פאַטאַפּ איגנאַטיטש, דער שומר פון דאָזיקן קונסט־טעמפּל — אויפן נאָמען פון זיין יידישן תלמיד. און ער איז שטאָלץ מיט דעם. און ער היט אָפּ דעם מוזיי, ווי ס׳אויג אין קאָפּ.

ברעכט אָבער אוים די מלחמה און די דייטשן דערנענטערן זיך צום פּישער־ישוב. די ישוב־איינוווינער פאַרלאָזן זייערע היימען, גייען אוועק פּאַרטיזאַנעווען. זיי לייגן פאַר פּאָטאַפּ איגנאַטיטש אַרויספירן דעם מוזיי און גיין מיט זיי. ער באַווייזט עס אָבער ניט.

און אָט באַווייזן זיך די דייטשן. זיי רייסן זיך אריין אין מוזיי, מאַכן דאָ אַ תל פון די קונסט־ווערק. פּאָטאַפּ איגנאַטיטש איז אויפגעבראַכט. און ער ווענדעט זיך צו איינעם פון זיי מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„דער הער דאַרף וויסן, אַז דאָ איז אַ מוזיי פון אַ באַרימטן קינסטלער און מע טאָר דאָ גאָרניט טשעפּען".

די דייטשן אָבער טוען זיך זייערס. און אַז זיי דערוויסן זיך, אַז דער קינסטלער, אויף וועמענס נאָמען עס רופט זיך דער מוזיי, איז געווען אַ ייד, ווערן זיי נאָך מער ווילד און נעמען אַלץ פאַרניכטן, און לסוף צילט זיך איינער פון זיי אין גרינטאָלם בעסט ווערק — אין „יינגעלע מיטן פּייַלנבויגן". פּאָטאַפּ איגנאַטיטש, אַ פּאַרציטערטער, בעט דאָן דעם דייטשישן וואַנדאַל, ער זאָל בעסער שיסן אין אים... און יענער טוט עס . . . און אַזוי־אָ קומט אום אַ סאָוועטישער קינסטלער, אַ רוס, באַשיצנדיק אַ גרויס ווערק פון זיינעם אַ יידישן תלמיד . . .

אין אַן אַנדער דערציילונג אין ביכל — „סופרון" — ווערט געשילדערט אַן אַנדער טיף מענטשלאַכע טאָט. דאָס געשעט אויפן פראָנט. די דייטשן פּרווון איינמאָל אָנפאַלן אויף די סאָוועטישע פּאָזיציעס אויף אַזאַ נבזהדיקן אופן: אינאַרוים פון זיך, אונטער דער דראָונג פון טויט, שיקן זיי אַרויס אַ מחנה ציוויל־געפאַנגענע־פרויען, קינדער, זקנים: און אַהינטער די־אָ אומגליקלאַכע גנבענען זיי זיך צו די סאָוועטישע פּאָזיציעס. באַמערקט עס אָבער איינער אַ רויטאַרמייער — סופרון, איז ער מקריב ס'אייגענע לעבן, ראַטעוועט די ציוויל־געפאַנגענע, ווי אויך די סכנהדיקע לאַגע פון די סאָוועטישע קריגער.

און אָט איז אַ דערציילונג „דאָס פערטע בערגל". די דייטשן טויטן דריי רויטאַרמייער, באַגראָבן זיי און פאַרטאָפּטשען די ערד — קיין סימן זאָל ניט בלייבן... וואַקסן אָבער אוים אויף דעם דאָזיקן אָרט — דורך די הענט פון רויטע פּאַרטיזאַנער — דריי קברים־בערגלאַך. קענען עס די דייטשן ניט פאַרליידן . . . פאַרטאָפּטשען זיי די בערגלאַך באַניים. שטעלן אויף די פּאַרטיזאַנען נייע בערגלאַך. נעמען די דייטשן נאָכשאַטעווען און זיי דערשיסן איינעם אַ יונגן פּאַרטיזאַן — קאַליאַ. פּאַרטיזאַנעוועט אָבער צוזאַמען מיט קאַליאַן דער טאַטע זיינער . . . שטעלט ער איין ס'לעבן, באַגראָבט דעם העלדישן זון און — שטעלט אויף אַ פערט בערגל . . .

און אַזוי — אין די אַנדערע דערציילונגען אין ביכל, וווּ מיר זעען די שיינע ערלאַכע נשמה פונעם סאָוועטיש מענטש; וווּ מיר זעען זיין ליבשאַפט צום מיטמענטש, זיין העלדישקייט אין שלאַכט, זיין קרבן־גרייטקייט, פאַרטיידיקנדיק אַלץ, וואָס אים איז הייליק און טייער.

1943

II

„דער שטילער דאָן" פון מיכאַיל שאָלאָכאָוו

פון רוסיש — ש. שיינבערג, „אוניווערסאַל", וואַרשע, 1936.

די יונגע סאָוועטישע ליטעראַטור צעצווייגט זיך אַלץ ברייטער און געדיכטער, פאַרוואָרצלט זיך אַלץ טיפער און פעסטער. וואָס אַ יאָר קומען צו נייע קרעפטיקע טאַלאַנטן. וואָס אַ יאָר באַווייזן זיך נייע וויכטיקע ווערק, וועלכע באַווירקן די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער. די סאָוועטישע שרייבער זענען געוואָרן „אינזשענערן פון דער מענטשלאַכער נשמה". צו זייער וואָרט נויגן זיך די אויערן פון דער גאַרער בעסערער מענטשהייט. אין משך פון אַכצן יאָר פון זיין קיום האָט דער ראַטנפאַרבאַנד באַוויזן אַזעלכעס, וואָס עס האָט ניט באַוויזן קיין שום אַנדער לאַנד אויף דער ערד. די סאָוועטישע ליטעראַטור ווערט אַלץ מער וועלט-באַרימט. — און איינער פון די סאָוועטישע שריפטשטעלער איז איצט — מיט רעכט — געקרוינט געוואָרן פאַרן סאָוועטישן טאָלסטאָי. און דעם דאָזיקן גאַר געהייבענעם נאָמען האָט דער־אַ שרייבער באַקומען פון מאַקסים גאָרקי, מיט וועמענס וואָרט מע רעכנט זיך גאָר שטאַרק און צו וועמענס מיינונג עס וועט צושטימען יעדער איינער, וואָס וועט אויפמערקזאַם איבערלייענען די גרויסע טרילאָגיע „דער שטילער דאָן" פון מיכאַיל שאָלאָכאָוו.

וואָס פאַר אַ ווערק קען מען, אינקורצן, אָנרופן קלאַסיש? איז עס אַזאַ מין ווערק, וואָס לויטן אינהאַלט זיינעם נעמט ער אַרום אַ לאַנגן צייט-דויער און ברייטע אָרט-שטחים, און לויט דער פאָרם זיינער איז ער געשריבן מיט אַזאַ מין פשטות און קלאָרקייט, אַז יעדער סאָרט לייענער קען אים, אויף זיין אופן, אויפנעמען און „פאַרדייען".

ליעוו טאָלסטאָי איז באַזונדערס באַרימט מיט זיין מאָנומענטאַל ווערק „מלחמה און שלום" — אַ ווערק, ווו עס ווערט געניאַל אויפגעלעבט די צייט פונעם רוסיש-נאַפּאָלעאָנישן קריג; אַ ווערק מיט אַ געוואַלדיקער צאָל העלדן: אַ ווערק, ווו די האַנדלונג ציט זיך יאָרנלאַנג, שפּרייט זיך איבער שטעט און מדינות; און ווו חוץ פאַרשיידענע, זייער וויכטיקע, טיף פּסיכאָלאָגישע קאָנפליקטן און געשעענישן, זענען אַריינגעפלאָכטן גרויסע אַלמענטשלאַכע אידייען. — אָט פון אַזאַ מין פאָרנעם איז די טרילאָגיע „דער שטילער דאָן" פון מיכאַיל שאָלאָכאָוו. פאַר די לעצטע צען-פופצן יאָר איז נאָך אין קיין שום אַנדער ליטעראַטור ניט געשאַפן געוואָרן אַ ווערק פון אַזאַ פאָרנעם. שאָלאָכאָווס עפּאָפּייע נעמט אין זיך אַריין אַ גאָר גרויסע צאָל העלדן, און זי שפּרייט זיך ברייט אין שטח און לאַנג אין צייט, און חוץ פאַרשיידענע, ביז גאָר פאַרכאַפּנדיקע האַנדלונגען און קאָנפליקטן, פאַרמאָגט זי גרויסע הומאַניסטישע אי-

דייען. — די טעמע פון דעם־א ריזיקן ווערק איז — דאָס לעבן פון די רוסישע קאָ־זאקן ביים טיך דאָן, אַנגעהייבן מיט אייניקע יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה און געענדיקט מיט עטלאַכע יאָר נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

הונדערטער יאָרן זענען די דאָנער קאָזאַקן געווען פינצטערע מענטשן, און די צאַריש ברוטאַלע רעגירונג האָט זיך אויף זיי פיל געשטיצט: געשיקט זיי איינ־שטילן בונטן, אַנגערייצט זיי אויף יידן. אינעם אַמאָליקן רוסלאַנד פלעגט מען דאָס וואָרט „קאָזאַק" אַרויסריידן מיט שרעק. די קאָזאַקן זענען געווען דער זיכערסטער שטיץ־פונקט פונעם בלוטיקן, שוואַרץ־מאַהדיקן צאַריזם.

ווי האָבן די דאָזיקע קאָזאַקן געלעבט אינדערהיים, אויף זייער אייגענער ערד? — וועגן דעם האָט מען אינעם אַמאָליקן רוסלאַנד קנאַפּ־וואָס געוווסט. מען האָט בלויז געוווסט, אַז טיף אין רוסלאַנד געפינען זיך גרויסע מחנות קאָזאַקן, היהשע, אכזריותדיקע, וועלכע זענען צו יעדער צייט גרייט צו פאַרטיידיקן זייער „פאָטערל" — דעם צאַר. פאַרוואָס אָבער זענען די דאָזיקע קאָזאַקן אכזריותדיקע? ווער האָט זיי געמאַכט פאַר אַזעלכע? און — צי מוזן זיי שוין בלייבן אַזעלכע? — פון דעם האָט מען ניט געהאַט קיין אַנונג. דאָס קאָזאַקנטום איז געווען אַ וועלט פאַר זיך. האָט געלעבט ווייט פון די אייראָפּעאיש ציוויליזירטע מקומות. איז אין דער מערהייט זיינער געווען אַנאַלפאַבעטיש, ביז גאָר פרימיטיוו, פול מיט אַבערגלויבנס. און עס האָט געמוזט קומען אַן אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, כדי אויפצורודערן די קאָזאַקישע וועלט, ווי אויך אַרויסהייבן פון זייערע רייען אַ הויך טאַלענטירטן שריפטשטעלער, וואָס דערציילט זאַפטיק און פאַרביק, פולבלוטיק און טיף אמתדיק פון זייער לעבן, פון זייער שטייגער, פון זייער חיהשקייט און פון זייער — מענטשישקייט.

— — — הייבט זיך אָן שאָלאָכאָווס גרויס ווערק מיט אייניקע יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה. דערציילט זיך דאָ פון איינער אַ קאָזאַקישער משפחה, וועמענס אורעלטערן עס האָבן זיך געשלאָגן מיט די טערקן און וועמענס אָדערן עס פליסט טערקיש בלוט. די מאַנצבלעון אין דער־אַ קאָזאַקן־פאַמיליע פאַרמאָגן אַלע שופּרדיקע נעז און שוואַרץ ברענענדיקע אויגן. דעם ראש המשפחה רופט מען פּאַנטעליי. ער איז אַ מלחמה־אינוואַליד. אַ פּויער. פירט אַ פעסט פאַרוואָרצלטע ווירטשאַפט. דערציט אויפן קאָזאַקישן שטייגער צוויי זין: פּעטראָ און גריגאָרי. איז פּעטראָ אַ געוויינלאַכער קאָזאַק — צייכנט זיך מיט קיינזאַך ניט אויס. ער איז שוין אַ חתונה געהאַטער און, צוזאַמען מיטן שיינעם ווייבל זיינעם, דאַריאַ, העלפט ער אַרויס דעם טאַטן אין דער ערדאַרבעט. דערפאַר אָבער איז גריגאָרי, דער יינגערער זון, אַן אייגנאַרטיקער. ער איז אַן אומרויקער, אַ שטימונגספולער. גאָר יונג „פאַר־דרייט" ער זיך מיט איינער אַ שיינער קאָזאַצקע — אַקסיושע, וועלכע איז שוין אַ חתונה געהאַטע און צוליב וועמען אים קומט אָפט אויס צו פירן געשלעגן. די על־טערן ווילן אים, גריגאָרין, חתונה מאַכן: ער וועט אַזויאַרום פאַרגעסן אַן אַקסיושען. גריגאָרי אָבער לאָזט זיך ניט.

און דערווייל הערשט אויף דער וועלט שלום. די קאָזאַקן באַאַרבעטן זייער

ערד. גייען אויף פישפאנג. זינגען שיינע לידער. פארפירן פרעמדע ווייבער. שלאגן זיך צווישן זיך. די ערד אונטער זייערע טריט איז פעט און מאמעדיק. און הארט ביי די ישובים זייערע פליסט דער שטילער דאן. די שכנים זיינע, די היפש פאעטישע קאזאקן, ליבן אים שטארק, דעם טייך זייערן. און א סך שיינע לידער ווערן פארפאסט וועגן אים. און דא, אויפן דאן, ווערן ליבעס געפירט, יונגטלאכע טרוימען פארווירקלאכט. און אן אלטער מנהג איז פאראן ביי די קאזאקן: ווען זיי קומען אהיים פון מיליטער־דינסט, ווארפן זיי אריין אין דאן זייערע סאלדאטישע בגדים, שיך, היטלען. און דער דאן טראגט עס אלץ אוועק אין ווייטן ים. און זיי, די אויסגעדינטע קאזאקן, זענען באניים פריי, באניים אויף זייער אייגענער ערד, ביי די ברעגעס פון זייער באליבטן, פיל באזונגענעם טייך.

אט אזוי האט מען דא געלעבט אין צייטן פון פרידן — א לעבן פון פראצע, ליבע, לידער, געשלעגן. איז געקומען די וועלט־מלחמה — אויפגערודערט דאס גאנצע קאזאקנטום. פאנטעליים ביידע זין, פעטרא און גריגארי, גייען אוועק אויפן פראנט. גריגארי איז שוין איצט א חתונה געהאטער. ער האט גענומען א טאכטער פון א רייכן קאזאק. ער האט אבער דאס ווייב, נאטאליע, ניט ליב, און שטילערהייט טרעפט ער זיך אלץ מיט אקסיושען. די מלחמה אבער מאכט צו דעם א סוף. און פאר גרי־גארין צעוויקלט זיך א נייע וועלט. פראנטן. שלאכטן. בלוט און פייער. די ער־שטע חדשים אין די אקאפעס איז ער פול מיטן אלגעמיינעם מלחמה־פאטאס. ער שלאגט זיך העלדיש פארן קיסר, פארן פאטערלאנד. ער הארגעט א סך דייטשן, עסט־רייכער. ער באקומט מעדאלן. שפעטער־צו אבער נעמט אים די מלחמה דערעסן. אגב, ווערן אויפן פראנט טעטיק רעוואלוציאנערע אגיטאטארס. זיי קלערן אויף דעם פארשקלאפטן סאלדאט דעם גארן אומזין פון דער מלחמה, און ווער עס פראפיטירט פון דער־א פעלקער־שחיטה. און גריגארי ווערט צוביסלאך „זעעוודיק". ער נעמט זען ארום זיך גארניט קיין שיינע זאכן. פון איין זייט זעט ער די ליידן פונעם פראסטן סאלדאט און פון דער צווייטער זייט — דעם ווילטאק פונעם אפיצער און פאלקאווניק.

אינדערהיים, אינעם ווייטן קאזאקישן דארף, קומען דערוויילפאר טרויעריקע זאכן. די מלחמה האט פונדאנען אוועקגענומען די גארע יוגנט. „לאנגוויילקן זיך" די יונגע דארפישע קאזאצקעס. נעמט מען הפקרדיק ארומהוליען. „לעבן" טעכ־טער מיט — טאטעס, שוועסטער מיט — ברידער. און מלחמה־אלמנות קומען דא צו כסדר, און מלחמה־יתומים. און די ארומיקע רייכע פריצים לעבן דעם אמתן גוטן טאג. און אין לאנד הערשט ניקאלאי דער צווייטער.

אט אבער ברעכט אוים די פעווראל־רעוואלוציע. דאס ריזיקע לאנד צעברויזט זיך, צעשטורעמט זיך. די רעוואלוציע דרינגט אריין אויף די פראנטן, אין די אקאפ־עס, אין די סאלדאטישע רייען, אין דער קאזאקישער פינצטערער נשמה. און אט גרייט זיך שוין דער אקטיאבער־אויפשטאנד. און אין דער זעלבער צייט גרייט זיך אויך א קאנטררעוואלוציע. מע קלייבט זיך רעסטאווירן די מאנארכיע. שילדערט

שאָלאָכאָוו ברייטפּאַרנעמיק דאָס גאַרע שטורמישע יאָר 1917. גייען דאָ פאַרביי צענדליקער העלדן: קאָזאַקן, צאַרישע גענערעלער, רעוואָלוציאָנערן — — — —

און אָט קומט דער אַקטיאָבער־אויפשטאַנד. עס צעפלאַקערט זיך דער ביר־גערקריג. און באַזונדערס נעמט רודערן צווישן דעם קאָזאַקנטום. קאָרנילאָוו, וועל־כער האָט זיך געריסן צו פאַרנעמען פּעטראָגראַד און געליטן אַ מפּלה, אַנטלויפט אויפן דאָן, צו די קאָזאַקן. עס קומען אַהער אַנדערע צאַרישע גענערעלער: אַלעקסייעוו, קאַלעדין — — — נעמט זיך דאָ גיסן בלוט — ווי וואַסער.

דערוויל ווערט גריגאָרי, פּאַנטעליים זון, וועלכער איז שוין באַניים אינדער־היים, אַ באַלשעוויק. און אָט שלאָגט ער זיך מיט די „ווייסע". און נאָך אַ ריי בלוטיקע שלאַכטן ווערט דער שונא באַזיגט. אַלעקסייעוו ווערט דערהאַרגעט. קאַ־לעדין באַגייט זעלבסטמאָרד. און קיין קאַווקאַז, אין גרויסע זאַווערוכעס, אין שאַרפע פרעסט, שלעפּן זיך צופוס — אַנטלויפן פון די „רויטע" — צאַרישע גענערעלער, פּאָלקאָווניקעס; פּריצים, פאַבריקאַנטן, אַנדערע פּאַראַזיטן און עקספּלואַטאַטאָרן. די „סמעטענע" פונעם אַלטן, מאָנאַרכיסטישן רוסלאַנד פאַרלאָזט דאָס לאַנד. דער באָל־שעוויזם דרינגט אַריין אַלץ טיפער אין די רייען פונעם דאָנער קאָזאַקנטום. און די דאָזיקע באַלשעוויזאַציע קאָסט אַ סך קרבנות. ניט אַזוי שנעל לאָזט זיך דער פינצטערער קאָזאַק אויסמענטשלען. שלאָגט ער זיך מיט די „רויטע". ווערן דער־ביי אָפּגעווישט גאַנצע דערפער. לסוף אָבער זיגט די אידייע פון באַלשעוויזם. די ווילדע, פינצטערע קאָזאַקן ווערן „מיט מענטשן גלייך".

אָט דאָס איז בתכלית הקיצור דער אינהאַלט פון שאָלאָכאָווס טרילאָגיע „דער שטילער דאָן" — אַ גרויס, קלאַסיש ווערק, וואָס האָט דעם מחבר זיינעם, שאָלאָכאָוון, באַרימט געמאַכט איבער דער גאַרער וועלט.

1936

אלעקסאַנדער אוודייענקאָ ,,איך האָב ליב"

פון רוסיש — דוד רויכל, ,,ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1935.

אין איינעם פון זיינע לידער באַדויערט דער באַרימטער רוסישער דיכטער סערגיי יעסעניין יענע אַלע טאַלאַנטפולע מענטשן, וואָס זענען אינעם אַמאָליקן רוסלאַנד אומזיסט־אומנישט פאַרלאָרן געגאַנגען. די רוסן זענען זייער אַ טאַלאַנטפול פאָלק. אין גינסטיקערע לעבנס־באַדינגונגען וואָלטן זיי פון זיך געקענט אַרויסברענגען אַלע זייערע פאַרבאַהאַלטענע שאַפונגס־כוחות. דאָס צאַרישע רוסלאַנד אָבער איז געווען אַ פינצטערע. רעכט אויף לעבן האָבן געהאַט בלויז די ,,אויסדערוויילטע": פריץ, פאַבריקאַנט, באַנקיר — — — דאָס פּראָסטע פאָלק — פויערים, אַרבעטער, — האָבן געהאַט רעכט בלויז אויף הונגערן, אויף ליידן נויט. איז ווי האָבן געקענט וואַקסן און ווערן באַרימט טויזנטער טאַלאַנטירטע רוסן — קינדער פון פּשוטן פאָלק? זענען טאַקע הונדערטער רוסישע טאַלאַנטן, אויף פאַרשיידענע געביטן פון קונסט און וויסנשאַפט, פאַרלאָרן געגאַנגען; מיטגענומען מיט זיך אין קבר די ניט־אויסגענוצטע שאַפונגס־קרעפטן.

דאָס אָבער, וואָס איז געווען שווער אינעם אַמאָליקן רוסלאַנד, איז איצט, ביי דער ראַטנמאַכט, דערמעגלאַכט געוואָרן. אַלע פאַרבאָרגענע און פאַרשטויסענע פאָלקס־כוחות ציען זיך איצט צו ליכט, צו לעבן, צו שאַפן. דעם פּשוטן מענטש ווערט אין סאָוועטנלאַנד געגעבן די בעסטע מעגלאַכקייטן זיך צו אַנטוויקלען. דער פאָלקס־מענטש קען זיך לערנען, קען געניסן פון אַלערליי קונסט־און וויסנשאַפט־אויפטועס; קען באַזוכן מוזייאומס, טעאַטערן, ביבליאָטעקן. און מיט אַ וועלפישן אַפּעטיט האָט זיך דער סאָוועטישער מענטש צוגעכאַפּט צו דער וועלט פון שיינקייט און וויסנשאַפט. און ניט נאָר פון גרייטע קולטור־ווערטן געניסט ער איצט, נאָר ער שאַפט אויך זיין אייגענע קולטור. און איצט איז שוין ניט קיין זעלטענהייט צו טרעפן קינסטלער און וויסנשאַפטלער, וועלכע שטאַמען פון פּראָסטן פאָלק. הונדערטער אַזעלכע פאַרמאָגט שוין איצט דער ראַטנפאַרבאַנד. און איינער פון זיי איז אַלעקסאַנדער אוודייענקאָ — דער מחבר פונעם באַרימט געוואָרענעם בוך ,,איך האָב ליב". אין דאָזיקן בוך דערציילט דער מחבר פון זיין אייגן לעבן. עס איז אַן אויטאָביאָגראַפיע — אַ כאַראַקטעריסטישע ניט בלויז פאַר אוודייענקאָן, נאָר פאַר מיליאָנען אַנדערע פאַרשטייער פון זיין, אוודייענקאָס, קלאַס.

דאָס בוך הייבט זיך אָן מיט אוודייענקאָס זיידן — ניקאַנאָר. צוליב שרעקלעכער נויט מוז ניקאַנאָר, אַן אָרעמער פויער, פאַרלאָזן זיין היים און ווערן אַ שאַכטיאָר. אַרבעט ער אין איינעם אַ שאַכטיאָרישן ישוב — ,,יאַמאַ" (גרוב). ער אַרבעט דאָ אין די קוילן־גריבער פון איינעם אַ דייטשישן קאָנצעסיאָנער — קאַרל פראַנ־

צאַוויטש ברוט. און צוזאַמען מיט אים, מיט ניקאַנאָרן, אַרבעט דאָ זיין זון — אָסטאַפּ. און די משפּחות זייערע זענען דערווייל אינדערהיים — וואַרטן אויף די מענער און טאַטעס, זיי זאָלן זיי אַריבערנעמען צו זיך. און כדי ניקאַנאָר און אָסטאַפּ זאָלן קענען אַריבערנעמען די משפּחות, מוזן זיי שווער שקלאַפן. און אַז דער לוין זייערער איז אַ ביז גאָר מאָגערער, לעבן זיי בלויז אויף ברויט און וואַסער. און שטאַרק קינסטלעריש שילדערט דער מחבר ס׳לעבן פון די קוילנגרעבער אינעם אַמאָליקן רוסלאַנד. פאַר די אויגן פונעם לייענער שטעלן זיך אַוועק סכנהדיקע שאַכטעס, פינצטערע און שמוציקע אַרבעטער־וווינונגען. דאָס לעבן פון די שאַכטיאָרן איז איינגעטיילט אויף באַרג און טאָל. אויבן, אין ברייטע, זוניקע, ציכטיקע גאַסן, וווינען די שטיין־רייכע קאָנצעסיאָנערן און אונטן, אין טאָל, אין פינצטערניש, אין שמוץ וואוינען די אַרבעטער, וועמענס איינציקער פאַרגעניגן איז — דער ביטערער טראָפּן. אין אגאַנעסאָווס שענק פאַטרינקט דער קוילנגרעבער זיין מאָגערן לוין. און אויך אָסטאַפּ, ניקאַנאָרס זון, ווערט אָפּט נכשל מיט אַ כוסה. ער ווערט אָבער דערפאַר געשלאָגן פון טאַטן, וועלכער איז שרעקלאַך קאַרג, פאַרגינט זיך ניט דעם ביסן ברויט, שפּאָרט אַלץ, כדי צו קענען ברענגען די משפּחות.

און אָט קומען די משפּחות. ניקאַנאָר בעטלט אוים ביים שאַכטע־באַלעבאָס אַ שטיקל פאַרמיסטיקטע ערד, אויף וועלכער ער נעמט זיך אויפשטעלן אַ שטוב. און גאַנצענע טעג אַרבעט ניקאַנאָר ביי דער־אָ שטוב. און עס העלפן אים די משפּחות זיינע. ביז די שטוב, וואָס איז מער ענלאַך אויף אַ קבר, ווערט פאַרטיק. און ניקאַנאָר איז גליקלאַך. ער קושט די ערד, אויף וועלכער סע שטייט די שטוב זיינע. איצט פאַרמאָגט ער אַן אייגן ווינקל. ער וועט מער ניט דאַרפן וווינען אין די שמוציקע, פינצטערע, קאַזאַרמעס, ווו עס וווינען די קוילנגרעבער.

אַרום ניקאַנאָרס שטיבל וואַקסן אוים אַנדערע הייזער. עס קומט דאָ אויף אַ נייער אַרבעטער־ישוב, וואָס ווערט געקרוינט מיטן נאָמען „סאָבאַטשייעווקע” (הינטישער). אין סאָבאַטשייעווקע קאָנצענטרירט זיך דער גאָרער מענטשן־אָפּפאַל פון יאַמאַ: הונגעריקע אַרבעטער, אָרעמע מאַרק־הענדלערינס, קראַנקע פּראָסטיטוטקעס. אין סאבאטשייעווקע שיכורט מען, פאַרקויפט מען ס׳אייגענע לייב. און אין די רייכע אויבערשטע גאַסן, וועלכע מע רופט „די העל־בלויע קוואַרטאַלן”, לעבט מען איז ווילטאָק, אין פאַנטאַסטישער אויסברענגעריי. אָט די דאָזיקע קאָנטראַסטן ווערן אין בוך שטאַרק קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט.

ניקאַנאָר אַרבעט אַלץ אין שאַכטע. אָסטאַפּ, דער זון זיינער, איז געוואָרן אַ שמעלצער אין דער אייזן־הוטע, וואָס ליגט אין שכנות מיט די קוילן־גריבער. די אַרבעטער אין דער־אָ אייזן־הוטע ווערן מוראדיק עקספּלואַטירט. און ווען זיי קאָנען מער ניט אַריבערטראָגן, דערקלערן זיי אַ שטרייק. ברענגען אָבער די באַלעבאַטים קאָזאַקן, וועלכע פירן דורך אַ גרויזאַמע אַרבעטער־שחיטה.

אָט אין דעם דאָזיקן מקום ווערט געבאָרן דער מחבר פון בוך „איך האָב ליב” — אַלעקסאַנדער אַוודייענקאָ. עס ווערן דאָ אויך געבאָרן אוודייענקאָס צוויי שוועסטערלאַך — וואַריא און ניורקע און אַ ברודערל — מיטקע. ניקאַנאָרס און אָסטאַפּס

משפּחות ווערן היפּש פּאַרגרעסערט, און די קינדער מוזן אַרויסהעלפֿן די עלטערן. שלעפּט אָוודייענקאָ גאַנצענע טעג זעק מיט זשאַווער־אייזן — העלפֿט אַרוים זיינע אָרעמע עלטערן.

דערוויל געשעט מיט ניקאַנאָרן אַן אומגליק. ער ווערט פֿאַרשאַטן אין שאַכ־טע. מע ראַטעוועט אים אָפּ. ער ליגט אָבער חדשים־לאַנג אין שפּיטאָל. ווערט נאָכדעם משוגע. און איינמאָל, אין אַ משוגעת־אָנפֿאַל, דערשלאָגט ער אויף טויט זיין אייגן ווייב. אַרבעטן קען ער שוין ניט. קיין קאָמפּענסאַציע באַקומט ער ניט. ווערט ער אַ בעטלער, אַ שיכור, אַ גנב. שלעפּט ער זיך אַרום איבער די שמוציקע געסלאַך פֿון סאָבאַטשייעוקע און — גנבעט פֿון די מאַרק־געשטעלן; שלאָגט זיך מיט די פּורמאַנעס, מיט די טרעגער. דערביי פֿריידיקט ער רעוואָלוציע. דער אַלטער ניקאַנאָר, דער פֿרום־פֿינצטערער פּויער, איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער. אַט טרעפֿט ער איינמאָל זיין געוועזענעם שאַכטע־באַלעבאָס — קאַרל פֿראַנצאָוויטש ברוט. און אָט, וואָס ניקאַנאָר זאָגט צו אים:

„איך האָב אָפּגעאַרבעט אין אייער שאַכטע 35 יאָר. איך האָב אייך אָנגע־גראָבן טויזנטער וואַגאָנעס קוילן. איך האָב זיך ביי אייך אָנגעגעסן מיט גאַנצע בערג שטויב. און אַז איך גיי נאָך איצט אַרײַן אין אָפּטריט, זע איך אונטער זיך שטויב. איך וועל נאָך לעבן הונדערט יאָר, און די קוילן וועלן פֿון מיר ניט אַרויס. און די שאַכטעס זענען געבליבן מיינע שוואַרצע לאָקן. צוליב די קוילן האָב איך געפּטרט מיין אייגן ווייב — — — די קוילן האָבן זיך איינגעזאַפּט אין מיין בלוט. מיט די קוילן האָט מיין ווייב געבאָרן אַ זון. מיינע אור־אייניקלאַך וועלן נאָך האָבן צו גע־דענקען די קוילן. צי הערט איר מיך, קאַרל פֿראַנצאָוויטש?

און דער דייטש קאַרל פֿראַנצאָוויטש ברוט, דער שאַכטע־באַלעבאָס, הערט טאַקע ניקאַנאָרן זייער אויפֿמערקזאַם. והראיה: עס יאָגן באַלד אַן קאָזאַקן און נעמען אים, ניקאַנאָרן, ממיתן.

אַלעקסאַנדער אָוודייענקאָ וואַקסט דערוויל. אין שולע גייט ער ניט — ניטאָ מיט וואָס צו צאָלן. און אַליין איז ער פֿאַרשמוציקט, באַקרעציקט. מענטשן, אַז זיי דערזעען אים, דערשרעקן זיי זיך. ער שלעפּט אַלץ זעק מיט זשאַווער־אייזן. עס העלפֿן אים זיינע שוועסטערלאַך, זיין ברודערל. דעם הונגער אָבער קען די דאָזיקע אַרבעטער־משפּחה ניט בייקומען. ניקאַנאָר, דער זיידע, גנבעט אָפּט אינדערהיים געלט — פֿאַרשיכורט עס. אַסטאַפּ, אַלעקסאַנדערס טאַטן, האָט גענומען אַרויסהעלפֿן דער עלטערער זון — קאָזמאַ. איז אויך מיט אים געשען אַן אומגליק: ער האָט אין אייזן־הוטע אָנגעוואָרן אַ האַנט. האָט לסוף גענומען אַרבעטן אַלעקסאַנדערס עלטערע שוועסטער — וואַריאַ. האָט מען זי פֿאַרפֿירט און זי ווערט אַ פּראָסטי־טוטקע.

די ליידן פֿון דער דאָזיקער אַרבעטער־פֿאַמיליע זענען נאָך אָבער ניט פֿאַר־פֿולט. אַסטאַפּ, אַלעקסאַנדערס טאַטע, ווערט אַז ביי דער אַרבעט אַן אויג. זאָגט מען אים אָפּ, אַן קאָמפּענסאַציע. וויל ער איינמאָל, אין אַ צושטאַנד פֿון יאוש, נקמה־נעמען פֿון זיין הויפּט־מייסטער — דערשיסט אים יענער אויף טויט.

לסוף נעמט זיך צום ביטערן טראָפּן אוודייענקאָס מאַמע. זי שיכורט צוזאַמען מיטן אַלטן משוגענעם ניקאַנאָר, און זיי שטאַרבן ביידע. איצט בלייבן בלויז: אוודייענקאָ, זיין ברודערל מיטקע און זיין שוועסטערל ניורקע. וווינען זיי זאַלבאַדריט אין דער פינצטערער שטוב, וואָס עס האָט אויפגעבויט דער פאַרשטאָרבענער זיידע. און זיי הונגערן דאָ. און זיי פרוּוון זיך שיצן פון קעלט, שלאָפנדיק אין אויוון. אָבער אויך אין אויוון קענען זיי זיך ניט דערוואַרעמען, און צוויי פון זיי, מיטקע און ניורקע, ווערן פאַרפרוירן אויף טויט.

בלייבט בלויז אַלעקסאַנדער. ערגעץ לעבט נאָך קאָזמאַ, זיין עלטערער ברודער, וועלכער האָט אין דער אייזן־הוטע אָנגעוואָרן אַ האַנט. ווען עס ברעכט אָבער אויס די רעוואָלוציע, קומט אום אויך ער.

און די רעוואָלוציע צעפלאַקערט זיך. סאָבאַטשייעווקע — די פינצטערע, די שמוציקע, די הונגעריקע, די שיכורע, — וואַכט אויף, לאָזט זיך אַוועק נקמה־נעמען פאַר איר באַרויבטן, געשענדעטן לעבן. און איינער פון די העלדן אין בונד, דער שאַכטיאָר האַרבוז, אַ לאַנגיאָריקער רעוואָלוציאָנער לאָזט הערן אַזעלכע פלאַמיקע רייד:

„שטעל זיך אַוועק אויף דעם הויכן ברעג פון די פוילע רינשטאָקן, גיב אַ געשריי אויף גאַנץ סאָבאַטשייעווקע, פון איין עק ביזן אַנדערן. זאָל מען דיך הערן. רוף צונויף אַלע אירע איינוווינער. זאָלן אַרויסגיין די שטאַרקע קוילנהאַקער און די צעקאַליעטשעטע שאַכטיאָרן, די בעטלער און גנבים, די פּראָסטיטוטקעס און אַרבעטאַרינס, די מעטאַליסטן און טעסלער. הויך הייב אויף דיין שווערע, פאַרמאָזאָליעטע האַנט, שטרעק זי אויס צו דער שאַכטע, צו דעם בעלגישן זאַוואָד, צו די העל־בלויע קוואַרטאַלן פון די פראַנצויזישע אַקציאָנערן און זאָג הויך אויף אַ קול, שטרענג און האַרב: דאָס האָבן זיי משוגע געמאַכט מיין טאַטן, געמאַכט אים פאַר אַ חיה, אַ גנב, אַ שיכור. זיי האָבן דערהאַרגעט מיין מוטער, מיין ווייב, צוגענומען ביי מיר מיין זון, געמאַכט מיין טאָכטער פאַר אַ גאַסנפרוי. און מיט אייך וועלן זיי אויך דאָס זעלבע טאָן. מיר ווילן אָבער לעבן. וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי צוצורויבן ביי אונז דאָס לעבן? לאָמיר אויפשטיין, חברים!".

אין יענע שטורעמדיקע טעג קוקט זיך אויפן עלף יאָריקן, קיילאַכדיקן יתום אוודייענקאָ קיינער ניט אום. וואַלגערט ער זיך אַרום, הונגערט, פרירט. חברט זיך לסוף צונויף מיט איינעם אַ „געפליגלטן" און מיט אַ צווייטן, וועמען מע רופט „די לבנה" — הפקר־קינדער, גנבימלאַך. און ער ווערט איינער פון זיי.

און אָט וואַנדערט ער מיט אַ כאַפּטע פאַרוואָרלאָזטע קינדער איבערן לאַנד. אָט איז ער אין ווייטן טאַשקענט. אָט — אין אָרענבורג. ביז מע כאַפּט אים און מע גיט אים אַריין אין אַ קינדערהיים. ער אַנטלויפט אָבער. קריגט זיך אַריין אין אַ רויטאַרמייישן פּאַנצערצוג. און ער וואָלט דאָ, אפשר, צווישן די קעמפנדיקע רויטאַרמייער, געפונען אַ „מקום מנוחה". ווערט אָבער דער פּאַנצערצוג אויפגעריסן און ער, אוודייענקאָ, ווערט קוים ניצול.

ער איז באַנייס אין אַ קינדערהיים. פילט זיך דאָ, ווי אין אַ תפיסה. בענקט

נאָך זיינע חברימלאַך — די גנבימלאַך, די אַפּיום־רויכערער, די קאָקאַין־שמעקער. ער געוויינט זיך אָבער צוביסלאַך צו צום נייעם אָרט, נעמט זיך אויסמענטשלען, ווערט דאָ, אין דער „קאָמונע פון געוועזענע פּאַרוואָרלאָזטע", אַ וויכטיקער מיטגליד. און אָט איז שוין דער בירגערקריג פאַרענדיקט. דאָס חרובע לאַנד נעמט זיך אויפבויען. און צום ערשטן מאָל אין זיין פינצטערן, שמוציקן, הונגעריקן לעבן דערפילט אוודייענקאָ ליבע. ליבע צו די חברים און אויפזעער פון קינדערהיים. ליבע צום לאַנד און צום שעפערישן אַרבעטער־קלאַס ער, אוודייענקאָ, דער געוועזענער גנבל, דער זון און אייניקל פון פינצטערע פאַרשקלאַפטע אַרבעטער, — ווערט באַוווסטזיניק. דאָס נייע, סאָוועטישע לעבן גיט אים אַלע מעגלאַכקייטן זיך צו אַנטוויקלען. לערנט ער זיך, ווערט אַן אויסגעצייכנטער לאָקאָמאָטיוו־מאַשיניסט. און מע שיקט אים אויף אוראַל, אין דער נייער סאָוועטישער שטאָט מאַגניטאָגאָרסק. און ער ווערט אַ מאַגניטאָגאָרסקער העלד. און ער באַקענט זיך דאָ מיט איינס אַ מיידל — אויך אַן אַרבעטערין. און זיי האָבן חתונה. און אָט דאַרף קומען אַ קינד. אוודייענקאָ איז גליקלאַך. און דעם־אַ גרויסן גליק האָט ער צו פאַרדאַנקען די רעוואָלוציע און דעם אַרבעטער־קלאַס, וועמען ער ליבט איצט מיט אַ גרויסער פלאַמיקער ליבע.

1935

ניקאָלאַי אָסטראָווסקים „ווי שטאָל האָט זיך פאַרהאַרטעוועט"

„מלוכה-פאַרלאַג", מינסק, 1937.

פיל באַרימטע קינסטלער און דענקער האָבן אין זייער פּערזענלאַך לעבן גע־האַט אויסצושטיין געוואַלדיקע ליידן. האָנט-ביי-האָנט מיטן גליק פון זייער שאַפן איז אָפט געגאַנגען אומגליק פון גופישער צעבראָכנקייט, פון פיזישע יסורים.

עס איז באַקאַנט דער גורל פון אזעלכע וועלט-גייסטער, ווי מילטאָן, בעטהאָווען, דאָסטאָיעווסקי, היינע, שפּינאָזע און פיל אַנדערע. מילטאָן, דער גרויסער ענגלישער פּאָעט און דענקער, איז געווען אַ בלינדער. בעטהאָווען, דער דייטשישער געניאַלער מוזיקער, איז געווען אַ טויבער. דער רום דאָסטאָיעווסקי, איינער פון די טיפסטע וועלט-קינסטלער, איז געווען אַן עפּילעפּטיקער. פון די צוויי יידן הענריך היינע און ברוך שפּינאָזע, איז דער ערשטער, היינע, אַפּגעלעגן די לעצטע אַכט יאָר פון זיין לעבן אַ פּאַראַליזירטער; און דער צווייטער, שפּינאָזע, איז געווען אַ שווינדזיכטיקער. די דאָזיקע אַלע וועלט-גייסטער, און פיל אַנדערע, איז יאָרנלאַנג אויסגעקומען צו קעמפן קעגן אייגענעם גרויזאַמען גורל, און בלויז אַ דאַנק זייער געוואַלטיקן גייסט און אומגעהייערער עקשנות, האָבן זיי זיך מיטן פינצטערן מזל זייערן ווי עס איז „אויסגעגלייכט".

איצט איז צו די דאָזיקע, אויסגערעכנטע און ניט אויסגערעכנטע קינסטלער און דענקער, וועמענס פּערזענלאַך לעבן איז געווען איין קנויל יסורים, צוגעקומען נאָך איינער: אַ יונגער סאָוועטישער פּראָזע-שרייבער, וועמענס פּערזענלאַך לעבן איז נאָך, אפשר, שרעקלאַכער פון די לעבנס פון די אויבן דערמאָנטע. דער דאָזיקער, ביז גאָר טאַלענטירטער שריפטשטעלער איז ניקאָלאַי אָסטראָווסקי — אַ געבאָרענער אינעם סאָוועטישן גרענעץ-שטעטל שעפּעטאָווקע.

אָסטראָווסקי איז אַ קינד צו אָרעמע עלטערן. נאָך גאָר יונג נעמט ער שוין אַנטייל אין די קאַמפן פון דער אָקטיאַבער-רעוואָלוציע. שלאָגט זיך אויף פאַרשיי־דענע פראָנטן. ווייזט אַרויס גרויסע העלדישקייטן. צעפּטערט אָבער דאָס געזונט. און צו פיר און צוואַנציק יאָר ווערט ער אַן אינוואַליד: פּאַראַליזירט און בלינד.

און ערשט איצט, אין אַזאַ מין שרעקלאַכן מצב, נעמט זיך אָסטראָווסקי צו דער פּען. און — וואונדער איבער וואונדער: ליגנדיק אין בעט, אַ בלינדער, אַ פּאַ־ראַליזירטער, שרייבט ער אַן אַ גרויסן, צוויי בענדיקן ראָמאַן — „ווי שטאָל האָט זיך פאַרהאַרטעוועט". און דער דאָזיקער ראָמאַן מאַכט אים באַרימט — ניט בלויז אין סאָוועטנלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. און אָסטראָווסקי ווערט באַשאַנקען (ניט בלויז פאַרן ראָמאַן זיינעם, נאָר אויך פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט) מיט דער העכסטער סאָוועטישער באַלוינונג — מיטן לעניין-אָרדער.

אינעם ראָמאַן „ווי שטאָל האָט זיך פאַרהאַרטעוועט" ווערט קראַפטפול גע־

שילדערט דאָס לעבן אין רוסלאַנד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. אין צענטער פונעם ווערק שטייט איינער אַ פּאַוועל קאָרטשאַגין (דער מחבר זעלבסט): און זיין לעבן, דער עיקר, ווערט עס אין דאָזיקן ווערק געשילדערט.

פּאַוועל קאָרטשאַגין איז אַ קינד צו אָרעמע עלטערן. דער טאַטע זיינער איז פרי אַוועקגעשטאָרבן און די מאַמע, כדי שפּייזן און דערציען אירע צוויי קינדער, אַרטיאָמען — דעם עלטערן און פּאַוולען — דעם יינגערן, — האָט געמוזט שווער האָרעווען. ניט געקוקט אָבער אויף איר שווערער האָרעוואַניע, האָט זי זייער קנאַפּ פּאַרדינט, און די צוויי, נאָך גאָר יונגע זין אירע האָבן זי געמוזט אַרויסהעלפן. האָט אַרטיאָם געאַרבעט אין אַ דעפּאָ און פּאַוועל — אין אַ געשיר־שטוב.

פּאַוועל אָבער איז פון קליינוויז אַן אַ קעמפער. נאָך אין שולע שטעלט ער זיך איינמאָל אַקעגן איינעם פון זיינע לערער — אַקעגן דעם פּאָפּ וואַסילי, וועלכער שלאָגט אכזריותדיק די תלמידים זיינע און אויך פּאַוולען. האָסט פּאַוועל דעם דאָזיקן חיהשן „פּעדאַגאָג" און ער טוט אים איינמאָל אָפּ אַ שפּיצל: שיט אַריין צו אים אין אַ גלאָז טיי אַ הויפן מאַכאָרקע. טרייבט מען אים אַרויס פון שולע. נעמט ער, פּאַוועל, אַרבעטן אין געשיר־שטוב.

אָבער אויך דאָ קומט אים אויס אויסצושטיין פיזישע און גייסט־קע ענויים. ער ליידט פון די עלטערע אַרבעטער, וועלכע באַציען זיך ניט־מענטשלאָך צו די יינגערע אַרבעטער. ער איז אויך אַן עדות פון אַנדערע מיאוסע זאַכן. די פרויען, וועלכע דינען דאָ, ווערן פאַרפירט פון זייערע מיטאַרבעטער. און די עקספּלואַטאַציע איז דאָ גרויס. און אויך ער, פּאַוועל, ווערט מוראדיק עקספּלואַטירט, ווי אויך געשלאָגן. — פאַרלאָזט ער לסוף די דאָזיקע שטעלע.

ער קומט אַן אין דעפּאָ, וווּ עס אַרבעט זיין עלטערער ברודער. ער איז דאָ אַ קעסל־הייצער. עס איז אַ קאַטאָרזשנע אַרבעט. פּאַוועל אָבער איז צופרידן. די אַרבעטער דאָ זענען ערלאָכע, באַוווסטזיניקע. און ער, פּאַוועל, — אַ יינגל, וואָס האָט ליב צו דענקען און צו זוכן דעם אמת, — נעמט זיך דאָ ווי געהעריק אַנטוויקלען.

אָט דאָס אַלץ געשעט מיט פּאַוולען אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איבער רוסלאַנד געוועלטיקט נאָך דער צאַר, ווען דער רייכער קלאַס לעבט אין ווױלטאָג און די אָרעמע מאַסן גייען אויס פון הונגער. אָט אָבער קומט די רעוואָלוציע. דאָס לאַנד צעברויזט זיך. און אויך שעפּעטאָווקע, פּאַוועלס היים־שטעטל, ווערט אויפגערודערט. און אויך ער, פּאַוועל. די רעוואָלוציע ווייזט אים אַ פרייעם וועג. — שפּאַנט ער מוטיק אַוועק מיטן דאָזיקן וועג.

דאָס לאַנד שטורעמט. עס פלאַקערט שוין דער בירגערקריג. אוקראַינע איז באַהערשט פון די העטמאַנצעס. נאָכדעם קומט דער דייטשישער אָקופּאַנט. עס הייבן זיך אָן רעקוויזיציעס, הריגות. פּאַוועל וואַקסט דערווייל, ווערט באַוווסטזיניקער. די נויט האָט אים — סיי פיזיש, סיי גייסטיק, — פאַרהאַרטעוועט. ער איז אַ געזונט, קרעפטיק בחורל, פול מיט ענערגיע מיט קאַמף־גרייטקייט. ער איז אויך אַ שטאַרק אַנגעלייענטער און אַ ביז גאָר פאַרשטענדלאַכער.

און שוין איצט, צו פופצן יאָר, נעמט פּאַוועל אַרויסווייזן העלדישקייט. און אַט נעמט ער אָנטייל אין אַ קאַמף קעגן דעם דייטשישן אכזריותדיקן רעזשים, און דערביי ראַטעוועט ער אָפּ פון טויט עטלאַכע אַרבעטער. לסוף פאַרלאָזן די דייטשן אוקראַינע. עס נעמט דאָ הערשן פּעטליורע. עס נעמט זיך גיסן יידיש בלוט. און דער מחבר שילדערט איינעם אַ דריי טאָגיקן פּאָגראָם אין זיין היימשטעטל שעפּעטאָווקע. דערביי דערציילט ער פון גרויסע העלדישקייטן, וואָס יידן און ניט־יידן האָבן אין קאַמף אַקעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, אַרויסגעוויזן. — לייענט איר די דאָזיקע בלעטער און איר ווערט דורכגעדרונגען מיטן מחברס האַס צו די פּעטליורישע צווייפיסיקע חיות. אָסטראָווסקי מאָלט דאָ טיפן פון אַטאַמאַנעס, בילדער פון זייער צעיושעטקייט; און ער וועקט אינעם לייענער אַ פלאַמיקע שנאה צו די אַלערלייקע רוצחים, וועלכע האָבן אין יענע יאָרן פאַרפלייצט אוקראַינע.

לסוף באַווייזן זיך אין שטעטל די „רויטע". פּאַוועל ווערט אַ רויטאַרמייער. קעמפט קעגן די „ווייסע", קעגן די פּאָליאַקן. ער איז אַ בודיאָנאָוועץ. מאַרשירט קיין וואַרשע. ווערט עטלאַכע מאָל פאַרוווּנדעט. ווערט אַן אין שלאַכט אַן אויג. קרענקט אויף טיפוס. היילט זיך אויס און — ווידער אויפן פראָנט.

אינצווישן פירט ער אַ ליבע מיט איינס אַ מיידל פון פאַרמעגלאַכע עלטערן. צוערשט קוקט ער אויפן מיידל מיט אומצוטרוי, אַפילו מיט שנאה. ער האַסט די וועלט פון די רייכע. ווען דאָס מיידל אָבער, טאָניע, ווייזט צו אים אַרויס אמתע פריינטשאַפט — שיצט אים איינמאָל פון שונאים, העלפט אים ראַטעווען זיינע חברים, — ווערט ער צו איר צוגעלאָזן. די רעוואָלוציע אָבער רייסט אים אָפּ פון איר. איצט איז ניט קיין צייט פאַר פערזענלאַך גליק. צעגייען זיי זיך. זיי זאָגן זיך אָבער צו ניט צו פאַרגעסן איינס ס'אַנדערע און פּאַוועל וואָלט געהאַלטן וואָרט. האָט אָבער טאָניע קיין וואָרט ניט געהאַלטן.

און דער בלוטיקער בירגערקריג ציט זיך אַליץ. און אַט שלאָגט זיך שוין פּאַוועל ביי פּערעקאָפּ. און לסוף, ווען אַלע סאָוועטישע שונאים ווערן פאַרטריבן, וואַרפט ער זיך אַריין אין דער ריזיקער אויפבוי־אַרבעט. דאָס לאַנד ליגט אַ חרובֿע, איז פאַראַן וואָס צו טאָן. זעען מיר איצט פּאַוולען אין קיעוו. ער אַרבעט דאָ אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס. און אַט שיקט מען אים — ווינטערצייט, אין גרויסע פרעסט, — אין אַ וואַלד — צוצוגרייטן הייצונג פאַר דער פרירנדיקער שטאָט. אַרבעט ער — מיט הונדערטער אַנדערע באָלשעוויקעס — ביי דער האָלץ־פאַרגרייטונג און — פירט אָפּ ביידע פיס. ער פאַרלאָזט אָבער ניט דעם פּאָסטן — איז ממשיך די אחריותדיקע אַרבעט. ביז ער ווערט קראַנק אויף בויך־טיפוס און לונגען־אָנצינדונג.

ער היילט זיך אויס, פאָרט אַהיים אויף אורלויב. און די מאַמע נעמט אים אויף ביז גאָר פריידיק. הגם זי האָט צו אים טענות: „איך זע דיך בלויז ווען דו קאַליעטשעסט דיך!". דאָך לאָזט זי אים צוריקפאָרן. ווייל זי פאַרשטייט, די מאַמע, זיין ניי לעבן, וואָס איז אויך איר לעבן.

און אַט אַרבעט ער באַניים. און איצט איז שוין אַן אַנדער צייט — „נעפּ" צייט. און עס פאָדערן זיך אַנדערע קאַמף־מעטאָדן, אַן אַנדער צוגאַנג צום אַרומיקן

לעבן. טוט ער, פּאַוועל, פאַרשיידנס — אין פאַרשיידענע ערטער. וואָס ווייטער אָבער דערפילט ער זיך אַלץ מער מיד און קראַנק. עס צעשפּילן זיך אין אים אַלע זיינע ווונדן, וואָס ער האָט אַריינגעקראָגן בעתן בירגערקריג. און ער פילט, פּאַוועל, אַז לאַנג וועט ער ניט קענען ציען.

נעמט ער זיך ערנסט היילן. מאַכט דורך עטלאַכע שווערע אָפּעראַציעס. זיין געזונט אָבער ווערט ערגער. און איינער אַ באַרימטער דאָקטער מעלדעט אים לסוף, אַז עס לויערט אויף אים אַ גרויסע טראַגעדיע.

און די טראַגעדיע דערנענטערט זיך. פּאַוועל געפינט זיך אין קרים. ער היילט זיך דאָ אין פאַרשיידענע סאַנאַטאָריומס. ער איז נאָך אויף די פיס. ער גייט נאָך אַרום. ער ווייס אָבער, פּאַוועל, אַז די „באַוועגלאַכע" טעג זיינע זענען געציילטע. איילט ער זיך וואָס מער אַריינכאַפּן. איילט ער זיך לעבן. — „דאָס סאַמע טייער־סטע פאַרן מענטשן — דאָס איז דאָס לעבן". באַקענט ער זיך דאָ מיט איינער אַ משפּחה — קיוצאַם, — ווייטע קרובים זיינע. איז דאָ פאַראַן איינס אַ מיידל — טאַיע. ווערט זי פּאַוועלן נאָענט, און איז אַפילו מסכים — ניט געקוקט, וואָס אים שטייט פאָר, — צו ווערן זיין פרוי. לוינט דאָך שוין אודאי צו לעבן. מיט וואָס אָבער וועט פּאַוועל אויספילן זיין דאַזיקן ווייטערדיקן לעבן? אָט איז ער שוין אַרום פון דער ריי. אָט ליגט ער שוין אַ פאַראַליזירטער אויף ביידע פיס און אויף אַ האַנט. דערצו — אַ בלינדער. אַ לעבעדיקער מת. איז מיט וואָס קען ער, פּאַוועל, אויס־פילן אַזאַ מין „לעבן"? איז, אפשר, בעסער זיך אַריינצוויאַגן אַ קויל אין האַרצן? — „ווער וועט פאַראורטיילן אַ קעמפער, וואָס וויל ניט גוססן?" — אָט אַזעלכע טרויע־ריקע מחשבות פאַרנעמען אַ לענגערע צייט פּאַוועלס מוח, מאַטערן אים, לאָזן אים ניט צורו.

פּאַוועל קאָרטשאַגין אָבער איז געקנאָטן פון אַן אַנדער טייג. ער פאַרמאָגט אַ שטאָלענעם גייסט. עס וואַרטן נאָך אויף אים ווונדערלאַכע יאָרן. און — מע דאַרף זיך שטאַרקן מע דאַרף קעמפן. „זיי פייק צו לעבן אויך דאַן, ווען דאָס לעבן ווערט אומדערטרעגלאַך". איז — אויב ער קען מער ניט זיין נוצלאַך מיט אַרבעט, וועלכע פאָדערט געזונטע הענט און פיס און זעעוודיקע אויגן, וועט ער זיך נעמען צו אַזאַ מין „אַרבעט", וואָס מע קען זי טאָן אין בעט — ליגנדיק פאַראַליזירט און בלינד. די דאַזיקע אַרבעט איז ניט קיין געוויינלאַכע. פּאַוועל אָבער פילט דעם נויטיקן כוח צו איר. און — ער וואַרפט זיך אַרויף אויף דער־אַ ניט־געוויינלאַכער „אַרבעט".

ער שרייבט — מיט אַן איבערמענטשלאַכער אַנשטרענגונג — פינף יאָר נאָכאַנאַנד. וועט עפּעס אַרויסקומען פון דעם, איז ער געראַטעוועט, איז ער באַניים פאַר־בונדן מיטן היימלאַנד, מיטן סאָוועטישן ברוייזיקן לעבן. אויב אָבער ניט, איז אַלץ געענדיקט. און אָט אַזוי ווערט געשאַפן דאָס אינטערעסאַנטע ווערק „ווי שטאָל האָט זיך פאַרהאַרטעוועט" און דער מחבר, אָסטראָווסקי, ווערט אַנערקענט און — באַ־רימט. און — ער קומט „צוריק צום לעבן".

1938

„דער וועג אויף קיעוו"

א ראמאן פון סעמען סקלארענקא, פון אוקראיניש — א. קאהאן,
„מלוכה־פארלאג", קיעוו, 1940.

וועגן דער רויטער ארמיי, וועלכע קעמפט אזוי העראיש קעגן דעם ערגסטן שונא פון דער גארער מענטשהייט, איז שוין פיל געשריבן געווארן. פאראנען שוין א גרויסע צאל ווערק, וועלכע שילדערן די שטארקייט **פון דער־א מערקווירדיקער** ארמיי. און אט האבן מיר נאך א ווערק — **א ביז גאר וויכטיקס: א ראמאן, ווו עס** ווערט ברייט און טיף געמאלן דער רוסישער בירגער־קריג און די ראל, וואס די רויטע ארמיי האט אין דאזיקן בלוטיקן קריג געשפילט. דער ראמאן רופט זיך „דער וועג אויף קיעוו" און דער מחבר זיינער איז סעמען סקלארענקא.

אין דאזיקן ראמאן שילדערט סקלארענקא די יארן 1918־1919. אוקראינע האט דאן דורכגעמאכט א ביז גאר שטורמישע צייט. צוערשט האבן דא אכזריותדיק געוועלטיקט די דייטשן. נאכדעם האבן דא געגומען בושעווען פארשיידענע אטאמאנעס, בראש מיט פעטליורען. און בלוט האט זיך געגאסן — ווי וואסער. און חורבן האט זיך געשפרייט ארום־און־ארום. די רויטע ארמיי אבער איז שוין דאן געווען גוט ארגאניזירט. נעמט זי אנגרייפן אויפן פעטליורישן קיעוו. שילדערט סקלארענקא ביז גאר קינסטלעריש דעם זיגרייכן מארש פון דער דאזיקער ארמיי. ווערט דער דאזיקער מארש אנגעפירט פונעם לעגענדארן מיקאלא שטשארס, וועלכער איז, ווי טשאפייעוו, ווי אנדערע בארימטע רויטארמייישע העלדן, אריין אויף אייביק אין דער סאוועטישער געשיכטע.

כדי קינסטלעריש — און ממילא ווארהאפטיק — אויפצולעבן יענע גארע צעשטורעמטע צייט, וויקלט דער מחבר פאנאנדער א גראנדיעזן בילד. ער שילדערט דעם גארן כאאס פון יענע טעג. ער גיט דאס לעבן אין די אוקראינישע שטעט, דערפער. ער שילדערט „רויטע", „ווייסע", רייך, ארעם, ניט־ייד, ייד. און לסוף שטעלט ער אוועק צוויי, שארף זיך באקעמפנדיקע וועלטן. און דורך די־א כל המיני **בילדער,** סצענעס, עפיזאדן, געשעעענישן ווערט קלארער דער זין — און דער זיג — פון דער רויטער ארמיי.

אין קיעוו, אין ארומיקן געגנט הערשן באנדעס, קאנטר־רעוואלוציאנערן, יידן־פרעסער. עס קומען פאר צעשיסונגען, פארגוואלדיקונגען. עס האבן זיך דא פאראייניקט מאנארכיסטן, ליבעראלן, סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, פארשיידענע אונטערוועלט־טיפן . . . אט קעגן דעם דאזיקן גארן ערב־רב, וואס פלייצט מיט טויט און מיט חורבן, גייען עס שטשארס, באזשענקא און זייערע באגונער און טאראשטשאנער פאלקן. כאפן זיך אריין אין פאלק, וואס ווערט אנגעפירט פון שטשארסן, שונאים, שפיאנען, פראוואקאטארן. זיי פרווון דא אויפהייבן א בונט, הארגענען שטשארסן,

איבערנעמען די מאַכט. גיט זיך אָבער דער בונט ניט איין, די שונאים מוזן זיך אָפּטראָגן און דער פֿאָלק רוקט זיך אַלץ נעענטער צו קיעוו.

די שונאים אָבער שווייגן ניט. זיי אָרגאַניזירן באַנדעס, טעראָריזירן די ארומיקע שטעטלאַך, דערפֿער. מע קוילעט יידן, ניט־יידן. אַט רייסן זיך אריין אַ כאַפּטע באַנדיטן, וועלכע גיבן זיך אַן פאַר „רויטע", אין איינעם אַ דאָרף. די באַ־פעלקערונג, די מערסטע, אָרעמע פּויערים, פאַרגלויבטע אין דער רן־טער אַרמיי, באַ־געגנט זיי מיט ברויט און זאַלץ. די באַנדיטן אָבער — די כלומרשט „רויטע" — מאַכן דאָ אַן אַ חורבן. ווערט אין דאָרף אַ סומאַטאָכע. אַנטלויפן פיל פון דאַנען ווו די אויגן טראָגן. אַנטלויפט אויך איינער אַן אַלטער באַלעגוף — דזשערדיאַהאַ.

אַט דער דאַזיקער דזשערדיאַהאַ איז דער „בעסטער" מוסטער פונעם רוסישן אַמאָליקן, ביז גאָר פינצטערן פּויערטום. ער איז געוואַקסן אין אַ חיהשער וועלט און אַ חיה איז ער שוין פאַרבליבן. צוליב דער שרעק זיינער פאַר די „רויטע" באַנדיטן, וועלכע האָבן צערויבט זיין באַלעגופיש האָב און גוטס, אַנטלויפט ער צו די פּעטליו־רישע היילות. און טיף קינסטלעריש שילדערט דער מחבר דעם דאַזיקן אַלטן באַלע־גוף. ער טוט אים אויס פאַר אונז נאַקעט, באַווייזט אונז זיין מאַכיק באַוואַקסענע נשמה . . . און אַן אימה כאַפּט אונז אַרום פון אַלע גרויל־טאַטן, אין וועלכע די דאַזיקע פינצטערע בריה נעמט אַנטייל.

און עס ציען זיך הפקרדיקע טעג. די פּעטליוראַוווצעס ראַבעווען, שלאָגן, קוי־לענען. אַט געשעט אויפן וועג קיין קיעוו אַ שוידערלעכע זאַך. צוזאַמען מיט אַ קליין שוועסטערל, סאַניעטשקע, פאַרט אהיים, קיין קיעוו, איינער אַ יידישער בחור. ווערן זיי באַפאַלן פון די פּעטליוראַוווצעס. ווערט דער בחור געטויט און דאָס שוועס־טערל, סאַניעטשקע, בלייבט צופעליק לעבן. ליגט זי אַזוי אינמיטן וועג, לעבן איר טויטן ברודער. יאָגן אַן די „רויטע" געפינען זי און נעמען זי מיט קיין קיעוו, צו איר מאַמען. אַט די־אַ סצענע, וויאַזוי סאַניעטשקע, דאָס יידישע מיידעלע, ווערט „דאָס קינד פון פאָלק", איז, אפשר, די שטאַרקסטע אין גאַרן בוך.

דערווייל ווערן די געשעענישן פיבערדיקער, דינאַמישער. און ניט ווייט פון קיעוו ברעכט אויס אַ גרויסע שלאַכט. און אין דעם־אַ געראַנגל — צווישן די „רויטע" און די פּעטליוראַוווצעס — באַגעגענען זיך טאַטע און זון — דער אַלטער באַלעגופי־שער דזשערדיאַהאַ, דער באַנדיט, דער פּעטליוראַוועץ און זיינער אַ זון, דעניס, — אַ רויטאַרמייער . . . און דער קאַמף ברויזט. און די „רויטע" זיגן לסוף. די רייען זייערע זענען מער דיסציפּלינירט. יעדער איינער פון זיי איז מער באַוווסטזיניק. יעדער איינער פון זיי שלאָגט זיך פאַר אַ גרויסן, טיף מענטשישן אידעאַל . . . און שטשאָרס, בראש פון זיינע זיגערישע חיילות, מאַרשירט אריין אין קיעוו. און ער ברענגט מיט זיך דאָס קליינע יידישע מיידעלע — סאַניעטשקען. ער ברענגט זי, אַ געראַטעוועטע, אהיים, צו דער מאַמען.

— „איז אַט זענען מיר אין קיעוו" — רופט דאָ אויס שטשאָרס. — און אונזער סאַניע האָט אויך געטראָפן אהיים. און מיט די־אַ מערקווירדיקע שורות ענדיקט זיך סקלאַרענקאָס טיף קינסטלערישער ראָמאַן.

1941

העלדן פון אונזער צייט

וועגן י. ליבערינסקי׳ס „די וואך", יידיש — א. קושניראוו, „שול און בוך", מאסקווע, 1925

איז איינעם פון זיינע ביכער דערציילט עפטאן סינקלער וועגן דער פראבלעם פון קונסט, וועלכע האט אים איז די ערשטע יארן פון זיין שאפן שטארק באאומ־רויקט. ער האט גאר אפט געטראכט וועגן דער אויפגאבע פון קונסט: וואס איז דער ציל פון דער קונסט? וועמען דארף די קונסט דינען? איינער א פריינט זיינער, א באוווסטער מאלער, האט אים איינמאל געוויזן א קאלעקציע בילדער — מאלערייען פון זעלטן שיינע מענטשן־פנימער, מענטשן־פיגורן: פון פראכטפולע פייזאזשן; פון וווּנדערלאכע פאלאצן. אויף סינקלערס פראגע, פארוואס דער פריינט זיינער מאלט בלויז דאס שיינע, דאס פריידיקע, דאס זוניקע, — האט אים דער מאלער געענטפערט, אז קונסט דארף דינען בלויז דער שיינקייט, דער אויסדערוויילטקייט", דער „געטלאכקייט".

מיט וויניקע אויסנאמען, האט די גארע ביז איצטיקע קונסט געדינט דער שיינקייט, דער „אויסדערוויילטקייט", דער „געטלאכקייט". מיט די שאטנדיקע זייטן פון לעבן, מיט נויט און ארעמקייט, הונגער און ליידן; מיטן טאג־אויס, טאג־איין פונעם פשוטן פאלקסמענטש, פונעם וואכעדיקן „העלד", — מיט דעם האט זיך די קונסט קנאפ־וואס פארנומען. זי האט געהאלטן איז איין שילדערן און גע־שטאלטיקן דאס „דערהייבענע", דאס „אויסדערוויילטע". אין אוראלטערטום האט די קונסט געשאפן א גאר רייכע געטער־מיטאלאגיע. מצרים, אשור, בבל, גריכנ־לאנד, רוים, — די קונסט פון די־א לענדער און פעלקער איז — געטער־און געטינס־מיטאס. שפעטער־צו ווערן די שטיינערנע און אנדערע מיני געטער פארביטן אויף „געטער" פון פלייש און ביין. די צענטראלע פיגור אין דער קונסט פון ווארט, פון בילד ווערט — דער קיסר, דער פרינץ, דער ריטער. נאכדעם האט מען די קיסרים און די ריטערס גענומען צוביסלאך פארלאזן. און נייע „געטער" קומען אויף: פריץ, באנקיר, פאבריקאנט, סוחר. און ערשט איצט, אין אונזערע צייטן, נעמט זיך די קונסט „אראפלאזן" צום גאר געוויינלאכן בשר ודם, צום פאלקסמענטש, צום קליינ־בירגער, צום פויער, צום ארבעטער.

דער אמאליקער העלד האט זיך געדארפט אויסצייכענען מיט עפעס אויסער־געוויינלאכעס. אדער ער איז געווען א טיראן, וואס האט אפט פארגאסן ס׳בלוט פון די אייגענע קינדער, עלטערן; אדער א דאן זשואן, וואס האט פארפירט צענדליקער ווייבער; אדער אן אוואנטוריסט; אדער א . . . מיליאנער. אינקורצן: א פערזאן, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט עפעס „געטלאכעס", אדער „דעמאנישעס".

איצט האט די קונסט אראפגענידערט פון אירע הויכע פעדעסטאלן, פון די פאלאץ־באלקאנען, פון די זוניקע, רחבותדיקע צימערן. זי איז אראפ אין דער גרויער,

ענגער, שטויביקער הינטערגאס. און די איצטיקע ביכער־העלדן זענען מער ניט קיין אריסטאקראטן, פרינצן, דאן זשואנען. דאס זענען וואכעדיקע „העלדן": קליינבירגער, הארעפאשניקעס, ארבעטסלאזע . . . די קונסט שפיגלט איצט, די מערסט, אפ דאס מאסן־לעבן. דאס דאזיקע איז צו מערקן אפילו אין די בורזשואזע ליטעראטורן; על אחת כמה וכמה — אין דער סאוועטישער ליטעראטור.

— — — איז מיר שוין וועגן די געוויינלאכע העלדן אין דער סאוועטישער ליטעראטור אויסגעקומען צו שרייבן. איך קער זיך אבער אום באניים צו דער־א טעמע — צוליב איינס א סאוועטיש, ביז גאר אינטערעסאנט בוך, וואס איך האב די טעג איבערגעלייענט. דאס בוך רופט זיך „די וואך" און דער מחבר זיינער איז י. ליבעדינסקי.

אין כמות איז י. ליבעדינסקיס „די וואך" א דין ביכל — הונדערט און דרייסיק זייטלאך. אין אכות אבער איז עס א גאנצע וועלט; א וועלט, וואס ברויזט מיט קאמף, מיט פרייד, מיט זון, ווי אויך מיט גרויל, מיט פינצטערניש, מיט טויט. א היפשע העלדן גאלעריע גייט דא פאר אונז פארביי. און די דאזיקע אלע העלדן זענען ביז גאר פשוטע און געוויינלאכע: קוילנגרעבער, פאבריק־ארבעטער, לערער . . .

דער אינהאלט פון בוך איז אזא:

אין איינער א שטאט אויפן אוראל פארפעסטיקט זיך די ראטנמאכט. ארום שטאט אבער בושעווען נאך פארשיידענע באנדעס. און די שטאט גופא איז נאך פול מיט פארבאהאלטענע ראטן־שונאים. געפינען זיך דא די באלשעוויקעס, ווי אויף א ווולקאן. שטייט די טשעקא אויף דער וואך, רייניקט די שעדלאכע עלעמענטן, נוצט אפט גאר שטרענגע שטראף מיטלען . . . די טשעקיסטן אבער — די הויפט־העלדן אין ליבעדינסקיס „די וואך" — זענען ווייט ניט אזעלכע, ווי פיל מענטשן האבן זיך זיי פארגעשטעלט. מען האט די טשעקיסטן אפט פארעכנט פאר שרעקלאך אכזריותדיקע מענטשן. איז עס ניט אמת. ליבעדינסקי דעקט אויף פאר אונז דאס אינערלאכע לעבן פון די־א „שרעקלאכע" מענטשן. און מיר דערזעען גרויסע אידעאליסטן, ערנסט טראכטנדיקע מענטשן, וואס יעדער טויט־אורטייל, וואס זיי שרייבן אונטער און פירן דורך, איז ביי זיי געוויגן און געמאסטן, און עס קאסט זיי ניט ווייניק געזונט. כדי צו פארזיכערן די מאכט מוז מען אבער אפט אנקומען צו „דראסטישע" מיטלען. און זיי באנוצן זיך מיט זיי, ווייל אזוי פאדערט די רעוואלוציע. זיי ליידן אבער דערביי נשמהדיקע יסורים.

און אט זענען זיי, די הויפט־פיגורן ליבעדינסקיס, די „העלדן פון אונזער צייט": דער קליינינקער זימאן; דער האלז־שווינדזיכטיקער ראבייקא; דער טשעקא־פארזיצער קלימין; דער אכצן יאריקער גארניק, דער קאמוניסט־טאלסטאָאווער סוריקאוו; די לערערין ליזע גראטשיעווא; דער פאבריק־ארבעטער אנדרייעוו, דער קוילנגרעבער דאנילאוו. אט זיי און אנדערע — איבערגעבענע באלשעוויקעס, וועלכע זענען זיך מקריב פאר דער רעוואלוציע, — פירן עס אן מיט דער פארנומענער שטאט, פארפעסטיקן דא די ארבעטער־מאכט, נעמען דא איינפירן א ניי לעבן.

באוויזט זיך אבער אין שטאט איינער א באריס רעפין — א באנדע־אנפירער. ער נעמט דא צוגרייטן א קאנטררעוואלוציאנערן אויפשטאנד. און דער אויפ־

שטאַנד ברעכט אויס. די שטאַט ווערט פאַרכאַפּט פון דער באַנדע. און 28 יונגע קאָמוניסטן — פון די בעסטע, פּייקסטע, געטרייסטע, — ווערן גרויזאַם אומגעבראַכט. און קינסטלעריש שטאַרק, אין קורצע, תמציתדיקע זאַצן, אין שפּאַרעוודיקע סצענעס און עפּיזאָדן, שילדערט ליבעדינסקי דעם דאָזיקן באַנדיטן־אויפשטאַנד מיט אַלע זיינע שוידערלאַכע פאַלגן. און מיט יעדן בוד־זייטל ווערן מיר אַלץ טיפער אריינגעפירט אין דער קאַשמאַרנפולער אויפשטאַנד־אַטמאָספערע. און מיר לייענען זיי, די־אָ זייטלאַך, מיט אַ טיפן צער אין געמיט. און יעדעס בילד דאָ, יעדע סצענע פאַרשניידן־פאַרקריצן זיך אין זיכרון אויף לאַנג, אויף לאַנג. און אָט איז, לדוגמא, אַ קורצע שילדערונג פונעם אימהדיקן אומקום פון איינעם פון די יונגע באָלשעוויקעס:

„אין האַלב־טונקל פון שטעלכל, פאַרגראָבן מיטן קאַרק אין פערדישן מיסט, איז געלעגן דער צעקאַטעוועטער קערפּער פון זימאַנען. דאָס אינגעווייט, שטיקער רויט, ווייס און פּיאַלעטעווע פלייש, איבערגעמישט מיט שטיקלאַך הלבשה און פערדישן טינוף, האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, און אינעם צעטרעטענעם אויס־געטרייבערטן מאָגן איז געווען אריינגעשאָטן אַ הויפן קאָרן. אַ צעריסענער זאַק מיט קאָרן איז געלעגן דאַנעבן. שרעקלאַכע ליידן זענען געווען אָנגעשריבן אויף זימאַנס קליינינקן, מאָגערן, שאַרפזיניקן פּנים. איין אויג איז געווען ברייט צעעפנט, און אין צווייטן איז געווען אריינגעקוועטשט אַ צעבראָכן שטיקל גלעזל פון די ברילן״...

1934

ברויט

וועגן א. ניעוויעראָווס „טאַשקענט — די ברויט־שטאָט",
יידיש — ע. פינינבערג, „שול און בוך", מאָסקווע, 1924.

סאָוועטנלאַנד פאַרמאָגט שוין איצט ברויט צו־זאַט. און ניט בלויז ברויט — אַלץ, אין וואָס עס נויטיקט זיך אַ לעבעדיקער מענטש. געוועזן אָבער אַ צייט אין סאָוועטנלאַנד, אין די ערשטע נאָך אָקטיאַבער־יאָרן, ווען ברויט איז געווען אַ הויכער אידעאַל. עס איז קיין ברויט ניט געווען. דאָס לאַנד האָט געהונגערט. רוסלאַנד איז געלעגן אַ פאַרפלייצטע מיט טייכן יסורים. די רעוואָלוציע, וואָס איז „צו שטאַנד" געקומען דורך פייער און דורך בלוט, איז באַגלייט געוואָרן פון שוידערלאַכע פאַגראָמען, פון אימהדיקע עפּידעמיעס און פון אַ ברייטפאַרנעמיקן הונגער, וואָס האָט דערגרייכט זיין קולמינאַציע־פּונקט אין יאָר 1921. אַט דאָס־אַ יאָר איז אויף אייביק אַריין אין דער נייער רוסישער געשיכטע. פון דעם־אַ יאָר דערציילן אַ סך ליטעראַרישע דאָקומענטן. און צווישן זיי — דאָס בוך „טאַשקענט — די ברויט־שטאָט" — אַ רירנד ווערק פונעם סאָוועטישן טאַלאַנטפולן פּראָזע־שרייבער א. ניעוויעראָוו.

אין דאָזיקן ווערק דערציילט זיך פון אַ צוועלפיאָריק ייִנגל, וועלכער האָט, צווישן מיליאָנען אַנדערע, דורכגעמאַכט דעם גרויזאַמען הונגער פון יאָר 1921. דער מחבר האָט, אפנים, אומישנע גענומען אַ ייִנגל פאַרן הויפּט־העלד פון זיין בוך. דורכן דאָזיקן ייִנגל האָט ער, אַפּנים, געוואָלט „אויסשעפּן" דעם גאַנצן טראַגיזם פון יענעם שוידערלאַכן יאָר. דאָסטאָיעווסקי האָט אַמאָל געשריבן, אַז אַ קינדערשע טרער וועגט אַריבער די גרעסטע ליידן אין דער וועלט, און ניעוויעראָוו, דער מחבר פון „טאַשקענט — די ברויט־שטאָט", איז, אַפּנים, מסכים מיט דאָסטאָיעווסקין.

מישקע — אַזוי רופט מען אים, דעם דאָזיקן צוועלפיאָריקן ייִנגל. ער שטאַמט פון אַרום דער וואָלגע, ווו דער הונגער האָט אין יענעם יאָר געבושעוועט אַמשטאַרקסטן. ווערט חרוב „אַ דאַנק" דעם הונגער אויך מישקעס היים־דאָרף — לאָפּאַטין. שטאַרבן דאָ צווישן אַנדערע: מישקעס טאַטע, זיידע, באָבע; דער פעטער מיכאַילע און די מומע מאַרינע. און עס בלייבן: מישקע, זיין מאַמע און צוויי קליינע ברידערלאַך — יאַשקע און פעדקע. אָבער אויך זיי הונגערן. און אַט ליגט שוין די מאַמע אַ מסוכן־קראַנקע, און די ברידערלאַך גייען נאָך ווי עס איז אַרום. און דאָס דאָרף איז אַ בית עולם. אין די גאַסן וואַלגערן זיך הונגער־מתים. און ניטאָ אפילו ווער עס זאָל זיי מקבר זיין. און אַלע דאָרפישע קי, פערד, קעץ, הינט האָט מען שוין אויפגעגעסן. און איצט „עסט" מען שוין גראָז. און די, וואָס לעבן נאָך, איילן זיך אַנט־

לויפן. אין דער ווייטער שטאָט טאַשקענט — אזוי דערציילט מען — איז פאַראַן אַ סך ברויט. מע דאַרף בלויז דערגרייכן אַהין. עס איז אָבער זייער שווער. עס איז געוואַלדיק ווייט פון די פאַרהונגערטע וואָלגע־קאַנטן. און באַנען גייען אַהין זעלטן. — דאַך פאָרט מען. מע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיינזאַך. און אויך דער צוועלפיאָריקער מישקע באַשליסט צו פאָרן קיין טאַשקענט. ער וועט דאָרט אָנזאַמלען אַ סך שטיקער ברויט — ברענגען צו דער הונגער־געשוואָלענער מאַמע, צו די הונ־געריקע ברידערלאַך.

און אַט פאַרלאָזט ער די היים. נעמט מיט מיט זיך — צו פאַרקויפן און קויפן פאַרן געלט ברויט — אַן אַלט קליידל; ווי אויך אַ פּאָר פאַרלאַטעטע זעק, וווהין אַריינצולייגן דאָס ברויט. און אזוי־אַ שפּאַנט ער אַוועק צום וואָקזאַל.

דער וואָקזאַל, פונוואַנען עס גייט אַ באַן קיין טאַשקענט, ליגט זייער ווייט. שפּאַנט מישקע אַ לאַנגן, היים־זומערדיקן טאָג. שפּאַנט איבער נאַקעטע, אויסגע־ברענטע פעלדער. שלעפּט זיך אַ הונגעריקער, אַ טויט־מידער. עס באַגלייט אים אָבער אַ ליכטיקער חלום: די ווייטע ברויט־שטאָט טאַשקענט. ביז ער דערגרייכט דעם וואָקזאַל.

דער וואָקזאַל איז פולגעפּאַקט מיט הונגעריקע. מען איז זיך אַהער צונויפ־געלאָפן פון אַלע אַרומיקע שטעט און דערפער. און אַלע רייסן זיך קיין טאַשקענט — נאָך ברויט. און מע שלאָפט דאָ, אויפן וואָקזאַל. און מע טוט דאָ אַלע מענטש־לאַכע באַדערפעניש. און אַ סך פונעם עולם — הונגעריקע, שמוציקע, קראַנקע, — וואַלגערן זיך שוין דאָ וואָכנלאַנג. און פיל זענען שוין דאָ אויסגעשטאָרבן.

ווערט דאָ מישקע חבר מיט איינעם אַ סעריאָזשקע. אויך סעריאָזשקע פאָרט קיין טאַשקענט. וועט מען פאָרן צוזאַמען. און מע מאַכט דערביי אָפּ: היטן איינס דעם אַנדערן און — טיילן זיך מיט אַלץ. און אַט קומט איינער אַ פרימאָרגן — עס באַוויזט זיך אַ צוג, וואָס גייט קיין טאַשקענט:

„ניט אַ טייך בעת אַ געוויסער האָט אַ ריס־געטאָן, — דאָס שפּאַרט דאָס פאָלק פון אַלע זייטן, פון אַלע עקן. פון די ריוועס איז מען אַרויסגעקראָכן, פון אונטער די וועגנט אַרויסגעדראַפּעט זיך — באָרוועסע, אָפּגעריסענע, פון רעגן דורכ־גענעצטע, פון ווינטן דורכגעבלאָזענע".

טויזנטער מענטשן האָבן אַ שפּאַר־געטאָן צום צוג, צו די וואַגאָנעס; געריסן זיך אינעווייניק; געוואָלט אַרויף אויפן דאַך, אויף די בופערס. ניט אַלעמען אָבער קען דער צוג אַריינעמען. קעמפט מען פאַרביסן פאַר יעדן שטיקל אָרט. ווייל די, וואָס וועלן דאָ בלייבן, וועלן לאַנג מוזן וואַרטן אויף אַ צווייטן צוג און — זיי מעגן זיך ריכטן אויף גרויסענע צרות. באַנעמט מישקע די ביטערע לאַגע. קעמפט ער עקשנותדיק — צוזאַמען מיטן חברל זיינעם — פאַר אַ פּלאַץ אין צוג. און אַז די וואַגאָנעס זענען שוין פול און דער דאַך, די בופערס, — באַזעצט, באַשטעלט און באַלייגט, — בלייבט בלויז דער לאָקאָמאָטיוו. דראַפּעט זיך אַרויף די חברימלאַך

אויפן לאקאמאטיוו און — אוועקגעפארן.

געפארן איז מען זייער לאנג. און גאר אפט האט זיך דער צוג אפגעשטעלט. **דערביי האט געפייניקט דער הונגער. און ביינאכט האט געמאטערט די קעלט.** און אפט האט גערעגנט. מישקע אבער איז מלא שמחה: ער פארט, קיין טאשקענט. ער וועט דארט אנזאמלען א סך ברויט און — ברענגען אהיים, צו דער הונגער־גע־שוואלענער מאמע, צו די הונגעריקע ברידערלאך.

אויף איינער א סטאנציע אבער האט זיך דער צוג אפגעשטעלט. ווייטער פארט ער ניט. מוז מען פארלאזן דעם לאקאמאטיוו. **און אויף דער־א סטאנציע האבן די חברימלאך דערזען אזא מין בילד:**

„**נאקעטע ווייבער, מיט העמדער פארריסענע ביז איבערן בויך**, האריקע, אומ־געוואשענע, האבן געשלעפט לייז פון די העמדער־זוימען, געקנאקט זיי מיט די נעגל, געלייגט אויף הייסע ציגל, געקוקט, ווי, אפגעבריטע, בלאזן זיי זיך. פויערים, מיט צעשפיליעטע פלודערן, האבן אפט געשפיגן אויף די בלאטיקע פארבלוטיקטע נעגל. פאר אלעמען אין די אויגן האט מיטן אויפגעהייבענעם קליידל געבויגן זיך א מויד, וואס ליידט פון „לויפעניש", געקנייטשט זיך פון גרויס קוועטשעניש. ס'איז ניט געווען וווהין צו באהאלטן זיך. פון אונטער די וואגאנעס האט מען געטריבן. נעבן אפטריט, וואס מיט צוויי ביינקלאך, איז געשטאנען א לאנגע ריי — גרעסער, ווי ביים קעסל. די גאנצע לאנקע אויף יענער זייט סטאנציע, אלע ריוולאך און טאלעכ־לאך זענען געווען לחלוטין פארגאסן, פארשמירט, פארדריפעט. די מענטשן זענען אין דעם שמוץ טעמפ געווארן און א מאך געטאן מיט דער האנט אויף אלץ".

אויף די צוויי חברימלאך, מישקע און סעריאזשקע, האט זיך דא קיינער ניט אומגעקוקט. האבן זיי זיך ארומגעדרייט פארוואָרלאזטע און הונגעריקע. האבן זיי געגנישטערט אין די מיסטקאסטנס. האבן זיי צוגעגנבעט א שטיק פארשימלט ברויט פון איינעם א הונגער־גוסס. לסוף ווערט סעריאזשקע קראנק. מע נעמט אים צו אין א דערבייאיקן שפיטאל. און דארטן שטארבט ער. און מישקע בלייבט אליין. ווייט פונדערהיים. ווייט פון דער ברויט־שטאט טאשקענט. הונגערט ער. בעטלט. וויינט אפט. „ווער אבער וועט דערזען א טרער אין אזא בהלה?", אז טויזנטער הונ־גערן דא! אז טויזנטער גייען דא אויס! פייניקט ער זיך, מישקע. און טאמער איז נאך ווייניק — גנבעט מען צו זיין „באגאזש": די פאר זעק און דאס קליידל, וואס ער פירט מיט זיך. לסוף אבער טוט א שיין די זון. איינער א „חבר דוניאיעוו", א מיליציאנער אויף דער־א פארוואָרפענער באן־סטאנציע, קריגט אויף מישקען רחמנות —שטופט אים מיט גרוים מי אריין אין א צוג, וואס גייט קיין טאשקענט. און — מער נאך: ער באזארגט אים נאך מיט עטלאכע שטיקער ברויט. איז מישקע גליק־לאך: ער פארט ווייטער און — א זאטער דערצו.

אינמיטן פארן אבער וויל מען אים ארויסוואַרפן פון וואגאן. איצט אבער איז ער שוין — פון אלע זיינע לעצטע איבערלעבונגען — היפש פארהארטעוועט.

לאזט ער זיך ניט. סטראַשעט ער די מיטפאַרער, וואָס ווילן אים שלעכטס־טאָן, מיטן „חבר דונאַיעוו”, וואָס האָט אים אַהער, אין וואַגאָן, אַריינגעזעצט. דער חבר דונאַיעוו — ליגנט מישקע — איז אַ קאָמיסאַר און זיינער, מישקעס, אַ פעטער. און אויב מע וועט אים, מישקען, אַרויסוואַרפן — וועט מען שלעכט אָפּשניידן. גלויבט מען אים און — מע לאָזט אים צורו.

אויף איינער אַ סטאַנציע אָבער איז ער אַראָפּ „זיך דורכלופטערן” און — דער צוג איז אַוועק אָן אים. דרייט ער זיך באַניים אַרום אַ פאַרלאָרענער און — אַ הונגעריקער. דערזעט ער אַ הונט מיט אַ שטיק ברויט אין פּיסק — נעמט ער זיך נאָך אים נאָכיאָגן. לסוף, נאָך פאַרשיידענע גילגולים, קריגט ער זיך באַניים אַרויף אויף אַ צוג — מיט איינעם אַ נייעם חבר, טראָפים. זיי פאָרן דאָ אויפן דאַך. עס איז ביינאַכט. עס גיסט אַ שלאַקסרעגן. און לעבן זיי ליגט אַ טויטע פויערטע — אַ קרבן פון הונגער. ליגן זיי אַזוי אויפן דאַך, אינדער־פינצטער, אין גוס־רעגן און די צוגישע רעדער קלאַפּן דערביי אויס אַזאַ מין געזאַנג:

וועסט ניט דערפאָרן,
וועסט ניט דערפאָרן,
טויט!
וועסט ניט דערפאָרן,
וועסט ניט דערפאָרן,
טויט!

דער ווילן אָבער צו לעבן איז שטאַרקער פון טויט. קעמפן די צוויי חברימלאַך — ביז גאָר עקשנותדיק — קעגן אומקום:

— „ס'איז קאַלט! — האָט געזאָגט טראָפים, — לאָמיר זיך אַרומנעמען. מישקע האָט צעשפּיליעט דאָס נאַסע רעקל, האָט טראָפים אונטערן הענטעלע אַרומגענומען אים מיט ציטערנדיקע הענט, צוטוליענדיק בויך צו בויך, ברוסט צו ברוסט. פונקט אַזוי שטאַרק האָט מישקע אויך אַרומגענומען דעם חבר, צונויפגעצויגן די ברעגן פון רעקל אויף טראָפימס פּלייצע און אין קאַלטער, שטאָק־פינצטערער נאַכט זענען זיי אַטעמענדיק איינער דעם צווייטן אין פּנים אַריין, ראַטעווענדיק איינער דעם צווייטן פון טויט, געפאָרן אויפן דאַך פון וואַגאָן — אַ קליין, צוויי קעפּיק קנוילעכל, צונויפגעגאָסן אין איין האַרטנאַקיקן ווילן, אין שטרעבן — וואָס ס'זאָל ניט זיין — פאַרהיטן זיך”.

מישקעס ליידן אָבער זענען נאָך ניט פאַרענדיקט. אינמיטן וועג, אין אַ וויסטן סטעפּ, וואַרפט זיי דער צוג אַראָפּ. בלאָנדזשען זיי דאָ, טרעפן לסוף אַ גרופּע הונגעריקע וואַנדערער, וועלכע שפּאַנען צופוס קיין טאַשקענט. שפּאַנען זיי מיט. ביז מע דערשלאָגט זיך צו אַ סטאַנציע און צו אַ צוג. אויף דעם־אַ צוג אָבער כאַפּט זיך אַרויף בלויז טראָפים. מישקען גיט זיך עס ניט איין. בלייבט ער אַליין. שפּאַנט ער ווייטער מיט דער וואַנדערער־גרופּע. האָט ער שוין מער קיין כוח ניט.

בלייבט ער הינטערשטעליק. מיט איינעם אַז אַלטיטשקן. שטאַרבט דער זקן פון הונגער. בלייבט מישקע לחלוטין אַליין. שטויסט ער זיך אַן אויף אַ כאַפּטע הונ־געריקע הינט — ווילן זיי אים צערייסן. דרייט ער זיך ווי עס איז אַרום. דער־גייט צו אַ סטאַנציע און — כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ נייעם צוג, וועלכער ברענגט אים בשלום קיין טאַשקענט.

— — — מיט אַ צייט שפּעטער קומט מישקע צוריק אַהיים — אין דאָרף לאַפּאַטין. ער ברענגט מיט זיך ברויט. זיינע יינגערע צוויי ברידערלאַך אָבער זענען שוין טויט. און בלויז די מאַמע לעבט נאָך.

1935

„קנאה“ פון יורי אליאשא

„ליטעראַרישע בלעטער“, וואַרשע, 1934.

עס וועט, אפשר, קומען אמאל א צייט, ווען געוויסע געפילן אינעם מין מענטש וועלן פארשוואונדן ווערן. א שטייגער: דער געפיל פון קנאה. דער דאזיקער געפיל איז, די מערסט, א פועל־יוצא פון א וועלט, ווו עס הערשט אומגלייכהייט, פון א וועלט פון רייכע און ארעמע, שטארקע און שוואכע, הארן און שקלאפן. אין א מענטש דערוועקט זיך קנאה, זעענדיק, ווי דעם צווייטן מענטש גייט גוט, ווי דער צווייטער האט דערפאלג. און קנאה ברענגט צו אן אנדער געפיל — צו שנאה. און שנאה איז די מאמע פון אנדערע שעדלאכע געפילן, וואס האלטן אין איין פלאגן דעם מין מענטש. אז עס וועלן אבער באזייטיקט ווערן די סיבות פון די־א שעדלאכע געפילן, וועט דער „פייער“ זייערער ווערן שוואכער — ביז ער וועט זיך לחלוטין אויסלעשן.

די דאזיקע „צוקונפט־מוזיק“ געפינט א געהעריקן אפקלאנג אין די הערצער און מוחות פון די סאוועטישע מענטשן. אין סאוועטנלאנד, ווו אלץ ווערט גרינטלאך איבערגעבויט, איבערגעשאפן, אינטערעסירט מען זיך שטארק מיט אזעלכע מיני, ביז גאר אנרעגנדיקע פראבלעמען. די דאזיקע פראבלעמען רעגן דעם סאוועטישן וויסנשאפטלער און — אויך דעם סאוועטישן קינסטלער. — האט טאקע איינער א סאוועטישער טאלאנטפולער פראזע־שרייבער, יורי אליאשא, פארעפנטלאכט א ביז גאר אינטערעסאנטן ראמאן, וועלכער פארנעמט זיך מיט דער פראבלעם פון קנאה. און דער מחבר קומט טאקע אין זיין דאזיקן ראמאן צום אויספיר, אז פארשיידענע „נעגאטיווע“ געפילן אינעם מין מענטש (קנאה, שנאה, עגאאיזם א. א.) וועלן אין דער ווייטער, שיינער צוקונפט פארשווינדן. און אויך די „פאזיטיווע“ געפילן אינעם מין מענטש (ליבע, פריינטשאפט, פאראנטווארטלאכקייט א א.) וועלן אנדערש ווערן, וועלן באקומען א נייעם אינהאלט. אין ראמאן זיינעם אבער איז יורי אליאשא ניט אויסן, דער עיקר, די דאזיקע „צוקונפט־מוזיק“. ער איז דא אויסן עפעס אנדערש. ער איז דא אויסן קינסטלעריש אויסצוגעשטאלטיקן א נייעם סארט קנאה־טרעגער — א סאוועטישן. פון דער סאוועטישער ערד איז נאך דער געפיל פון קנאה ניט פארשוונדן געווארן. דער דאזיקער געפיל האט אין סאוועטנלאנד בלויז געביטן זיין „וווין־ארט“.

אינעם אמאליקן רוסלאנד האט מען געקענט מקנא־זיין און — מער נאך — **פיינט האבן די יעניקע, וואס זענען רייך, וואס פארנעמען דעם אויבנאן, וואס הערשן** און געוועלטיקן. איצט האט זיך די מערכה געביטן. איצט איז מען מקנא אזעל־

כע מענטשן, וואָס מיט פּריוואַטער עשירות, אָדער מיט אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע גליקן קענען זיי זיך ניט באַרימען. דערפאַר אָבער קענען זיי זיך גרויסן מיט אַ נייעם געזונטן לעבנס־אינהאַלט, מיט דער פרייד פון לאַנד־אויפבוי, מיטן אַנטייל אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. נעסטעט אין סאָוועטנלאַנד דער געפיל פון קנאה אינעם געוועזענעם פּריץ, פאַבריקאַנט, סוחר, קרעמער — — — אַט די־אָ „געוועזענע" זענען איצט מקנא דעם אַרבעטער, דעם פּויער, דעם באָלשעוויסטישן טוער, וועלכע בויען אַ ניי לאַנד, וועלכע שאַפן אַ ניי לעבן, וועלכע גייען צו אַ ליכטיקן מאָרגן. און אַזוי אויך נעסטעט דער געפיל פון קנאה אין אַ טייל פאָרשטייער פון דער אַלטער אינטעליגענץ און פונעם קליינבירגערטום, וועלכע האָבן אַנגעוואָרן דעם באָדן אונטער זיך. אויך זיי שיקן קנאה־שנאה־בליקן צו די נייע, סאָוועטישע מענטשן, צו די בויער, טוער און פירער. אַט צווישן די־אָ „געוועזענע" זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן צו די אַנפירנדיקע באָלשעוויקעס געוואַלדיקע „הומאַניסטישע" טענות:

איר, באָלשעוויקעס, מאַכט דאָך אַ סוף צו אַ סך הייליקע מענטש־געפילן! איר צעשטערט די געפילן פון ליבע, מיטלייד א. א. וו. אַ דאַנק די־אָ געפילן האָט דאָס מענטשנטום געהאַלטן אין איין פּראָגרעסירן. די דאָזיקע געפילן זענען די סטימולירער צו קונסט, צו אַלץ, וואָס איז גרויס, געטלאַך. איצט האַלט איר זיי אין איין אָפּטויטן, פאַרניכטן! — — — אַט אַרום אַזעלכע מיני בעלי־קנאה, וואָס שטייען אַנאַזייט פונעם סאָוועטישן ברויזיקן לעבן און בליקן מיט קנאה־שנאה־אויגן צו די נייע, סאָוועטישע מענטשן, בויט אויף יורי אָליאָשא זיין אינטערעסאַנטן, טיף פּסיכאָלאָגישן ראָמאַן „קנאה". און אָט איז, אינקורצן, דער אינהאַלט פונעם ראָמאַן:

איינער אַ וויכטיקער באָלשעוויק, אַ דירעקטאָר פון אַ צאָל סאָוועטישע שפּייזפאַבריקן, הייבט אויף אין גאַס אַ שיכורן יונגענמאַן. ער ברענגט אים צו זיך אַהיים — האַלט אים ביי זיך אַ לענגערע צייט, דעם באָלשעוויק רופט מען אַנדריי באַבישעוו, דעם שיכורן יונגנמאַן — קאַוואַלעראָוו. קאַוואַלעראָוו איז אַ „געוועזענער", אַן אינטעליגענט. צו דער רעוואָלוציע האָט ער זיך ניט „צוגענומען". האָט ער ניט קיין באָדן אונטער זיך. דרייט ער זיך אַרום פּוסטעפּאַס, שיכורט ער, ווערט ער אַלץ מער דעגענערירט. אַנדריי באַביטשעוו, דער באָלשעוויק, איז דער היפּוך פון אים. באַביטשעוו איז פול מיט לעבן, מיט טאַט. קיין פּריוואַטע חשבונות מיט דער וועלט פירט ער ניט. פון קיין אינטעליגענטישע גריבלענישן ווייס ער ניט. מיטן גאַנצן „איך" זיינעם דינט ער דער נייער, סאָוועטישער געזעלשאַפט, וואָס בויט, וואָס גייט פאָרויס. ער מאַכט, באַביטשעוו, אַ סך גימנאַסטיק. היט אָפּ ס׳געזונט. איז פאַרליבט אין לעבן, אין אַלץ, וואָס איז פריידיק, טעטיק, מונטער. אינקורצן: ער איז אַן עכט סאָוועטישער מענטש. דאָך ווייס ער „נאָד" פון אַזאַ „אַלט" געפיל, ווי רחמנות, און ער נעמט אַריין צו זיך אין שטוב אַ ווילד פרעמדן, שיכורן פּוסטעפּאַסניק; און ער האַלט אים ביי זיך; און ער וויל אים שטעלן אויף די פיס, באַזאָרגן מיט אַרבעט, מאַכן פון אַ מענטש.

וואָלט דאָך קאָוואַלעראָוו געדאַרפֿט זיין צופֿרידן מיט באַביטשעווס מענטש־לאַכער טאַט, ווי אויך אים דאַנקבאַר זיין. איז ער מיט באַביטשעוון און מיט זיין שיינער מענטשלאַכקייט אומצופֿרידן. און ער נעמט זיך אין דער־אַ טאַט באַביטשעווס „אינטעליגענטיש" גריבלען. און ער גריבלט זיך אין באַביטשעווס „קאָמוניסטישער נשמה". און דער פּועל־יוצא פֿון די־אַ גריבלענישן איז — קנאה־שנאה. קאָוואַלע־ראָוו איז מקנא באַביטשעווס פֿיזישע און גייסטיקע געזונטקייט, גאַנצקייט. און — ער קריגט אים פֿיינט. ער האַסט אים פֿאַר זיין ניי־מענטשישקייט, פֿאַר זיין בויעריש־שעפֿערישער אַרבעט: ווען ער, קאָוואַלעראָוו, איז אַן איבעריקער, אַ ניט־נויטיקער, אַן אָפּשטאַרבנדיקער.

באַביטשעוו איז ניט בלויז אַ טיכטיקער אָנפֿירער פֿון אַ צאָל סאָוועטישע שפּייז־פֿאַבריקן און שפּייז־רעסטאָראַנען — ער איז אויך אַ דערפֿינדער. אָט האָט ער דערפֿונדן אַ נייעם סאָרט וווּרשט — אַ ביז גאָר זעטיקן און געשמאַקן; און ער וועט אויך קאָסטן פֿיל ביליקער פֿון אַלע אַנדערע ווורשט־סאָרטן. איז באַביטשעוו פֿול מיט פֿרייד, מיט גליק. קען עס קאָוואַלעראָוו ניט באַגרייפֿן:

„ער האָט היינט געשיינט, יאָ, דער שטעמפּל פֿון רום איז היינט געלעגן אויף זיין פּנים. פֿאַרוואָס־זשע פֿיל איך ניט קיין פֿאַרליבטקייט, קיין אַנטציקונג, קיין אָפּשיי פֿאַר אָט דעם מין רום? אַ כעס כאַפּט מיך אָן. ער — דער מלוכה־מענטש. דער קאָמוניסט — ער בויט אַ נייע וועלט. און אין דער דאָזיקער נייער וועלט באַ־קומט זיך רום דערפֿון, וואָס דער וווּרשטנמאַכער האָט אַ נייעם סאָרט וווּרשט אויס־געאַרבעט. איך באַנעם ניט אַזאַ סאָרט רום. וואָס־זשע באַטייט עס? ניט וועגן אַזאַ מין סאָרט רום האָבן מיר דערציילט די לעבנס־באַשרייבונגען, די דענקמעלער, די געשיכטע. הייסט עס, אַז די נאַטור פֿון דעם רום האָט זיך געביטן? אומעטום, אָדער בלויז דאָ, אין דער בויענדיקער וועלט?".

אָט צו די־אַ צוויי אינטערעסאַנטע פֿיגורן קומען צו אין בוך נאָך פֿיר: אי־וואַן באַביטשעוו, וואָלאָדיאַ מאַקאַראָוו, וואַליאַ און אַניטשקע. איוואַן באַביטשעוו איז אַ יינגערער ברודער פֿון אַנדריי באַביטשעוו. איוואַן איז אַן „אידעאַלאָגישער" קעגנער פֿון דער ראַטנמאַכט. פֿון שפּיץ קאָפּ ביז די פֿיס־טריט זיינע איז ער אַ קליינבירגער. טוט אַריין דער מחבר אין מויל פֿון דאָזיקן איוואַן באַביטשעוו פֿאַר־שיידענע „פֿילאָזאָפֿישע" און „בונטאַרישע" געדאַנקען.

איוואַן באַביטשעוו האָט אַ טאָכטער, אַ בת יחידה, וואַליאַ. ווייל ער זי דער־ציען אין זיין קליינבירגערלאַכן גייסט. אַנדריי אָבער, דער עלטערער ברודער זיינער, רעדט אָפּ וואַליאַן פֿון איר קליינבירגערלאַכן, פֿיינטלאָך געשטימטן צו דער ראַטנ־מאַכט טאַטן. אַנטלויפֿט וואַליאַ פֿון טאַטן — אַנטלויפֿט צום באָלשעוויסטישן פֿע־טער. ווערט אַ קאָמסאָמאָלקע. קריגט אַ „חבר" — וואָלאָדיאַ מאַקאַראָוו, וועלכער שטייט איין ביי אַנדרייען, געפֿינט זיך איצט אין אורלויב און זיין אָרט איז צייט־ווייליק פֿאַרנומען פֿון קאָוואַלעראָוון. ווייס איוואַן, ווו זיין טאָכטער געפֿינט זיך.

באַזוכט ער זי אָפט. פּרוווט ער זי צוריקקערן אַהיים. קומט ער צו איר איינמאָל מיט אַ קישן אונטערן אָרעם, נעמט זי איבעררייִדן:

אָט אויפן דאָזיקן קישן איז זי דאָך געשלאָפן, וואַליאַ, די בת יחידה זיינע, די לעצטע פרייד זיינע. ווייל אָבער וואַליאַ פון אים ניט וויסן; און ער גייט צוריק אַהיים מיטן קישן אונטערן אָרעם.

לסוף קומט וואָלאָדיאַ מאַקאַראָוו פון זיין אורלויב. איצט מוז קאָוואַלעראָוו פאַרלאָזן די קאָמוניסטישע וווינונג און גיין צוריק צו אַניטשקען — אַן אַלטע אלמנה, וואָס האָט אויף אים „רחמנות" און איז תמיד גרייט אים צו דינען מיט זעל און — לייב.

באַקענט זיך איינמאָל קאַוואַלעראָוו מיט איוואַן באַביטשעוו און זיי ווערן גוטע פריינט. און איוואַן פאַרפאָלגט איצט כסדר דעם עלטערן ברודער זיינעם — אַנדרייען. ער רופט אים גזלן, מענטשן־פאַרפירער. און ער פאַרפאָלגט אים אַזוי שטאַרק, ביז יענער, אַנדריי, גיט אים איבער צו דער געפּעאו. און אין געפּעאו האַלט איוואַן אַ טשיקאַווע רעדע. ער רעדט וועגן די פאַרשיידענע מענטשלאַכע געפילן, וואָס ווערן אין ראַטנפאַרבאַנד אונטערדריקט, פאַרניכטעט. און ער רעדט אויך וועגן דעם ברודער זיינעם — דעם „קאָמוניסטישן גזלן", וועלכער האָט ביי אים, ביי איוואַנען, די איינציקע טאָכטער צוגענומען. לסוף באַפרייט מען אים. און ער גייט דאַן אַוועק אויף איינער אַ שפּייז־פאַבריק, וואָס ווערט געעפנט. און נאָך דער רעדע וואָס דער ברודער זיינער, דער פאַבריק־פאַרוואַלטער, האַלט דאָ, האַלט ער, איוואַן, אַ קאָנטער־רעדע. אַנדריי רימט דאָ שטאַרק דעם גרויסן אויפטו פון די נייע סאָוועטישע שפּייז־פאַבריקן, קאָך־און באַק־מאַשינעס, רעסטאָראַנען. די סאָוועטישע פרוי וועט זיך אַ דאַנק זיי אַלץ מער באַפרייען פון פאַרשקלאַפערישער שטוב־אַרבעט, פון קיך, פון געפּעס־וואַשן; און, באַגלייך מיטן מאַן, וועט זי זיך קענען אָפּגעבן מיט געזעלשאַפטלאַכער אַרבעט. — קומט איוואַן מיט אַזאַ מין קאָנטער־רעדע:

— „וואָס האָט ער דאָ גערעדט צו אייך? ער האָט זיך איזדיעקעוועט איבער אייערע פאַנען, איבער אייערע טעפּ, איבער דער שטילקייט אייערער, איבער אייער רעכט אַריינצושטופּן די סאָסקע אין מויל פון אייערע קינדער. ער לערנט אייך פאַרגעסן — וואָס? וואָס וויל ער אַרויסשטויסן פון אייער האַרץ? די היים אייערע, די שטוב, די ליבע היים! ער וויל פון אייך מאַכן שלעפּער, וואָס זאָלן זיך אַרומשלעפּן איבער די ווילדע פעלדער פון דער געשיכטע. ווייבער! ער שפּייט אין אייער זופּ אַריין. מוטערס! ער טרוימט אַראָפּצוווישן פון די צורהלאַך פון אייערע קינדער די ענלאַכקייט זייערע צו אייך — די הייליקע, פּרעכטיקע פאַמיליען־ענלאַכקייט. ער רייסט זיך אַריין צו אייך אין אַלע ווינקאַלאַך, לויפט אַרום, ווי אַ מויז, אויף די פּאָלעצעס, קריכט אונטער די בעטן, אונטער די העמדער, אין די האָר, אונטער אייערע הענט. טרייבט אים צום טייוול! אָט איז אַ קישן. איך בין דער קעניג פון די קישנס. זאָגט אים: יעדער איינער פון אונז וויל שלאָפן אויף זיין אייגענעם

קישן. טשעפּע ניט די קישנס אונזערע! אונזערע קעפּ, ווען זיי זענען נאָך געווען מיט אַ הינדערלע־פּוך באַדעקט, ווען זיי האָבן נאָך קיין רעכטע האָר ניט געהאַט, זענען שוין געלעגן אויף אָט די קישנס; אונזערע קושן זענען אין די ליבע־נעכט געפאַלן אויף אָט די קישנס; מיר זענען אויסגעגאַנגען; דעם לעצטן הויך אונזערן האָבן מיר אָפּגעגעבן אויף אָט די קישנס, — און יענע, וועמען מיר האָבן געטויט, זענען אויך אויסגעגאַנגען אויף אָט די קישנס, — טשעפּע ניט אונזערע קישנס! רוף אונז ניט, נאַר אונז ניט, פיר אונז ניט אַראָפּ פון וועג. וואָס קאָנסטו אונז פאַר־לייגן אַנשטאָט אונזער קאָנען ליב האָבן, פיינט האָבן, האָפן, וויינען, רחמנות האָבן און פאַרגעבן? אָט איז דאָס קישן, אונזער הערב, אונזער פאָן, אָט איז דאָס קישן. פון אַ קויל קען עס שיצן, דאָס קישן. מיט דעם קישן וועלן מיר דיך דערשטיקן".

די דאָזיקע טראַגיש־מטורפדיקע רייד פון אַ „געוועזענעם" קענען שוין אָבער ניט אויפהייבן קיין ממשותדיקן בונט אין א לאַנד, וווּ עס פאַרפעסטיקט זיך אַלץ מער אַ נייער מענטש — אַ געזונטער, אַ גאַנצער סיי קערפּערלאַך, סיי גייסטיק. אין ראַטנפאַרבאַנד איז איצט די צייט פאַר די אַנדריים, וואַלאַדיאַס, וואַליאַס; און די איוואַנס, קאַוואַלעראָווס א. א. — זיי בלייבט איצט איינס: מקנא־זיין; מקנא־זיין דעם נייעם, פריידיקן, בויערישן לעבן.

די ירידה פון דער אינטעליגענץ

ווענן פאַנטעלייִמאָן ראָמאַנאָווס „חבר קיסליאַקאָוו״ און „דריי פּאָר זאָקן״, יידיש — ש. גאָלדפּאַרב, וואַרשע, 1930 — 1933.

די אַמאָליקע רוסלאַנד האָט זיך געגרויסט מיט איר אינטעליגענץ. די אינטעליגענץ פון דער צאַרישער רוסלאַנד איז געווען דער ליכטיקסטער פּונקט אין דעם אַרומיקן געדיכטן חושך. די אינטעליגענץ איז געווען דאָס געוויסן פון פאָלק. אַרום דער אינטעליגענץ האָבן זיך קאָנצענטרירט די בעסטע, פּראָגרעסיווסטע כוחות. די אינטעליגענץ האָט זיך דערצויגן אויף די ווערק און אידייען פון די רוסישע קלאַסיקער און פרייהייט־קעמפער. און זי האָט געקעמפט פאַר די דאָזיקע אידייען. און זי האָט זיך אָפט פאַר זיי מקריב געווען.

אין יענע צייטן האָט די רוסישע אינטעליגענץ געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן פאָלק. די אינטעליגענץ איז געווען די פירערין. זי איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די אַלץ מער אויפוואכנדיקע מאַסן. זי האָט פאַרשפּרייט „ליכט און ווויסנשאַפט״. זי האָט — דירעקט און אומדירעקט — אַנטייל־גענומען אין די פאַרשיידענע באַפרייִונגס־באַוועגונגען. זי האָט דעם פאַרשקלאַפטן פּויער און אַרבעטער געלערנט אויפהייבן דעם קאָפּ, דערפילן דעם אייגענעם ווערט. — אַזוי איז עס געווען פאַר לאַנגע־לאַנגע יאָרן.

מיטן אָנהייב אָבער פון אונזער יאָרהונדערט נעמט זיך די ראָל פון דער רוסישער אינטעליגענץ מינערן. אויף דער „אַרענע״ פון רוסישן לעבן טרעט אַרויף אַ נייער קלאַס — אַ יונגער נאָך, אַ ניט־רייפער, אַ ווייניק נאָך אַנטוויקלטער; אַ ברויזנדער אָבער מיט טאַט, מיט אימפּעט, מיט ענערגיע.. דאָס איז דער קלאַס פון פיזישער אַרבעט, פון פאַבריק, פון מאַשין. דער דאָזיקער, נאָך גאָר יונגער קלאַס רייסט זיך אַלץ מער צום אויבנאָן. און אָט קומט דאָס פינפטע יאָר. עס ברעכט אויס דער ערשטער ברייטמאַסשטאַביקער פאָלקס־אויפשטאַנד — אָנגעפירט פונעם אַרבעטער־קלאַס. ער פאַלט אָבער דורך, דער דאָזיקער אויפשטאַנד. און דער רוסישער „חושך־מצרים״ ווערט געדיכטער.

עס הייבט זיך אָן אַ מוראָדיקע רעאַקציע. די רוסישע תפיסות ווערן פול מיט רעוואָלוציאָנערן. און די מלוכה־טאָן־געבער זענען: סטאָליפּין, פּורישקעוויטש, אַנדערע פּאָגראָמשטשיקעס און שוואַרצמאַהניקעס. — אָט שויִן דאָ, אין יענע פינצטערע יאָרן, נעמט זיך די רוסישע אינטעליגענץ קייקלען באַרג אַראָפּ. די הויך מענטשלאַכע אידייען פון די רוסישע קלאַסיקער און פרייהייט־קעמפער ווערן איצט פאַרביטן מיט די „אידייען״ פון אַרציבאַשעוו און מערעזשקאָווסקי. די אינטעלי־

גענץ האָט זיך דערזען „צווישן האַמער און קאָוואַדלע". פון איין זייט בושוועט א רוסישער מיטלאַלטער. פון דער צווייטער זייט וואַקסט אַלץ מער דער אַרבעטער־קלאַס, וואָס רוקט אַרויס „צו־ראַדיקאַלע" פאַר דער אינטעליגענץ לאָזונגען. האָט זיך די „סתם הומאַניסטישע" אינטעליגענץ אַלץ מער צעטומלט. האָט זי גענומען זוכן „שוץ" אין מערעזשקאָווסקיס מיסטיציזם און אין אַרציבאַשעווס „סאַניניזם". — אַזוי איז עס צוגעגאַנגען ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע.

די דאָזיקע זיגרייכע רעוואָלוציע טרעפט די רוסישע אינטעליגענץ אין א היפּש ירידהדיקן מצב: איצט איז שוין די אינטעליגענץ היפּש אויסגעלייזדיקט פון אירע אַמאָליקע הומאַניסטישע אידייען. און מיט דער יונגער ראַטנמאַכט, וואָס קעמפט העראָיש פאַר א נייעם מענטש אויף א נייער ערד, וויל זי ניט שלום מאַכן. ניין. זי איז איצט געשטימט, די דאָזיקע אינטעליגענץ, היפּש קאָנטררעוואָלוציאָנער. אָפן און פאַרבאַהאַלטן באַקעמפט זי די יונגע, נאָך ניט געניטע אַרבעטער־און־פּויערים־מאַכט. אָפן און פאַרבאַהאַלטן שטייט זי אין פאַרבינדונג מיט די צאַרישע צעשלאָגענע רעשטלאַך, מיט די קאַפּיטאַליסטישע אינטערווענטן. זעענדיק אָבער, אַז דער זיג פון די באָלשעוויקעס איז א געזיכערטער, ווערן גרעסערע טיילן פון דער אינטעליגענץ „רויט": נעמען זיך צופּאַסן צום נייעם לעבן. — און, ווייל מען זיך באַקענען מיט פאָרשטייער פון דער־אָ „רויט"־געוואָרענער אינטעליגענץ, מיט זייערע צופּאַסונגס־פּרוּוון און — אין דער זעלבער צייט — מיט זייער גייסטיקער דעגענעראַציע, — איז גוט צו לייענען די צוויי ביכער „חבר קיסליאַקאָוו" און „דריי פּאָר זאָקן" פונעם באַקאַנטן סאָוועטישן פּראָזע־שרייבער פּאַנטעלייִמאָן ראָמאַנאָוו.

די צענטראַלע פיגור אין די דאָזיקע צוויי ביכער איז איינער א קיסליאַקאָוו. ער איז אַן אינטעליגענט „מבטן ומלידה". ער איז דערצויגן געוואָרן אויף די ווערק און אידייען פון די רוסישע קלאַסיקער און פרייהייט־קעמפער. לויט דער פּראָפעסיע איז ער א באַן־אינזשענער. ביז דער רעוואָלוציע האָט זיך אים געלעבט — סיי גייסטיק, סיי מאַטעריעל, — זייער גוט. ער האָט א פרוי, יעלענאַ, — א׳ז זי א הויך קולטורעלער מענטש. און דאָס משפּחה־לעבן זייערס איז געווען א ריינס, אַן אידעאַלס: אָן ליגן, אָן פאַלשקייט, אָן פאַראַט. מען האָט זיך תמיד געטוישט מיט די מיינונגען. און געשמועסט האָט מען שטענדיק וועגן „הויכע" מאַטעריעס: מענטשהייט, געוויסן, הייליקייט פון יחיד . . . קורץ: מען האָט געפירט א לעבן פון אַמאָליקע רוסישע אינטעליגענטן.

איז געקומען די רעוואָלוציע. אַלע בלוטיקע מושלים ווערן אַראָפּגעשליידערט. אַלע אַלטע געטער ווערן צעשמעטערט. און אַלץ ווערט — אינהאַלטלעך און אויסערלאַך — איבערגעאַנדערשט. און א ניי לעבן קומט אויף — א לעבן, ווו ניט דער יחיד שפּילט „די ערשטע פידל", נאָר דער כלל, דער קאָלעקטיוו. און די פירער פונעם דאָזיקן נייעם לעבן זענען „בעזגראַמאָטנע" פּויערים, „בעזבאָזשנע" פּראָלעטאַריער. — איז עס פאַר דער אינטעליגענץ, מיט איר פאַרהייליקונג פונעם יחיד,

מיט אירע אלע אנדערע „סתם הומאניסטישע" אני מאמינס, א געוואַלדיקער קלאַפּ. דערצו קומען אנדערע קלעפּ. די אינטעליגענץ ווערט אַן איר פריערדיקן עקאָנאָמישן באָדן. די מערסטע מלוכה־שטעלעס זענען איצט פארנומען פון באַלשעוויקעס. דעם אינטעליגענט, וועלכער איז — אָפּן און פארבאהאַלטן — פיינטלאך צו דער מאַכט, טרויט מען ניט. ווערט ער אַלץ מער פארביטערט, פיינטלאך און קליינלאך, מיזערנע.

קיסליאַקאָוו, דער אַלטער אינטעליגענט, באַקומט לסוף, נאָך פארשיידענע גילגולים, א שטעלע אין מאָסקווער צענטראַלן מוזיי. אין דאָזיקן מוזיי ארבעטן א גרעסערע צאָל פאַרשטייער פון דער אַלטער רוסישער אינטעליגענץ. גיין אויף אנדערע שטעלעס האָבן זיי ניט געוואָלט. דאָ, אין מוזיי, אין היכל פון קונסט און וויסנשאפט, אָטעמט נאָך אַלץ מיט דער שיינער, ראָמאַנטישער פארגאַנגענהייט. פאר דער אינטעליגענץ איז דער מוזיי דער לעצטער מקום־מקלט. אין מוזיי פילט זי זיך, ווי אין א זיכערער פעסטונג. מיט דער „פרעמדער", באַלשעוויסטישער גאַס קומט זי דאָ ניט אין באַרירונג. און פירן פירט זי זיך דאָ — ווי אין די אַלטע גוטע צייטן. איינע די אַנדערע רופט מען זיך „הער", „מאַדאַם", און מע טראָגט פראַקן, פּעלערינעס. און מע באַנוצט זיך מיט א שווייצאַר. און — שטילערהייט — קריטיקירט מען די באַמישע" מאַכט.

רייסט זיך אָבער אריין די „באַמישע" מאַכט אויך אַהער. דער מוזיי באַקומט א נייעם דירעקטאָר — א באַלשעוויק. און אים געפעלט ניט די פירונג פון די אַלטע באַאַמטע, און די איינריכטונג פון מוזיי גופא. מאַכט ער דאָ פארשיידענע ענדערונגען. זאָגט ער אָפּ אַנגעשטעלטע. האַלט שמאָל מיט קיסליאַקאָוון. שרעקט ער זיך. דערצו ליידט ער לעצטנס פון אנדערע אַנשיקענישן. אין מאָסקווע איז א גרויסער דוחק אויף דירות. אָפט מוזן דאָ וווינען עטלאַכע משפחות אין איין צימער . . . און אויך קיסליאַקאָוו, מיט דער פרוי זיינער, מ ט דער פרוים א מוטער און מיט יענערס א פּאָר הינט, — וווינט אין איין צימער . . . ליידט ער פון דעם „מאַראַליש". די פרוי זיינע זעט ער איצט 'נאַקעטער". און איצט איז זי שוין ניט קיין יונגיטשקע, און ביז גאָר צעפלאָסן. און לעצטנס איז זי ביז גאָר „מאַטעריאַליסטיש געשטימט". זי איז פארנומען בלויז מיט עסן. און דער מאַן — וויל זי, — זאָל וואָס מער פארדינען, כדי עס זאָל זיין וואָס מער צו עסן. און גייסטיקע אינטערעסן גייען איר קנאַפּ־וואָס אַן.

ווערט זי קיסליאַקאָוון נמאס. נעמט ער חלומען פון אנדערע פרויען. פרייט ער זיך, דער דאָזיקער אינטעליגענט, וואָס איינער זיינער א גאָר נאָענטער פריינט, ניעזנאַמאָוו, וועלכער וווינט אין סמאָלענסק, קלייבט זיך אריבער, מיט דער יונגער שיינער פרוי זיינער, קיין מאָסקווע.

אויך ניעזנאַמאָוו איז אן אינטעליגענט. צו דער רעוואָלוציע אָבער האָט ער זיך — ווי אנדערע אינטעליגענטן — ניט „צוגענומען". לעבט ער אַנאַזייט.

געפינט א טרייסט אין זיין ארבעט (אויף א וויסנשאַפטלעכן געביט), אין רעליגיע און איז דער יונגער שיינער פרוי זיינער . . . זיין פרוי אָבער — טאַמאַרע רופט מען זי — איז א זייער לייכטזיניקע. דעם מאַן אירן, דעם אינטעליגענט, האָט זי שוין ניט איין מאָל פאַראַטן. און איצט, ז״ד באַזעצנדיק מיטן מאַן אין מאָסקווע, נעמט זי אים באַניים פאַראַטן — מיט קיסליאַקאָוון. ווערט אַזוי אַרום אויך קיס־ליאַקאָוו א פאַרעטער — א צווייענדיקער: ער פאַראַט דעם בעסטן חבר זיינעם, ניעזנאַמאָוון, ווי אויך זיין אייגן פרוי, יעלענאַן.

קיסליאַקאָוו אָבער איז שוין פונלאַנג א פאַרעטער — פון זיין אייגן קלאַס — פון דער אינטעליגענץ. אַט הנדלט ער זיך צו די קאָמוניסטן. רופט זיך „חבר". איז „רויט". ער ליגנערט אָבער. זיין „רויטקייט" איז א געמאַכטע, א פאַלשע. ער איז אויסן בלויז א בעסערע שטעלע, אָדער כאָטש בלייבן אויף דער אַלטער שטעלע — אין מוזיי. און חוץ דעם, זייענדיק א „רויטער", א „חבר", קען ער זיך גרינגער פאַנאַנדערגיין מיט דער פרוי זיינער, און עפנטלאַך זיך צונויפגיין מיט טאַמאַרען. אַי, ניעזנאַמאָוו? דער בעסטער, ערלאַכסטער פריינט זיינער? איז — ווער קוקט עס היינטיקע צייטן אויף פריינטשאַפט? . . . אַזוי טראַכט ער לעצטנס, דער דאָזיקער אַלטער אינטעליגענט. און ער דערגייט לסוף צו ניט־אינטעליגענטע געשלעגן מיטן אינטעליגענטנעם ווייב זיינעם. און זי גט אים לסוף אָפּ, און פאַרפּט אים אַרויס פונעם איינציקן צימער, ווו זיי וווינען. זוכט קיסליאַקאָוו א לאַנגע צייט א צימער. און אַז ער געפינט אַזאַ, נעמט ער קלערן וועגן אַריבערנעמען צו זי״ך טאַמאַרען. טאַ־מאַרע אָבער האָט שוין באַוויזן אויך אים צו פאַראַטן — מיט איינעם א קינאָ־רע־זשיסאָר, וועלכער זאָגט אַרויס וועגן דער רוסישער פרוי אַזאַ מין מיינונג: „א רו־סישע פרוי קען מען קויפן פאַר דריי פּאָר זאָקן". . .

אַט צו אַזאַ גייסטיקער יר״דה זענען עס לעצטנס דערגאַנגען גרויסע טיילן פון דער אַלטער רוסישער אינטעליגענץ.

1934

„דער טאָג דער צווייטער" פון איליא ערענבורג

יידיש — ב. מאַרשאַק, „מלוכה־פאַרלאַג", קיעוו, 1936.

איינער פון די סאָוועטישע טאַלאַנטפולסטע פּראָזע־שרייבער איז איליא ערענבורג. די ערשטע נאָך אָקטיאַבער־יאָרן האָט ערענבורג, די מערסט, פאַרבראַכט אין אויסלאַנד — אין פאַרשיידענע שטעט און לענדער אין אייראָפּע. אַ שריפטשטעלער מיט אַ פלינק אויג און מיט אַ חלף־שאַרפער פען, האָט דאָן ערענבורג געשאַפן ווערק, אין וועלכע עס ווערט מייסטעריש צעגלידערט די נאָך־מלחמהדיקע אייראָפּע. אין יענע יאָרן שרייבט ערענבורג ניט איבעריק גינסטיק וועגן ראַטנפאַרבאַנד. שפּעטער אָבער בייט ער זיין מיינונג. ער באַהעפט זיך מיטן סאָוועטישן לעבן. ער שפּיגלט אָפּ דאָס דאָזיקע לעבן אין אַ צאָל נייע, ביז גאָר גלויביקע ווערק. — אָט וועגן איינעם פון די־אָ נייסטע ווערק ערענבורגס — וועגן בוך „דער טאָג דער צווייטער" — וועלן מיר אַ שמועס טאָן מיטן לייענער.

אין „דער טאָג דער צווייטער" (אַ נאָמען — גענומען פון דער ביבל: אַ נאָמען, וואָס איז מרמז, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד האַלט ערשט ביים „יום שני" פון זיין אויפבוי), דערציילט זיך פון דער סאָוועטישער אימפּעטפולער ארבעט אין דער ווייטער סיבירער שטאָט נאָוואָסיבירסק. די דאָזיקע שטאָט איז ביז דער רעוואָלוציע געווען אַ קליין פאַרוואָרפן ישוב, וווּ עס האָבן געלעבט האַלב ווילדע מענטשן. די רעוואָלוציע אָבער האָט געטאָן מיט אַ סך שטעט דאָס זעלבע, וואָס מיט אַ סך מענטשן. פיל מענטשן האָט די רעוואָלוציע באַזייטיקט, אַנדערע, ווידער, — ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט. דאָס זעלבע מיט שטעט. אַ סך פון זיי האָבן צוליב דער רעוואָלוציע אָנגעוואָרן זייער פריערדיקע וויכטיקע ראָל. אַנדערע, ווידער, זענען נתעלה געוואָרן. אַ שטייגער: נאָוואָסיבירסק.

אין שכנות מיט נאָוואָסיבירסק ליגט אַ גרויסע אַלטע רוסישע שטאָט — טאָמסק. פאַר דער רעוואָלוציע האָט טאָמסק געשפּילט אַ גאָר געהייבענע ראָל. טאָמסק האָט זיך צעבליט אַ דאַנק די סיבירער גאָלד־מינעס. אין טאָמסק האָבן געוווינט אַ סך מיליאָנערן. און געפירט האָט זיך די דאָזיקע צארישע שטאָט ביז גאָר פאַריסן. דעם טאָמסקער גובערנאַטאָר האָט מען יעדן טאָג געמוזט צושטעלן מיידלאָך . . . דער שעה פון דער טאָמסקער טורמע, שמייסנדיק סאַדיסטיש זיינע אַרעסטאַנטן, פלעגט דערביי התלהבותדיק שרייען: „גאָטס מוטער, יונגפרוי, פריי זיך!"...

איינער אַ פאַרשיקטער רוסישער שרייבער, וואָס האָט געשריבן אין אַ טאָמסקער צייטונג, אַז די שטאָט נויטיקט זיך אין אַן אוניווערסיטעט, איז פאַר זיין ארטיקל פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוועלף יאָר קאַטאָרגע. אָט אַזאַ איז געווען טאָמסק

ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע. און איצט איז די דאָזיקע שטאָט אַן אונטערגייענ־דיקער ישוב, און דאָס קליין בשכנותדיק דערפל נאָוואָסיבירסק פאַרמאָגט שוין העכער אַ פערטל מיליאָן נפשות, און די דאָזיקע שטאָט האַלט ערשט אין וואַקסן. און די סיבה: ווייל אין דער־אַ נייער שטאָט האָט זיך אויפגעבויט איינע פון די גרעסטע סאָוועטישע שטאָל־פאַבריקן. איז דער דאָזיקער סיבירער ישוב געוואָרן אַ מין טשי־קאַגע און די באַפעלקערונג זיינע חכמעט זיך טאָקע — רופט איר שטאָט „סיבטשיקאַ" (פאַרקירצט פון סיבירער טשיקאַגע . . .)

— — — האָט מען זיך פון אַלע ראַטנפאַרבאַנדישע עקן אָוועקגעלאָזן צו דער־אַ נייער סאָוועטישער שטאָט. זענען אַהער געקומען: איבערגעבענע קאָמוניסטן און אַנטלאָפענע באַלגופים, ערלעכע בויער און בייזוויליקע שעדיקער, אויסלענדישע „ספּעצן" און מאָסקווער קולטור־טוער. און די גיגאַנטישע שטאָל־פאַבריק איז פון שעה צו שעה געוואַקסן. די ראַטנפאַרבאַנדישע „שלאָגלער" האָבן ביים פאַבריק־אויפבוי געאַרבעט אכצן שעה אין מעת־לעת — אינדרויסן, אין סיבירער, פּופציק גראַדיקע פרעסט. מען האָט געאַרבעט — דערציילט ערענבורג — „שנעלער ווי מענטשן קענען אַרבעטן". און די אויסלענדישע ספּעציאַליסטן — דייטשישע, ענגלישע, אמע־ריקאַנישע אינזשענערן און טעכניקער — זענען געווען אין זיבעטן הימל פאַר התפּעלות. אַלץ האָט זיי געוואונדערט — שרייבט ערענבורג — „דער ענטוזיאַזם, די לייז און די פרעסט". און געוווינט האָבן זיי, די דאָזיקע אויסלענדישע מיוחסים, ניט צוזאַמען מיט די פאַבריק־אַרבעטער (אין גאַר שלעכטע באַראַקן), נאָר באַזונדער, אין באַקוועמע וווינונגען, און געגלויבט האָבן זיי ניט אין סאָציאַליזם, נאָר אין דאָלאַרן . . . האָט מען זיי ווי געהעריק געצאָלט און דער שטאָל־גיגאַנט האָט זיך געבויט.

יעדער „מעשי בראשית" אָבער קאָסט דעם ראַטנפאַרבאַנד „רבי־געלט". אויף יעדער נייער פאַבריק געפינען זיך, חוץ ערלאַכע בויער, שונאים. און איצט, אין די צייטן פון אויפבוי, איז נאָך מיט די שונאים שווערער. אַמאָל, בעתן בירגער־קריג, האָט מען געוווסט: דאָ זענען אייגענע, דאָרטן — „ווייסע". איצט האָט זיך אַלץ אויסגעמישט. אויף יעדער פאַבריק טרעפט איר אי אייגענע, אי פיינט. דערציילט פון דעם ערענבורג ביז גאָר טאַלאַנטפול. און אָט איז, אינקורצן, דער אינהאַלט פון בוך.

אויף דער פאַבריק קומט אָן איינער אַ יונגער בחור — קאָלקע רזשאַנאָוו. ער איז אַ קינד צו פּראָלעטאַרישע עלטערן. דעם טאַטן זיינעם האָבן דערשאָסן די „ווייסע". אינגיכן נאָכדעם שטאַרבט די מאַמע זיינע. קאָלקע בלייבט אַ קיילאַכ־דיקער יתום. ווערט שלעכט דערצויגן. דרייט זיך אַרום אַ לאַנגע צייט אָן אַ שום גלויבן. איז צו אַלץ גלייכגילטיק. ווערט פאַרפידט פון שעדלאַכע חברים, וועלכע באַקענען אים מיט „פרייער ליבע" דורך אַזאַ מין „אַרגומענט":

„ליבע איז איצט אַ פרייע זאַך, ניט ווי ביי טאָלסטאָיען אין די ראָמאַנען" . . .

לסוף גייט קאָלקע אַרויף אויפן ריכטיקן וועג. ער פאָרט קיין נאָוואָסיבירסק, אויף דער בויונג. ער ווערט דאָ אַ שלאָגלער און וואַקסט צוזאַמען מיט דער פאַבריק.

ארום דער פאבריק דרייט זיך ארום א צווייטער יונגערמאן — וואלאדיע סאפאנאוו, וועלכער שטעלט מיט זיך פאר דאס נעגאטיווע אין סאוועטישן לעבן. סאפאנאוו איז א סטודענט. ער האט אבער זיינע סטודענטישע חברים, וועלכע שפא־נען „אין טראט", וועלכע זינגען צוזאמען — „ווייל זיי האבן ניט צווישן זיך וואס צו ריידן"... סאפאנאוו שטייט פון זיי אנאזייט. זיין גאר לעבן איז אן אנאזייטיקס. דער טאטע זיינער איז געווען א דאקטער, אן אינטעליגענט און ער, וואלאדיע, האט געירשנט דעם טאטנס אינטעליגענטסטווע. ער איז פול, וואלאדיע, מיט ספקות, מיט פראגן פון געוויסן. ער זוכט דעם אמת. ער קען אים אבער ביי „זיי", ביי די קאמוניסטן, ניט געפינען. — „פאראן צוויי אמתן: איינער א צייטווייליקער, ער איז ביי זיי, דער צווייטער אן אייביקער"...

דרייט זיך סאפאנאוו ארום דעם דאזיקן „אייביקן" אמת און — געפינט זיך ניט קיין ארט. ער פילט זיך פרעמד אין אוניווערסיטעט און — אויך אויף דער בוי־ונג. ער איז קראנק, וואלאדיע. און די קרענק זיינע איז אן ערגערע פון שווינדזוכט: מען קען זי ניט אויסהיילן... ער איז צוגעבונדן, סאפאנאוו, צו א קילטור, וואס גוסעט. ער איז א לערמאנטאוום פעטשאריז, אדער — וואס נאך ערגער — א דאס־טאיעווסקי־טיפ. און דאסטאיעווסקי'ן האט מען ניט ליב אין סאוועטנלאנד. — „ס'איז פאראן א שרייבער, וואס איך קען אים ניט אנקוקן — דאס איז דאסטא־יעווסקי, דאס איז דאס שענדלאכסטע פון אלץ, וואס איז ביי אונז געווען"...

דאסטאיעווסקי איז די פארקערפערונג פונעם אלטן, פינצטערן רוסלאנד. דאסטאיעווסקי איז כאאס, סטיכיע, זעלבסטפייניקונג, פארלייקענונג פון שכל, פון פראגרעס. דאסטאיעווסקי איז — נערוון, אינסטינקטן, חיה־אטאוויזם... סא־וועטנלאנד פארליידט ניט די דאסטאיעווסקי־טיפן. דורך זיין „נצחון פון שכל", דורך זיין גאנג צו סאציאליזם פארלייקנט דער ראטנפארבאנד דאסטאיעווסקין. די דאסטאיעווסקי־העלדן גייען אין סאוועטנלאנד אונטער, אדער זיי ווערן שעדיקער...

סאפאנאוו דערגייט צו שעדיקעריי. ער רעדט אן איינעם א קנאפ באוווסט־זיניקן ארבעטער צו שעדיקן די שטאל־פאבריק. און יענער טוט עס. און ער, סאפא־נאוו, דערפילט זיך נאכדעם שולדיק. ער איז א מעפיסטא, סאפאנאוו... און פון אזא איינעם איז ניטא אין סאוועטנלאנד קיין ארט. דארף ער זיך באזייטיקן. הענגט ער זיך אויף.

אין בוך איז אויך אריינגעפלאכטן א ליבע. צוערשט פירט זי זיך צווישן סאפאנאוו און איינער א סטודענטקע — אירינע. נאכדעם צעגייען זיי זיך. און אירינע באקענט זיך מיט קאלקע רזאנאוון. און ער געפעלט איר. און זי ווערט זיין „פריינט". און אן סאפאנאוון, נאך ווען זי האט אפט געבענקט, פארגעסט זי. און זי נעמט אים אפילו האסן. ווייל ער איז א נעגאטיווער טיפ, א ראטן־שונא...

אט צו די־א נייע סאוועטישע מענטשן, צו די קאלקעס, אירינעס און אנדערע, וועלכע בויען פארגליובט דאס לאנד, — צו זיי איז איצט געווענדט איליא ערענבורג. זיי שילדערט ער איצט מיט גרויס פאטאס און מיט פיל טאלאנט.

סאָציאַליזם אין דער ווילדערניש

וועגן לעאָניד לעאָנאָווס „סאָטבוי".
יידיש — ע. פינינבערג, „מלוכה־פאַרלאַג", קיעוו, 1932.

סאָוועטנלאַנד איז ריזיק גרויס. אין צפון דערלאַנגט עס צו די פּאָליאַר־געגנטן, אין דרום — צו די סובטראָפּיקעס, אין מזרח — צום שטילן אָקעאַן, אין מערב — צום „הארץ" פון אייראָפּע. און מקומות פאַרמאָגט דער ראַטנפאַרבאַנד — ביז גאָר פאַרוואָרפענע. און מענטשן וווינען דאָרט — ביז גאָר פּרימיטיווע. דער סאָוועטישער אויפבוי אָבער דרינגט אַריין אין די ווייטסטע, פאַרוואָרפנסטע געגנטן, און ער פאַרזייט דאָרט די אידייען פון סאָציאַליזם. — איז אינטערעסאַנט צו לייענען אַ בוך פון איינעם אַ סאָוועטישן טאַלאַנטפולן שריפטשטעלער, לעאָניד לעאָנאָוו, ווו עס דערציילט זיך וועגן סאָציאַליסטישער אַרבעט אין איינער אַ סאָוועטישער ביז גאָר פאַרוואָרפענער געגנט. דאָס בוך רופט זיך „סאָטבוי" און עס דערציילט פון דער סאָוועטישער בויונג אויפן פאַרצייטיקן טייך סאָט.

ווייט אויפן צפון, ווו דער זומער איז אַ גאָר קורצער און דער ווינטער אַ זייער לאַנגער; ווו די נאַטור איז אַ מוראדיק שטרענגע; ווו אויף הונדערטער מיילן ציען זיך געדיכטע, פינצטערע וועלדער, — געפינט זיך דער אַלט־אַלטער טייך סאָט, וועלכער ווערט שוין דערמאָנט אין די פאַרצייטיקע רוסישע לעגענדעס און מעשהלאַך.

אין דער דאָזיקער אוראַלטער סאָט־געגנט לעבן מענטשן — מיט וועלפישע נשמות. אַלץ מערן זיך אין די דאָזיקע וואַלדישע מקומות — „שוואָמען, בערן, נזירים, שדים — אַלץ אַחוץ שכל און ווילן". די דאָרטיקע תושבים דינען נאָך צו שטיינערנע און הילצערנע געטער, און דער אוראַלטער „יארילע" איז דער הויפּט־גאָט זייערער. די דאָרטיקע מענטשן טרינקען עד־היום — אַ סגולה צום הוסט — קעראָסין. און „פון אייביק אָן האָט מען די גרויס פון אַ יום טוב ביים טייך סאָט גע־מאָסטן מיט דער צאָל געקוילעטע".

דער דאָזיקער ווילדער קאַנט איז היפּש באַזעצט מיט מאַנאַכן. אין זיינע בראשיתדיקע וועלדער געפינען זיך פאַרצייטיקע מאָנאַסטירן, ווו הונדערטער „היי־ליקע" פאַרברענגען זייער לעבן אין גאָטעסדינסט, אין זעלבסטפּייניקונג, אין ווידויים. צו די דאָזיקע „הייליקע" קומען אָפט פּילגרימען — אויסבעטן אַ תשובה אויף זייערע עבירות. די פּילגרימען באַגיטיקן די מאַנאַכן מיט געלט, מיט פּראָדוקטן. און די מאַנאַכן „ראַטעווען" די פּילגרימישע נשמות דורך תפילה, דורך „הייליקע" זאַלבן.

איז געשטאַנען ביים סאָט אַן אַלטער מאַנאַסטיר — אַ באַרימטער מיט זיינע „הייליקע", וואָס טראָגן פאַרצייטיקע נעמען: פּעאָפּילאַקט, קסענאָפאָנט, פילאָפיי,

וויסאריאָן, א. א. האָט דער סאַטיער „סקיט״ (מאָנאַסטיר) געשמט מיט זיין „געמי־לאַכקייט״, מיט זיינע „וווּנדער״, און די מאָנאַכן זיינע האָבן געלעבט ווי אוראַלטע מענטשן.

קומט אַראָפּ אַהערצו אַ גרופּע באַלשעוויקעס — מענטשן מיט פאַרשטאַנד, ווילן, סאָציאַליסטישער התלהבות. און מע נעמט דאָ אויפשטעלן אַ גרויסע צעליולאָז־פאַבריק. סאָוועטנלאַנד נויטיקט זיך אין פּאַפּיר און פּאַפּיר מאַכט מען פון האָלץ, און וווּ נאָך איז פאַראַן אַזויפיל האָלץ, ווי אין די בראשיתדיקע וועלדער, וואָס אַרום דעם טייך סאָט?

ווערט אויפן סאָט אַן איבערקערעניש. עס אַרבעטן דאָ: דער הויפּט־אינ־זשענער אַטוואַדיעוו — אַ מענטש מיט אַ געוואַלדיקער ענערגיע; דער יונגער אינ־זשענער פאָוואַראָוו — אַ טיפּ פונעם נייעם דור: די בעמיקערן סוזאַנע — אַ טאָכ־טער פון אַן אַלט רעזשימנעם אינזשענער, וועלכע רייסט איבער מיטן טאַטנס דרך און שענקט זיך אָוועק דער ראַטן־בוויונג; דער שעפער פונעם סאַטבוי־פּלאַן טיאָמקין, אַנדערע אינטערעסאַנטע באַלשעוויקעס. — און די אַרבעט הייבט זיך אָן. אין סאַטבוי ווערן אַריינגעטאָן גרויסע געלטער. מע שטעלט אויף ריזיקע פאַבריק־גע־ביידעס. מע בויט אויף אַ באַן־ליניע. און פון עקן אַלע לאַנד ציען זיך אַהער קוואַליפיצירטע אַרבעטער. און אָט, ווי דער מחבר שילדערט די אַהער זיך־ציענ־דיקע אַרבעטער־מחנות:

„געשפּאַנט האָבן דאָ אַלע די, וואָס מיט זייער מי איז דורות־לאַנג פול געוועזן דאָס לאַנד ראַסיי. ס׳האָבן זיך געצויגן פּאַמעלאַך, געשפּאַרט די כוחות, די ריאַזאַנער זעגער און גלעזער. לייטיש, אין אַרדענונג, מיט ווירדע האָבן געשפּאַנט די וויאַטקער און טווערער מויערער און אויוון־זעצער. די האָר זייערע האָבן פון אונטער די היט־לען אַרויסגעשטעקט דיבאָם, מחמת דעם קלעפּיקן ליים־שטויב. ייִנגליש, פלינק, אי־בעריאַגנדיק די אַנדערע, האָבן געאײַלט די לצים, די וואָלאָגדער שטוקאַטורן גע־שלעפּט האָבן זיך האַלב שיכורלאַך די פריילאַכע קאָסטראָמער מאַליארעס, און זייערע פּענזלעך האָבן געפּאַכעט איבער זיי. ס„האָבן זיך שווער באַוועגט די סמאָלענסקער ערדגרעבער, מיט די הענט און פּנימער פון ערד־קאָליר. ס׳זענען דורכגעגאַנגען בלע־כער, בעטאָנשטשקעס, שמידן. פּערמיאַקעס, פּסקאָוער, וויאַטקער און איינוווינער פון אַנדערע גובערניעס, ווו ס׳איז געוואָרן איבער די כוחות צו פויערעווען לויטן שטיי־גער פון די עלטערזיידעס, און קיין נייער שטייגער איז נאָך דערוויילֿ ניט געווען. ביים סוף מענטשנשטראָם האָבן ניט געטראָטן, נאָר זענען פייערלאַך געשוואומען וולאַדי־מירער טעסלער, וואָס ס׳גייט אַ ווערטל וועגן זיי: „זיי וואָלטן אפילו אַ זייגער צורעכטגעמאַכט, ווען זיי וואָלטן קאָנען אַריינרוקן אַהין אַ האַק״. געפירט האָט זיי אַ גרויער בערדיקער פאַרשוין, פאַדיי אַקישין, וואָס האָט געשמעקט מיט בוים־שפּאָן און געשמט שוין דערמיט אַליין, וואָס ביי יעדער בוויונג פלעגט ער זיך קודם־כל דערפרעגן: „און ווו איז ביי אייך דער סאַרטיר?״ ביי די דאָזיקע געבייעלעך פלעגט ער אַרבעטן אויסער דער נאָרמירטער צייט און אַן לוין. דעם אמת דאַרף

מען זאגן, סאַרטירן פּלעגן זיך ביי אים באַקומען אַן אַנטיק״.

און די בוינג צעפּיבערט זיך. אָבער שוין ביים אָנהייב קומען פאַר צוזאַמענשטויסן. די צוויי קעגנזעצלאַכע וועלטן — סאָציאַליזם און אוראַלט — הויזן ניט. קומט פאַר דער ערשטער (דערווייל — בלויז ווערטערלאַכער) צוזאַמענשטויס אין סאַטיער באַרימטן מאַנאַסטיר, וווּ סע שטייען איין די באָלשעוויסטישע געסט. די מאַנאַכן דערשפּירן אין זיי, אין די באָלשעוויקעס, געפערלאַכע שונאים. די קאָמוניסטישע אינזשענערן ווידער שטויסן זיך דאָ אָן אויף אַ „כינעזישער וואַנט״. און אויף צענדליקער זייטלאַך איז בוך שילדערט לעאָנאָוו דעם ווערטער־און אידייען־געראַנגל צווישן די באָלשעוויקעס און די מאַנאַכן. דערביי דערשפּירן די באָלשעוויקעס, אַז די מאַנאַכן זענען היפּש אַנטי־סאָוועטיש. און שפּעטער־צו ווייזט זיך טאַקע אַרויס, אַז צווישן די־אַ מאַנאַכן געפינען זיך געוועזענע באַנדיטן.

לויטן בוי־פּלאַן מוז מען דאָ אַראָפּנעמען איינס אַ דערפל — מאַקאַריכע. און אויך דעם סאַטיער מאַנאַסטיר מוז מען אַראָפּנעמען. די מאַנאַכן זעען, אַז די טעג זייערע זענען געציילטע. און — וווהין וועלן זיי גיין פון דאַנען? דער מאַנאַסטיר איז זייער לעצטער מקום־מקלט! פאַראַן אפילו אַן אויסוועג: זיי, די מאַנאַכן, זאָלן ווערן באָלשעוויקעס. און מע רעדט זיי אַפילו צו צו דעם. זיי ווילן אָבער ניט הערן. דאָך „שמדן״ זיך אַ פּאָר פון זיי. דער דאָזיקער „שמד״ אָבער איז ניט קיין געלונגענער. איינער פון די „געשמדטע״ — ווייזט זיך נאָכדעם אַרויס — איז אַ ווייסגוואַרדייער און ער שעדיקט די סאָטבוי־אַרבעט. און דער צווייטער הייבט אָן זיין „ניי״ לעבן מיט אַ ווענערישער מחלה.

אויב אָבער דער „עקספּערימענט״ מיט די מאַנאַכן איז ניט קיין געלונגענער, גיט ער זיך פיל מער איין מיט דער סאַטיער באַפעלקערונג. צוביסלאַך פירט מען דאָ איין אַ ניי לעבן. אין דאָרף מאַקאַריכע, וואָס ווערט אַריבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט, אָרגאַניזירט זיך אַ קאָמוניסטישע יוגנט. מע בויט אויף אַ שולע, אַ שפּיטאָל. מע קלערט אויף די אומוויסנדע פּויערים. מע ציט זיי צו צו פאַראַנטוואָרטלאַכער אַרבעט. און דער הויפּט־אינזשענער, אוואַדיעוו, אַ וווּנדערלאַכער מענטש, וואָס איז זיך ממש מקריב צוליב דער סאָטבוי־אידייע, — טרוימט שוין פון יענער ליכטיקער צייט, ווען:

„די געגנט בליט אין ווילטאַק, די אַרבעט־פראַגע איז געלייזט, די לאָזונגען פון סאָציאַליזם גייען אַראָפּ פון די גאַס־לייוונטן אין לעבן אריין. ביי דער שיין פון עלעקטרע עסן די פּויערים קאָלעקטיוו אַ פיל־מאַכלימדיק וואַרעמעס און, דאַנקבאַר, שמייכלענדיק צום קאָמבינאַט־פאַרטרעט, הערן זיי ראַדיאָ־מוזיק״.

די דאָזיקע גליקלאַכע צייט אָבער איז נאָך ניט נאָנט. די סאַטיער ווילדע באַפעלקערונג טרויט נאָך קנאַפּ די באָלשעוויקעס. צווישן דער דאָזיקער באַפעלקערונג זענען פאַראַן אַ סך קולאַקעס. אָרגאַניזירן זיי באַנדעס, שעדיקן די אַרבעט פון סאָטבוי.

צו דער שטערונג פון די היגע פינצטערע כוחות קומט צו די שטערונג פון

דער סאָטיער נאַטור. די צפונדיקע שטרענגע נאַטור לאָזט זיך ניט באַצווינגען. דער שטילער טייך סאַט פאַרבאַהאַלט אין זיינע טיפן געוואַלדיקע קאַטאַסטראָפעס. זיי קענען אַמאָל אַפּווישן צען סאַטבויען.

און די נאַטור צעשפּילט זיך טאַקע. וואָכנלאַנגע רעגנס פּאַרפּלייצן די גאַנצע געגנט, ברענגען אַרויס דעם סאַט פון זיינע ברעגן, רייסן אויף אַ גרויסן טייל פונעם סאַטבוי. אין שטאַרק קינסטלעריש שילדערט לעאָנאָוו דעם נאַטור־אויסברוך, ווי אויך דעם מוסטערהאַפטן קאַמף פון די באָלשעוויסטישע אינזשענערן קעגן דער „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער" סטיכיע. דער קאַמף קאָסט קרבנות. די סאַטבוי אַרבעט אָבער ווערט ניט איבערגעריסן.

סאַטבוי שטייגט. און צוזאַמען מיט דער צעליולאָז־פאַבריק, וואָס וועט פּראָדוצירן דעם נויטיקן פּאַפּיר, שטייגט דער ליכטיקער באַוווסטזיין פון דער סאָטיער פינצטערער באַפעלקערונג. דער אָנהייב פון סאָציאַליזם איז שוין דאָ. די ווילדערניש רוישט שוין מיטן מיטן קלאַנג פון מאַטאָרן, מיטן פייף פון פאַבריק־סירענעס. די טויזנט־יאָריקע וועלדער האָבן זיך צעטשוכעט פון זייער לאַנגן שלאָף. און דער סאָטיער באַרימטער מאָנאַסטיר דערלעבט שוין זיינע לעצטע טעג:

„וואָס קאָלירנדיקער עס האָט זיך צעלאָזט דער פרילינג, אַלץ געדיכטער איז געוואָרן די פינצטערניש איבערן סקיט. פּאַר וואָרעמעס פלעגן זיך די זקנים צונויפקומען אויף יענער באַנק, פון וועלכער אוואַדיעוו האָט ערשט ניט לאַנג געצייכנט די מפּה פון די צוקונפטיקע שלאַכטן. זיי האָבן שטום־שווייגנדיקע באַוווּנדערט דאָס געשטאַלט, וואָס עס באַקומט אויפן סאַט די אונטערגעטריבענע געשיכטע. אין די אַלטע ספרים, וואָס זענען פאַרשלאָסן אין פייערלאָכע לעדער־ארונות, האָבן זיי געזוכט ענטפערן אויף זייערע שאלות. נאָר עס איז דאָרט, אין די ספרים, גאָרניט ניט געשטאַנען געשריבן ניט וועגן רעוואָלוציע, ניט וועגן צעליולאָז, — געשריבן איז בלויז געשטאַנען איין צעשוומען וואָרט: אַנטיכריסט. און אמת טאַקע: צוויי טויזנט גרונטלייגער פון נייעם טעסטאַמענט אויף דער ערד האָבן זיך געפּאַרקעט הינטער מאָקאַריכע".

„צייט, פאָרויס!“ פון וו. קאַטאַיעוו

יידיש — ש. ראָסין, „אמת“, מאָסקווע, 1933.

סאָוועטנלאַנד האַלט שוין איצט אינמיטן דעם צווייטן פינפיאָרפּלאַן. מע גרייט זיך שוין צום דריטן. מע הערט אָבער ניט אויף שרייבן וועגן ערשטן, מיט וועלכן דאָס לאַנד האָט אָנגעהייבן אַ נייע עפּאָכע.

ביזן ערשטן פינפיאָרפּלאַן איז דער ראַטנפאַרבאַנד — אין זין פון אינדוס־טריאַליזאַציע — געווען געוואַלדיק הינטערשטעליק לגבי אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. און כדי „אָניאָגן און איבעריאָגן“ אייראָפּע (ווי אויך אַמעריקע), איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער פינפיאָרפּלאַן. דער פאַרמעסט אָבער מיט אַלע אַנדערע, ביז גאָר ציוויליזירטע לענדער איז ניט אויסן געווען בלויז — „אויך ווערן ציוויליזירט, מאַשיניזירט, אינדוסטריאַליזירט“. דער ענדציל פון די פינפיאָרפּלענער איז — סאָציאַליזם. אָט די־אָ גרויסע אידייע באַגייסטערט עס אַזוי די סאָוועטישע מאַסן, סטימולירט זיי צו וועלט־רעקאָרדן אויף פאַרשיידענע געביטן. אָט די־אָ אידייע איז עס דער גורם צו די באַרימטע ראַטן־שלאָגלער, צו די פאַרשיידענע „סאָצגעוועטן“. און די־אָ אידייע האָט עס דעם סאָוועטישן זייגער, די ראַטנפאַרבאַנדישע צייט אַ יאָג געטאָן פאָרויס.

אין סאָוועטנלאַנד איז צייט טייערער פון גאָלד. מען יאָגט דאָרט מיט אַן אומגלויבלאַכער שנעלקייט צום סאָציאַליזם. דאָס לאַנד ענדערט זיך שווינדלענדיק. און די דאָזיקע אימפּעטיקע אומבייט־פּראָצעסן האַלטן געשפּאַנט די פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט, פון דער סאָוועטישער קונסט. די ראַטנפאַרבאַנדישע וויסנשאַפט פאָרשט איצט מיט אַ פאָעטישער התלהבות, און די דאָרטיקע קונסט שאַפט מיט אַ וויסנשאַפטלאַכן דאָרשט. שרייבט מען איצט אין סאָוועטנלאַנד וויסנשאַפט־לאַכע ווערק, דורכגעגליטע מיט דיכטונג און קונסט־שאַפונגען — געבויט אויף יסודות פון דער וויסנשאַפט. און אַזאַ מין קונסט־שאַפונג איז וו. קאַטאַיעווס בוך „צייט, פאָרויס!“.

דער אינהאַלט פון בוך איז אַזאַ:

אויפן ווייטן אוראַל, אין אַ ווילדערניש, הונדערט פופציק קילאָמעטער פון אַן אייזנבאַן, בויט זיך אַ נייע שטאָט. זי בויט זיך, די דאָזיקע שטאָט, אַרום בערג, געוואַלדיק רייכע מיט נאַטירלאַכע אוצרות. ווען מע זאָל די דאָזיקע אוצרות ווי געהעריק אויסנוצן, קאָנען זיי צושטעלן די נויטיקסטע מאַטעריאַלן פאַר דער סאָוועטישער שנעל וואַקסנדער אינדוסטריע. ווערט דאָ אויפגעשטעלט אַ ריזיקער קאָמבינאַט, וווּ עס וועלן אַרבעטן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, און אַרום קאָמבינאַט בויט זיך די שטאָט.

דער אויסזען פון דער־אַ שטאָט, ווי אויך די באַוווינער אירע, איז משונהדיק ניי. די מענטשן דאָ זענען פאָרשטייער פון פאַרשיידענע סאָוועטישע פעלקער: רוסן, אוקראַינער, טאָטערן, יידן, גרוזינער — — — פאַראַן דאָ אויך ענגלענדער, אַמעריקאַנער. און אַלע שטאָט־תושבים זענען פאַרבונדן צווישן זיך דורך איין אידייע — סאָציאַליזם.

און — ווי לעבן זיי דאָ, אָט די־אַ פאַרשיידענע מענטשן, אין דער נייער סיבירער שטאָט? און אַוועלכע זענען זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען? — ווערן די־אַ פראַגן פאַרענטפערט באַלד אויף די ערשטע בוך־זייטלאַך. אָט איז, למשל, דער אינזשענער מאַרגאַליס — אַ ייד, אַן אָנפירער מיט אַ היגן בוי־באַצירק. איז ער מיטן גאַנצן „איך" זיינעם אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. און ער פאַרגעסט אַפילו צו עסן, צו שלאָפן. און אַ באַלשעוויק איז ער אַ פאַנאַטישער. אין דער זעלבער צייט אָבער איז ער אַ ביז גאָר אויפמערקזאַמער צו זיינע מיטאַרבעטער, אַ זעלטן האַרציקער און צוגעלאָזענער. און אַלע דאָ, באַזונדערס, די יוגנט, ליבן אים.

אונטער מאַרגאַליסעס אָנפירונג געפינען זיך אַ צאָל בריגאַדירן: כאַנומאַוו, יערמאַקאָוו, אישטשענקאַ א. א. זיי זענען פשוטע אַרבעטער. די ראַטנמאַכט גיט זיי אַ מעגלאַכקייט צו ווערן באַוווסטזיניק. בויען זיי דאָ התמדהדיק אַ ניי לעבן. און אויך זיי פאַרגעסן אָפט אַן עסן, אַן שלאָפן. כדי אויספילן דעם פּראָיעקטירטן בוי־פּלאַן, אַרבעטן זיי, ווי די רוחות. און אין ערשטן טאָג, ווען מיר טרעפן זיי ביי דער אַרבעט, — ביים אויפשטעלן נייע טיילן פונעם ריזיקן קאָמבינאַט, — געשעט פאָלגנדעס: אין כאַרקאָוו האָבן „שלאָגלער" דערגרייכט אַ וועלט־רעקאָרד פון בעטאָן־מויערונג. דריי הונדערט בעטאָן־פאַרקנעטן האָבן זיי געמאַכט אין אַ וואַכטע פון אַכט שעה. רייצט אויף די דאָזיקע ידיעה דעם „אַפּעטיט" פון די אוראַלער „שלאָגלער" — און זיי פאַרמעסטן זיך מיט כאַרקאָוו. אין איין וואַכטע — אַכט שעה אַרבעט — זאָגן זיי צו צו מאַכן ניט דריי הונדערט בעטאָן־פאַרקנעטן, נאָר פיל מער. דער דאָזיקער געוועט איז ניט „סתם אַ געוועט" — עס איז אַ „סאָצגעוועט". און דעריבער — די גרויסע באַגייסטערונג, די געוואַלדיקע אָנשטרענגונג. דאָס בויט מען — מיטן אייגענעם ווילן, פאַר זיך און פאַר די קומענדיקע דורות, — אַ נייעם קאָמבינאַט, אַ נייע שטאָט, **אַ ניי לאַנד!**

אָט דער־אַ געוועט איז עס — די „אַקס", אַרום וועלכער עס דרייען זיך אַלע ווייטערדיקע געשעענישן אין בוך. חוץ געוועט אָבער באַווייזט אונז דער מחבר צענדליקער אינטערעסאַנטע טיפּן. ער שילדערט דעם אויסזען פון דער נייער אוראַלער שטאָט, און ער באַזינגט קינסטלעריש דעם גאַנצן „כאַאָס" אין און אַרום דעם דאָזיקן נייעם, צום סאָציאַליזם שפּאַנענדיקן ישוב.

און אַ כאַאָס איז נאָך דאָ אַ גרויסער. צום נייעם בוי־פּונקט ציט מען זיך פון אַלע ראַטנפאַרבאַנדישע עקן און ווינקלען. עס קומען פּראָסטע אַרבעטער. עס קומען אינזשענערן, זשורנאַליסטן, בעלעטריסטן, סתם נייגעריקע. און אינטערעסאַנט: אָט־די אַלע אַראָפּגעקומענע ווערן דאָ תיכּף פאַרכאַפּט פונעם פיבערדיקן בוי־פּראָצעס. וואָרעם דער סאָוועטישער מענטש איז בלויז פאַראינטערעסירט ניט

בלויז אין זיין אייגן ארבעט־ווינקל, ניט בלויז אין זיין פּריוואַטער טעטיקייט, נאָר אין יעדער לאַנד־געשעעניש, אין יעדן מלוכה־אויפטו. און כאַראַקטעריסטיש איז די באַגריסונג, מיט וועלכער די מענטשן באַגריסן זיך דאָ: „שלום עליכם, באַלעבאַס!". און יעדער איינער דאָ פילט זיך טאַקע, ווי אַ באַלעבאַס.

אָט למשל, קומט אַהער דער שרייבער געאָרגי וואַסיליעוויטש. ער קלייבט זיך שרייבן אַ בוך וועגן דער סאָציאַליסטישער אַרבעט אויפן אוראַל. דערביי ווייס ער איינס: באַאָבאַכטן, אַנזאַמלען די נויטיקע פאַקטן, מאַטעריאַלן, ווי געהעריקן באַזי־נען זיי און — נעמען זיך צו דער אַרבעט, צום בוך. ווערט ער אָבער, ווי אַלע, פאַרכאַפּט פונעם סאָצגעוועט, וואָס דאָ גייט אַן מיט כאַרקאַוו, און ער נעמט דירעקט העלפן די היגע „שלאַגלער". אים איז שוין ווייניק בלויז צו שרייבן וועגן דער היגער סאָציאַליסטישער אַרבעט — ער מוז שוין אין דער־אַ אַרבעט פיזיש אַנטיילנעמען.

אָט מיט אַזעלכע מיני מענטשן איז פול קאַטאַיעווס בוך „צייט, פאָרויס!". אַזאַ מין מענטש איז דער זשורנאַליסט ווינקיטש. אַזעלכע זענען די קאָמסאָמאָלצעס קוטייסאָוו, טריגער, אַלקע טרעגובאָווע א. א. אַלע זענען זיי דירעקטע אַנטיילנעמער אין דער ריזיקער בוי־אַרבעט, ווי אויך אינעם אימפּעטיקן געוועט. און דער געוועט ווערט געוווּנען. אוראַל שלאָגט רעקאָרד מיט 429 בעטאָן־פאַרקנעטן אין אַן אַרבעט־וואַכטע פון אַכט שעה.

אָבער ניט בלויז פּאָזיטיווע העלדן ברענגט אַרויס קאַטאַיעוו אין זיין אינ־טערעסאַנט ווערק. פאַראַן דאָ אויך נעגאַטיווע געשטאַלטן. למשל: די שלאַגלער סיענקאָ און זאַגיראָוו, וועלכע פירן זיך אויף כוליגאַניש, שפּילן גאָר אָפט אין קאָרטן, פּרוּוון אַפילו אָראָפּרייסן דעם געוועט. אויך איינער אַ נאַלבאַנדאָוו, אַן אינזשענער, ווערט דאָ געמאָלן „ניט איבעריק גינסטיק". דער דאָזיקער נאַלבאַנדאָוו איז אַ גוטער באַלשעוויק. ער איז אָבער ניט פריי פון גאָר וויכטיקע חסרונות. אַזוי, למשל, איז ער מקנא מאַרגאַליסן פאַרן דערפאָלג זיינעם מיטן סאָצגעוועט און — ער שטערט אים אַפילו אין דעם.

אין בוך זענען אויך אַריינגעפלאָכטן עטלעכע ליבעס. קיין וויכטיקע ראָל אָבער שפּילן זיי ניט. דער עיקר איז דאָ דער נייער מענטש, דער שלאַגלער, דער טעמפּאָ־געבער, דער סאָציאַליזם־בויער. און אויף צענדליקער בוך־זייטלאַך ווערן גע־פירט אינטערעסאַנטע שמועסן וועגן נייעם, סאָוועטישן מענטש און לעבן. אָט איז, לדוגמא, אַ שמועס צווישן דעם אַמעריקאַנער מיליאָנער ריי רופּ, וועלכער גאַסטעט איז סאָוועטנלאַנד, און דעם אינזשענער נאַלבאַנדאָוו:

— „בבל, בבל, — האָט מיט אַ זיפץ אַ זאָג געטאָן מיסטער ריי רופּ, הויך אַרויסזאָגנדיק זיינע געדאַנקען. — צי איז דען די וועלט ניט שיין. וואָס פעלט זיי, די מענטשן?".

„אָט־אַ דאָ, אויף דעם אָרט, וווּ מיר שטייען איצט, וועט אין אַ יאָר אַרום זיין אַ סאָציאַליסטישע שטאָט", — האָט דייטלאַך אַ זאָג געטאָן נאַלבאַנדאָוו.

מיסטער ריי רופּ האָט מעכאַניש אַ קוק געטאָן אויף דעם אָרט, וווּ זיי זענען געשטאַנען און האָט דערזען אין גראָז אַ מאָדנע זאַך. ער האָט אַ קאַלופּע געטאָן

מיטן שטעקן, האָט עס אַנגעטשעפּעט און אויפגעהייבן. דאָס איז געווען אַן אַלטע אויסגעטראָטענע פּאַסטעלע. מיסטער ריי רופּ האָט מיט אַן אויפמערקזאַמער נייגע־ריקייט געקוקט דערויף און האָט לסוף געזאָגט:

— „אַך יאָ, איך פאַרשטיי, דאָס איז אַזאַ מין רוסישער נאַציאָנאַלער שוך, זייער אינטערעסאַנט. אָבער איך האָב פאַרגעסן, וויאַזוי דאָס רופט זיך, לעאָנאַרד".

— „דאָס הייסט אויף רוסיש לאַפּטיעס" — האָט געענטפערט לעאָנאַרד דאַרליי (מיסטער ריי רופּס אַ סעקרעטאַר, וועלכער פאַרשטייט רוסיש און זעצט עס איבער אין ענגליש פאַרן „באָס" זיינעם).

— „יאָ, יאָ, איצט דערמאָן איך זיך. ליאַפּאַט — הייסט עס אויף רוסיש — האָט איבערגעחזרט ריי רופּ. ליאַפּאַט. אַ פויערשער ליאַפּאַט. פון איין זייט — בבל און פון דער צווייטער — אַ ליאַפּאַט. דאָס איז פּאַראַדאָקסאַל".

נאַלבאַנדאָוו האָט נאָכאַמאָל פאַרעקשנט געזאָגט:

— „דאָ וועט זיין אַ סאָציאַליסטישע שטאָט פאַר הונדערט און פופציק טויזנט אַרבעטער און אַנגעשטעלטע".

— „יאָ, אָבער צי דען וועט דורכדעם די מענטשהייט גליקלאַכער ווערן? און צי איז ווערט דער דאָזיקער קומענדיקער גליק אַזעלכע אָנשטרענגונגען?"

— „איר זענט ניט גערעכט — האָט נאַלבאַנדאָוו אַ זאָג געטאָן צום אַמע־ריקאַנער. — ביי אייך סטאַיעט ניט קיין פאַנטאַזיע. מיר וועלן באַזיגן די נאַטור און וועלן צוריקקערן דער מענטשהייט דעם פאַרלאָרענעם גן עדן. מיר וועלן אַרומ־רינגלען דעם קאָנטינענט מיט וואַרעמע שטראָמען. מיר וועלן צווינגען די אייז־אָקעאַנען אויסצואַרבעטן מיליאַרדן קילאָוואַט עלעקטרע. מיר וועלן אויסהאָדעווען סאָסנעס אַ קילאָמעטער די הייך".

1935

די פּלאַמיקע קאָלכידע

וועגן בוך „קאָלכידע” פון קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי,
פון רוסיש — דוד רויכל, „ליטעראַרישע בלעטער”, וואַרשע, 1935.

מיט עטלאַכע יאָר צוריק האָט זיך אין סאָוועטנלאַנד באַוויזן אַ נייער טאַלאַנטפולער שריפטשטעלער — קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי. דער דאָזיקער פּראָזעשרייבער איז שנעל אַנערקענט געוואָרן ניט בלויז אין סאָוועטנלאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד — פון ראָמען ראָלאַן און פון אַנדערע באַרימטע שרייבער. פּאַוסטאָווסקיס ווערק זענען שוין דערשינען אין אַ סך שפּראַכן. און וועגן איינס פון זיינע נייסטע ביכער — וועגן בוך „קאָלכידע” — ווילט זיך מיר אַ שמועס־טאָן מיטן לייענער.

ווייניק מענטשן האָבן געהערט פון אַ געגנט מיטן מאָדנעם נאָמען „קאָלכידע”. און וווּ געפינט זי זיך, די דאָזיקע קאָלכידע, — פון דעם האָבן ניט געוווּסט אַפילו אַ סך באַלעזענע מענטשן. פיל האָבן געמיינט, אַז קאָלכידע געפינט זיך אין גריכנלאַנד, ווייל זי ווערט דערמאָנט אין האָמערס „איליאַדע”. מע ווערט אָבער איבעראַשט, ווען מע דערוויסט זיך, אַז קאָלכידע איז אַ טייל פונעם ראַטנפאַרבאַנד. שוין זייער לאַנג, ווי די דאָזיקע געגנט באַלאַנגט צו רוסלאַנד, און דער גרויסער רוסישער פּאָעט פּושקין דערמאָנט זי אין איינעם פון זיינע לידער — „פון די פינלענדישע קאַלטע פעלזן ביז דער פּלאַמיקער קאָלכידע”.

וווּ געפינט זי זיך, די דאָזיקע קאָלכידע? און וואָס איז זי פאַר אַ געגנט? ליגט זי אין טראַנסקאַווקאַז, צופוסנס די גוריער בערג, ביים ברעג פונעם שוואַרצן ים. און באַזעצט איז זי מיט אַן אַלטן מענטשן־שבט — די מאָנגרעלער.

הונדערטער יאָרן זענען די קאָלכידער תושבים אומגעקומען פון הונגער און מאַלאַריע. פון הונגער — ווייל די דאָזיקע פאַנטאַסטיש רייכע געגנט, די זוניקסטע, וואַרעמסטע און פרוכטבאַרסטע געגנט אין רוסלאַנד (ווי עס זאָגן אויף איר עדות אַזעלכע באַרימטע פּאָעטן, ווי שאָטאַ רוסטאַוועלי און אַלעקסאַנדער פּושקין), — איז יאָרנלאַנג געוועזן לחלוטין פאַרלאָזן. פון מאַלאַריע ווידער — ווייל קאָלכידע איז פול מיט פינצטערע דזשאָנגלס (אין וועלכע עס געפינען זיך שאַקאַלן, ווילדע חזירים, אַן אַ שיעור פלעדערמייז און אַ חיה, וואָס רופט זיך „נוטריאַ”) און מיט גיפטיקע זומפּן (פולע מיט שלאַנגען). דער קלימאַט אין קאָלכידע איז אַ סובטראָפּישער. אַכט חדשים אין יאָר האַלט דאָרט אין איין רעגענען. די געגנט ליגט צווישן ים און בערג. נאָך יעדן רעגן ווערט זי פאַרפלייצט. שטייען די קאָלכידער הייזער אויף

„סוואיעס". אבער אויך די „סוואיעס" העלפן ניט, און יעדע פארפלייצונג מאכט אן א שרעקלאכן חורבן.

געלעבט האבן די קאלכידער איינוווינער ווילד און פרימיטיוו. פון דער מאַ־לאריע האבן זיי זיך „געשיצט" דורך אזא מין „מיטל": אויפן ברוסט האבן זיי געטראגן א פוסטן נוס, אין נוס — אן אויסגעטריקנטע שפין. קאלכידע האט אויך פארמאגט אייגענע „געזעצן". אט איז איינער פון זיי: פאר אומברענגען א קאץ קומט טויטשטראף. זענען קיין קאלכידע (וואס ווערט שוין דערמאנט פון האמערן און וואס געהערט צום ראטנפארבאנד), ארפגעקומען א גרופע באלשעוויקעס: אינ־זשענערן, באטאניקער, קלימאט־פארשער, מעליאראטארן, אנדערע וויסנשאפטלער; און זיי נעמען פארוואנדלען די דאזיקע בראשיתדיקע געגנט אין א „סאוועטישער פלא־רידע".

פאוסטאווסקי, דער מחבר פון „קאלכידע", איז א מענטש מיט א סך וויסן, ווי אויך מיט א גרויסער פאעטישער פאנטאזיע. זיין בוך איז א סינטעז פון וויסנ־שאפט און דיכטונג. ביז גאר אינטערעסאנט בויט אויף דער מחבר א נייע קאלכידע — א געמיש פון איצטיקער וואר און „צוקונפט־מוזיק". דאס בוך איז באזארגט מיט א מאטא פון וולאדימיר לענין: „דעם סאציאליזם קען מען ניט אויפבויען אן פאנ־טאזיע". איז טאקע „קאלכידע" פול מיט „סאציאליסטישער פאנטאזיע". עס איז אבער ניט בלויז פאנטאזיע — עס איז שוין א שטיק סאוועטישע ווירקלאכקייט.

וואס פאדערט זיך, כדי צו פארטרייבן פון קאלכידע הונגער, מאלאריע און אנדערע אנשיקענישן? דארף מען אויסטריקענען די קאלכידער זומפן, אויסהאקן די דזשאנגלס, אפשאפן די אפטע פארפלייצונגען. דאן קען מען אין קאלכידע פאר־פלאנצן און אויסהאדעווען 15 טויזנט טראפישע און סובטראפישע געוויקסן, וועלכע פארמאגן אין זיך געוואלדיקע אוצרות פון שפייז, וויטאמינען, מעדיקאמענטן און אנדערע, זייער נייטיקע מענטש־באדערפענישן. דאן וועט קאלכידע פארפלאנצט ווערן מיט ציטרינען, מיט פארשיידענע סארטן טיי, און די שיפן, וואס ציען זיך קיין סאוועטנלאנד פון אלע וועלט־ענדן, וועלן דאן אריינשווימען אין די קאלכידער האפנס „ניט לויטן שיין פון די לייכט־טורעמס, נאר לויטן ריח פון די ציטרין־וועלדער": ווי עס דריקט זיך אוים אין בוך איינער א פשוטער פורמאן.

און עס הייבט זיך אן די גרויסע קולטיווירונגס־ארבעט. עס נעמען אין איר אנטייל: רוסן, גריכן, גרוזינער, מאנגרעלער און אויך אן ענגלישער מאטראס, וואס איז אפגעשטאנען פון זיין שיף און — פארבליבן אין סאוועטנלאנד. דער אוטאר פונעם פראיעקט אויסצוטריקענען די קאלכידער זומפן איז איינער אן אלטער אינזשע־נער — פאכאמאוו. ער לאזט אויפבויען א ריזיקן קאנאל, וואס וועט, בעת א פאר־פלייצונג אפציען די וואסערן, וועלכע פליסן ראשיק פון די גוריער בערג. דער דא־זיקער פאכאמאוו איז ניט בלויז אינזשענער — ער איז אויך דיכטער. זיינע וויסנ־שאפטלאכע פלענער פלעכט ער אדורך מיט אינטערעסאנטע געדאנקען וועגן פאעזיע

און מוזיק. אין קאַלבידע געפינט זיך איינער אַ מאַלער, אַן אויטאָדידאַקט, בעטשאַ, וועלכער מאָלט אַ פאַנטאַסטיש בילד פון דער „קינפּטיקער קאַלבידע". — עצהט אים פּאַכאַמאַוו, ער זאָל אויפמאָלן אין צענטער פון זיין בילד דעם פּאָרטרעט פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, וועלכער איז געוועזן „ניט קיין שלעכטער מעליאָראַטאָר".

אַ צווייטער וויכטיקער בויער פון קאַלבידע איז דער יונגער באָלשעוויק גאַבוניאַ. אויך ער איז אַן אינזשענער. ער איז אַן אַרטיקער. די איינוווינער האָבן געקענט זיין טאַטן און צו אים, צו גאַבוניאַן, באַציען זיי זיך מיט ליבשאַפט און יראת־הכבוד. גאַבוניאַ איז אַ שרעקלאָזער עקספּערימענטאַטאָר און אַ גרויסער טרוימער. איינמאָל, ביינאַכט, בעת אַ פּאַרפּלייצונג, — אין די זומפּן האָט מען געמוזט וואָס שנעלער פאַרענדיקן אַ געוויסע נויטיקע אַרבעט, — איז פאַרפאַלן געוואָרן אַ טייל פון אַ וויכטיקער מאַשין. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט און, צוליב דער פּאַרפּלייצונג, איז די גאַרע אַרבעט געשטאַנען אין סכנה. גאַבוניאַ האָט אַן דערפּאַלג אַרומגעזוכט אַ שטיקל מעש, אָדער בראָנז, — עס איבערצושמעלצן פאַרן פאַרפאַלענעם מאַשין־טייל. לסוף, ביי זיך אינדערהיים, איז דער בליק זיינער געפאַלן אויף לענינס אַ בראָנזענעם ביוסט. האָט גאַבוניאַ אַ כאַפּ־געטאָן דעם דאָזיקן ביוסט, אַריינגעוואָרפן אין אויוון און — איבערגעשמאָלצן פאַרן נויטיקן מאַשין־טייל. אַ סך פון זיינע מיטאַרבעטער האָבן נאָכדעם געקוקט אויף אים מיט פּחד. גאַבוניאַ אָבער האָט זיי דערקלערט, אַז לענינ גופא וואָלט אין אַזאַ נויט־פאַל געטאָן דאָס זעלביקע.

אַ וויכטיקע פיגור אין בוך איז דער יעגער גוליאַ. מע רופט אים „דער האַר פון די זומפּן". ער איז אַ ווילדער מענטש. יאָרנלאַנג פאַרבראַכט אין די קאַלבידער ווילדערנישן: זיך גענערט מיטן פלייש פון ווילדע חזרים, זשאַבעס, שלאַנגען, שאַקאַלן. די סאָוועטישע וואָר דערגייט אָבער אויך צו אים. ער דערוויסט זיך, אַז אינגיכן וועט מען אויסטריקענען די זומפּן, אויסהאַקן די דזשאַנגלס און ס'וועלן מער ניט זיין קיין ווילדע חזרים. ער, גוליאַ, וועט מוזן ווערן אַן אַרבעטער און — סאָוועטיש באַוווסטזיניק. נעמט ער טאַקע צוביסלאַך באַזינען די ריזיקע בוי־אַרבעט, וואָס די סאָוועטישע וויסנשאַפטלער פירן אַדורך אין קאַלבידע. און ער ווערט גאַבוניאַס אַ געהילף. איינמאָל אָבער בעט ער זיך אָפּ אויף אורלויב. ער גייט אויף יאַגד, דאָס לעצטע מאָל. און — ער ווערט פאַרפאַלן אין די קאַלבידער זומפּן. זיין דאָזיקער אַוועקגיין אָבער איז געוועזן מיט אַ וויכטיקן מיין. מיט אַ צייט צוריק האָט ער אין די זומפּן, לעבן אַן אַלטער פעסטונג, וואָס די רוימער האָבן אויפגעשטעלט, געפונען אַ זעלטן שיינע סטאַטוע פון אַ פרוי. און איצט, זיך דערוויסנדיק, וואָס גאַבוניאַ האָט געטאָן צו לענינס ביוסט און ווי ער באַדויערט עס, — האָט גוליאַ באַשלאָסן אַרויסצושלעפּן פון די זומפּן די שטיינערנע פרוי און ברענגען זי אַ מתנה דעם יונגן באָלשעוויסטישן אינזשענער. און נאָך אַ לאַנגער צייט פון שווערער מי גיט זיך גוליאַן איין אַרויסצושלעפּן פון די זומפּן די סטאַטוע פון דער פרוי. און ער ברענגט זי צו גאַבוניאַן. און ער זאָגט צו אים: „דאָס איז פאַר דיר — דו האָסט ליב דענקמעלער". און גאַבוניאַ באַדאַנקט אים מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„א דאנק דיר, פריינט. דו האסט פארשטאנען דאס, וואס עס פארשטייען ניט אפילו די קליגסטע מענטשן. אלדאס פיינע און גוטע, וואס איז פארבליבן פון די אמאליקע צייטן, וועלן מיר צונויפזאמלען, און אונזערע רייכטימער וועלן זיין גרעסער פון אלע רייכטימער, פון וועלכע די מענטשהייט האט אמאל געוווסט”.

גאבוניא האט נאכדעם א לאנגע צייט געבלעטערט אין אלטע ביכער, און ביי אריאנען האט ער געפונען א שטעל, וואס לייענט זיך אזוי:

„אויפן טייך פונעם פאזיס, אויף דעם לינקן ברעג, האב איך אויפגעשטעלט א סטאטוע פון דער וונדערשענסטער פרוי, די פאזיאנערין”. — און אט איז זי, די סטאטוע, וואס ווערט נאך דערמאנט אין האמערס „איליאדע”. העכער צוויי טויזנט יאר איז זי געלעגן פארזונקען אין די קאלכידער זומפן. איצט האט זי ניי־אנטדעקט א סאוועטישער יעגער

אן אינטערעסאנטע פיגור אין בוך איז דער האפן־קאמענדאנט פון דער קאלכידער שטאט פאטי — דער געוועזענער קאפיטאן טשאפ. ער איז אן אלטער ים־וואלף. צענדליקער מאל איז ער ארומגעפארן די וועלט, און אפט דערציילט ער פון זיינע ים־נסיעות וונדערלאכע געשיכטעס. ער איז אן אלטער בחור און איז פארליבט אין דער באטאניקערן ניעווסקאיא, וועלכע ארבעט אין קאלכידער „ציטרין־בוי”. זיינע ליבע־געפילן צו איר דריקט ער אבער אוים זייער פארזיכטיק. ניעווסקאיא איז ניט פון יענע פרויען, וואס ער, טשאפ, האט אמאל, בעת זיינע ים־רייזעס, געקענט. ניעווסקאיא איז דער שענסטער טיפ פון דער סאוועטישער פרוי. זי איז אן איבערגעבענע ארבעטארין, א פלאמיקע וויסנשאפטלערין, וועלכע אנטדעקט אין דער וועלט פון באטאניק א ים מיט קונסט און פאעזיע. זי גרייט צו די ערשטע אויסשטעלונג פון די געוויקסן, וואס זי האט, ווי אן עקספערימענט, פארפלאנצט אין דעם קאלכידער באדן. און פאר אונזער בליק צעעפנט זיך אן עקזאטישע וועלט, פול מיט וונדערלאכע געוויקסן, וועלכע ווערן דורכן מחבר זעלטן שיין באשריבן. בלויז פון די ריחות פון די־א געוויקסן קען מען פארשיכורט ווערן. היינט דער אויסזען זייערער — פון די ציטרינען, מאראנצן, וויינטרויבן, טיי, באמבוק, עקאליפט, ראמי, כינעזישער לאק־בוים, געראניום, אפריקאסן, חלב־בוים, אינדישער ווייץ, יאפאנעזישער רייז און צענדליקער אנדערע געוויקסן. אט דאס אלץ וואקסט שוין איצט אין דער „סאוועטישער פלארידע”. און דאס אלץ איז ערשט אן אנהייב.

צו די אויסגערעכנטע אינטערעסאנטע מענטשן, וועלכע ארבעטן אין קאלכידע, דארף מען צורעכענען א סך אנדערע: וואנא, קאכיאני, דער גרוזינישער יינגל כריסטאפארידי — — — יעדער איינער פון די־א און אנדערע העלדן אין בוך איז קינסטלעריש געשילדערט. די מענטשן ארבעטן דא אין שרעקלאך שווערע באדינגונגען. זיי ליידן פון מאלאריע, פון פארפלייצונגען, פון מוראדיקע שטורעמווינטן. קיינזאך אבער שטעלט זיי ניט אפ. און דער הויפט־קאנאל, וועלכער מאכט א סוף צו די קאלכידער פארפלייצונגען, ווערט ענדלאך געעפנט. און די אנטיילנעמער אין דער עפענונג האלטן פייערלאכע רעדעס. און דער אינזשענער קאכיאני, דער אנפי־

רער מיט די קאַלכידער מעליאָראַציע־אַרבעטן, פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„מיר, חברים, וועלן נעמען דאָס סאַמע ווערטפולסטע פון אַלע קולטורן און דאָס אַלץ צושמעלצן אין דעם שמעלץ־אויוון פון אונזער סאָציאַליסטישן געדאַנק און וועלן, בלי ספק, אָפּגיסן די גרעסטע קולטור, וואָס די מענטשהייט האָט אַמאָל געקאָנט".

1935

צייטיקע פּרוכטן

ווענן „פּרוכטן ווערן צייטיק" פון באָרים פּילניאַק,
יידיש — דוד רויכל, „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1936.

עס איז זעלטן צו טרעפן א בוך, אפילו פון א סאָוועטישן שרייבער, וואָס זאָל פאַרמאָגן אזויפיל גלויבן אין א זוניקער צוקונפט, אין א נייער מענטשהייט, ווי דאָס בוך „פּרוכטן ווערן צייטיק" פון באָרים פּילניאַק.

פּילניאַק איז א קינסטלער מיט א סך קולטור, א קינסטלער, וואָס פאַרייניקט אין זיך שכל און רוח הקודש, ראַציאָ און אינטויציע. די פריערדיקע ווערק זיינע זענען געווען פול מיטן שטייגער פונעם אַלטן, ווילדן, פינצטערן רוסלאַנד, מיט פּרעכטיקע שילדערונגען פון בראשיתדיקע נאַטור־ווינקלען. איצט, אין זיין נייעם בוך, האָט זיך פּילניאַק א קער־געטאָן מיטן פּנים צום אימפּעטפולן ראַטן־לעבן. עס איז א בוך, פול מיט ניט־געקינסטלטן גלויבן, מיט עכטער פרייד, מיט טיפע, אייגנאַרטיקע מעדיטאַציעס וועגן מענטש און וועלט, לעבן און טויט, היינט און צוקונפט. עס איז א בוך, וואָס לייענט זיך מיט גרוים הנאה, א בוך פון זעלטענער מייסטערשאַפט, פון הויכער קונסט.

די טעמע פון בוך? דער סיפּור־המעשה? קיין ראָמאַן אינעם געוויינלאַכן זין פון וואָרט איז עס ניט. עס איז, ראשית, א דערציילונג וועגן זיך זעלבסט — וועגן דעם פּילניאַק פון אַמאָל, פון פאַר דער רעוואָלוציע; ווי אויך וועגן דעם פּילניאַק פון איצט, פון יאָר 1935. והשנית, איז עס א רעפּאָרטאַזשן־בוך: באַשרייבונגען פון צענדליקער סאָוועטישע ווינקלען: ווי זיי בויען זיך, ווי זיי ווערן פאַרוואַנדלט פון מדבר אין ישוב, פון טונדרע אין שטאָט, פון אזיאַטישער פּרימיטיווקייט אין אייראָפּעישער ציוויליזירטקייט. והשלישית, איז עס די געשיכטע פונעם פאַרוואָרפענעם דערפל פּאַלעך — א דאָרף טיף אין רוסלאַנד, וווּ די איינוווינער זענען, זינט דעם זיבעצענטן יאָרהונדערט, געווען איקאָנע־מאָלער.

האָט דורות־לאַנג געלעבט א דאָרף מיט פאַרשקלאַפטע איקאָנע־מאָלער, מיט קינסטלער, וועלכע האָבן באַמאָלט מיט הייליקע בילדער הונדערטער רוסישע קלויסטערס און מאָנאַסטירן, און אליין זענען זיי געווען דאָס אייגנטום פונעם פּריץ.

דערציילט פּילניאַק ביז גאָר מייסטעריש די געשיכטע פונעם דאָזיקן דערפל — וויאַזוי מע האָט דאָ געלעבט פאַר דער רעוואָלוציע. האָבן די פּאַלעכער קינסטלער געלעבט ווי אנדערע לייב־אייגענע. פאַר דער מינדסטער זינד — אכזריותדיק געשמיסן געוואָרן, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר . . . די ווייבער און טעכטער זייערע זענען פאַרגוואַלדיקט געוואָרן פון די פּריצים, פון די פּריצישע זין. דאָס לעבן פון

די איקאָנע־מאָלער איז געווען אַ פּינצטערס, אַ גיהנומדיקס — — — איז געקומען די רעוואָלוציע. די פאַלעכער איקאָנע־מאָלער ווערן באַפרייט פון זייער דורותדיקן יאָך. עס פאַרינטערעסירט זיך מיט זיי די סאָוועטישע מלוכה. און פון נאָמענלאָזע „באַגאָמאַזשן” ווערן זיי פאַרדינסטפולע קינסטלער פונעם ראַטנפאַרבאַנד. און איצט אַרבעטן זיי, די פאַלעכער פּויערים־קינסטלער, אין אַ קונסט־אַרטעל; און זיי באַאַרבעטן צוזאַמען זייערע חלקים ערד. און פאַלעך גופא, וווּ מען האָט אַמאָל, צוליב די אַרומיקע זומפּן און בלאָטעס, ניט געקענט צוקומען, — איז איצט אַ ציווויליזירט ישוב. ניט געקוקט אָבער אויף דער פאַלעכער ציוויליזירטקייט, הערשט נאָך דאָ אַ היפּש פּאַטריאַרכאַלער לעבנס־שטייגער. און די גוטע זייטן פון דעם־אָ לעבנס־שטייגער שילדערט פּילניאַק אויסגעצייכנט. זיין בוך איז אַ געמיש פון אוראַלט און פון אולטראַ ניי, פון רוסלאַנד פון זיבעצנטן יאָרהונדערט און פון סאָוועטנלאַנד איצינד. אין דעם־אָ בוך אָבער איז שוין פּילניאַק אינגאַנצן אַ סאָוועטישער. און ער באַזינגט דאָ דעם סאָוועטישן גאַנג צו סאָציאַליזם.

— — — אָט אַזאַ איז פּילניאַקס ניי ווערק „פּרוכטן ווערן צייט ק”. אַ ווערק — אַ לויבגעזאַנג צום מענטשנס שאַפן. אַ ווערק, וווּ עס ווערן רעווידירט אַ סך קולטור־ווערטן. אַ ווערק, וווּ עס ווערט פּראָקלאַמירט אַ נייע עראַ: אַן עראַ פון אַ נייער מאָראַל — אַן „מיינס” און „דיינס”, אַן „אויבן” און „אונטן”. דער מחבר לאָזט זיך דאָ אַוועק אין לאַנגע ליטעראַרישע נסיעות, אין אינטערעסאַנטע מעדיטאַציעס וועגן אַלטער און נייער קונסט; אין אייגנאַרטיקע פילאָסאָפישע שמועסן, וווּ ער, פּילניאַק, נעמט צו הילף אַלבערט איינשטיין, אַנדערע באַרימטע וועלט־דענקער. אויך פירט דאָ דורך דער מחבר אַ פּאַראַלעל צווישן זיך און די קינדער זיינע, וועלכע רייסן זיך — ווי אַלע סאָוועטישע קינדער — צו די טיפסטע סודות פון דער וועלט, צו די טונקלסטע מיסטעריעס פון לעבן און — צעעפענען זיי, דערקענען זיי, געפינען פאַר זיי אַ באַשייד. פּילניאַק וויקלט דאָ פאַר אונז פאַנאַנדער דעם גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד. ער פירט אונז דורך שטעט און ישובים, דורך וועגן און מדבריות, און ער באַווייזט אונז אויף שריט און טריט, וואָס מענטשלעכער גלויבן און מענטשלעכע הענט האָבן, אין ווייניקער פון צוויי צענדליק יאָר, אויפגעטאָן . . .

1936

„נייע ערד“ פון פיאָדאָר גלאַדקאָוו

ייִדיש — שלמה שיינבערג, „אוניווערסאַל“, וואַרשע, 1934

אַ נייע ערד און — אַ נייער מענטש אויף איר. אָט דאָס איז געווען דער ציל פון דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, און די־אָ געוואַלדיקע אויפגאַבע פאַרווירקלאַכט איצט דער ראַטנפאַרבאַנד. עס זאָגן אויף דעם עדות די סאָוועטישע איבערגעאַנדערשטע שטעט, דערפער, פעלדער, טונדרעס. עס זאָגן עדות די סאָוועטישע מענטשן. עס זאָגן (אין טויזנטער ביכער) עדות די סאָוועטישע שרייבער — די טרייע אָפּשפּיגלער פונעם אימפּעטפולן ראַטנלעבן. און עס זאָגט עדות — אין זיין פּראַכטפול ווערק „נייע ערד“ — דער סאָוועטישער באַרימטער פּראָזע־מייסטער פיאָדאָר גלאַדקאָוו.

גלאַדקאָוו איז אַ מייסטער פון שפּראַך, פון פאָרם. ער מאָלט זעלטן גוט מענטשלאַכע פּנימער. ער דרינגט טיף אַריין אין מענטשלאַכע נשמות. ער ברענגט טרעפלאַך אַרויס פאַרשיידענע סיטואַציעס, קאָנפליקטן. ער איז אַ מוסטערהאַפטער צייכענער פון דער נאַטור, פון בעל־חי, פון אַלערליי קעגנשטאַנדן. באַרימט געוואָרן איז גלאַדקאָוו מיט זיין בוך „צעמענט“ — אַ ווערק מ׳ט אַ גרויסן מאַסן־פּאַטאָס; אַ ווערק, ווו עס קומען צום אויסדרוק די ערשטע נאָך רעוואָלוציע־יאָרן, די ערשטע עטאַפּן פון דער סאָוועטישער רעקאָנסטרוקציע. „צעמענט“ פאַרנעמט זיך, דער עיקר, מיטן סאָוועטישן שטאָט־מענטש, באַזונדערס מיטן פּראָלעטאַריאַט. עס איז אַ פולבלוטיק ווערק, ווו מיר הערן דעם סאָוועטישן „מי־גערויש“, ווו מיר זעען דעם „פליגלדיקן געפלי פון רעדער“. איצט, אין זיין ניי ווערק, — „נייע ערד“ — גיט אונז גלאַדקאָוו דעם סאָוועטישן דאָרף־מענטש — וויאַזוי דער דאָזיקער, היפּש נאָך פינצטערער עלעמענט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ באַוווסטזיניקן, בויערישן און שעפעריישן כוח.

ניט גרינג קומט אָן איבערצואַנדערשן מענטשן, וועלכע האָבן איינגעזאַפּט אין בלוט און מאַרך זייערן אַ דור־דורותדיקן לעבנס־שטייגער, אַלט־אַלטע פירונגען, זיטן, „פילאָזאָפיעס“. באַזונדערס שווער איז עס אין דאָרף. און מער נאָך — אין רוסישן דאָרף, וועלכער האָט ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע געשטעקט אין מוראדיקער פינצטערניש. די רעוואָלוציע אָבער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיינע שוועריקייטן. דער אַוואַנגאַרד אירער — די באַוווסטזיניקסטע קעמפער — האָבן זיך, כדי צו פאַרווירקלאַכן דעם ציל זייערן, ממש מקריב געווען. און אָט ליגן פאַר אונז די געראָטענע פרוכטן פון זייער האַרבער מי. אָט האָבן מיר פאַר זיך — צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד — טויזנטער מוסטערהאַפטע קאָלכאָזן —

„נייע ערדן“. און, ווי זייער אַן אָפּשפּיגלונג, קומט גלאַדקאָווס „נייע ערד“.

אין דעם־אָ ווערק ווערט דערציילט די געשיכטע פון אַ קאָמונע, וואָס לעבט איבער געוואַלדיקע שוועריקייטן — ביז זי קומט צו אַ טאָלק. „נאָר פון טויט ווערט געבאָרן אַ ניי לעבן“ — זאָגט איינער אַ העלד אין גלאַדקאָווס „נייע ערד“. — „ווערט־פול און אומשטערבלאַך — זאָגט ווייטער דער זעלבער העלד — איז נאָר דאָס, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין פּיין און אין בלוט — פאַר וועלכן עס איז געקעמפט געוואָרן מיט זעלבסטאָפּפערונג און גלויבן“. און אזא איז געוועזן דער אָנהייב פון דער קומונע „נייע ערד“. זי איז געבאָרן געוואָרן „פון טויט“. דאָס איז געווען אין די ערשטע נאָך אָקטיאַבער־יאָרן. צוליב דער מלחמה און בירגערקריג איז דאָס לאַנד געלעגן אַ פּאַרוויסטע. מיליאָנען מענטשן האָבן געהונגערט. אַזוי איז עס געווען אין די שטעט, אַזוי — אין די דערפער. האָט מען שרעקלאַך געליטן אויך אין די דערפער, וואָס פון זייערע מענטשן איז געשאַפן געוואָרן די קאָמונע „נייע ערד.“ אימהדיקע זאַכן זענען אין די־אָ מקומות געשען. מענטשן האָב אָפּט אָנגעוואָרן דעם צלם האדם. מען איז דערגאַנגען צו — מענטשנפרעסעריי. צווישן די־אָ הונגעריקע און לײדנ־דיקע האָבן זיך אָבער געפונען באַוווסטזיניקע באָלשעוויקעס. האָט זיך איינער פון זיי, וויעטראָוו, אַ געוועזענער פּאַרטיזאַן, אַ נעם־געטאָן שאַפן אַ קאָמונע. קעמפן קעגן פאַרשיידענע אומגליקן באַזונדער, יעדערער פאַר זיך, איז זייער שווער. צוזאַמען אָבער איז עס פיל גרינגער. נעמט זיך וויעטראָוו צו דער אַרבעט — אָרגאַניזירט אַ גרופּע קאָמונאַרן. און אָט באַזעצט מען זיך אויף דער קאָלעקטיווער ערד. און צוערשט איז דאָ זייער שלעכט. אַ סך קאָמונע־מיטגלידער זענען — אַ צופעליקער עלעמענט. מע קען זיך אויף זיי קנאַפּ־וואָס פאַרלאָזן. זיי ציט נאָך אָפּט צוריק אין דאָרף — צו די אָרעמע, אָבער אינדיווידועלע ווירטשאַפטן. דאַרף מען שטיין אויף דער וואַך. דאַרף מען קעמפן קעגן יעדן מין „דורכרייס“. טוען עס די בעסערע מיט־גלידער פון דער קאָמונע. און צוביסלאַך פאַרפעסטיקט מען זיך. און אָט ציילט שוין די קאָמונע דריי הונדערט נפשות „וואָס פאַרמאָגן גאָרניט זייער אייגנס, אָבער פאַרמאָגן אַלץ“. און גלאַדקאָוו צעוויקלט פאַר אונז זיין „נייע ערד“ ווען די־אָ קאָמונע געפינט זיך שוין אין אַ היפּש זיכערן צושטאַנד.

קומט אַהער צופאָרן איינע אַ יונגע פּאַרטייערין — האַליאַ. זי שטאַמט פון אַרבעטער־עלטערן. די ראַטנמאַכט גיט איר די מעגלאַכקייט זיך צו לערנען. ווערט זי אַ קינדער־דערציערין און פּאַרט אויף אַרבעט אין דער קאָמונע „נייע ערד“.

די ערשטע צייט איז איר דאָ זייער שווער. זי איז אַ שטאָטישע, מיט שטאָ־טישע מאַניערן, מיט פאַרשיידענע קליינבירגערלאַכע פּענטעס. ליידט זי דאָ צו־ערשט: פון דער היגער פּאַרוואָרפנקייט: פון די קאָמונע־מיטגלידער, וועלכע זענען, לויט איר ערשטן איינדרוק, וואולגאַרע: פונעם היגן בשותּפותדיקן לעבן, צו וועלכן זי איז ניט צוגעוווינט. אויף די זאַכן אירע, וואָס זי ברענגט אַהער, קוקט מען דאָ, ווי אויף אַלגעמיין אייגנטום. איז עס איר צוערשט ניט צום האַרצן. זי נעמט אָבער קעמפן מיט זיך. זי איז דאָך אַ פּאַרטייערין, אַ נייער מענטש, פון אַ ניי לאַנד; און געקומען

איז זי אין אַ קאָמונע, ווו סע שאַפט זיך אַ נײַ לעבן. — דאָרף זי אויסראָטן אין זיך יעדן שפּור פון „גרויסשטאָטישקייט" און — קלײנבירגערלאַכקייט.

טוט האַליאַ אַזוי און, צוביסלאַד, ווערט זי דאָ אַן אײגענע; ווערט ענג צו־נויפגעקניפּט מיטן היגן לעבן. און אַט שרײַבט זי אַ טאָגבוך — אַן אַלזײַטיקע אָפּ־שפּיגלונג פונעם היגן קאָמונע־לעבן. און פון דאָזיקן טאָגבוך דערוויסן מיר זיך פון אַלץ, וואָס איז „נײַע ערד" געשעט.

אַט דערוויסן מיר זיך, אַז וויעטראָוו, דער גרינדער און דער פּאַרזיצער פון דער קאָמונע, איז אין זײַן פּריוואַטן לעבן אַן אומגליקלאַכער. ער האָט אויסצושטײן פון זײַן ווײַב, וועלכע האָט ניט געוואָלט גײן אין דער קאָמונע, וועלכע האָט געחלומט פון אַן אַנדער לעבן; און איצט איז זי דער קאָמונע אַ שונא און פּאַרמיאוסט דאָ אַלעמען, ווי אויך דעם מאַן אירן, דאָס לעבן.

אַט באַקענען מיר זיך מיט די לעבנס פון אַנדערע מיטגלידער אין דער קאָ־מונע, מיט זייערע קעגנבאַציונגען, ראַנגלענישן, פּראָבלעמען. אַט איז הוליאַקאַ — דער סעקרעטאַר פון דער קאָמונע. האָט ער אַ פרוי, לושאַ, — אַ שיינע, אַ היפּש אינטערעסאַנטע. און זיי האָבן זיך שטאַרק ליב. לושאַ אָבער בענקט נאָך אַ קינד, און פון מאַן אירן קען זי עס ניט האָבן. לײַדן זיי ביידע. זיי זענען אָבער קאָמו־נאַרן, און אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך צו זאָגן, זאָגן זיי עס אָפן. זאָגט לושאַ אָפן, אַז צוליב אַ קינד וואָלט זי זיך געקענט אָפּגעבן אַ צווייטן. מאַכט אָפּ מיט איר הוליאַקאַ — איידער ער פאָרט, געשיקט פון דער קאָמונע, אויף אַגראָנאָמישע קורסן, אַז אויב איר, לושאַס, האַרץ, וועט זיך, אין דער צייט, וואָס ער וועט דאָ ניט זײַן, אַ צי־טאָן צו אַן אַנדערן, — מעג זי טאָן ווי דאָס האַרץ הייסט איר.

אַט דער־אָ הוליאַקאַ שמועסט אָפט מיט האַליאַן וועגן די פּראָבלעמען פון חתונה, פאַמיליע, געשלעכט, פּריוואַט־אייגנטום. וועגן פּריוואַט־אייגנטום זאָגט ער אַרום אַזאַ מין געדאַנק: דורך די אייגענע זאַכן פאַרוואַנדלט זיך דער מענטש אין אַ יעזש. יעדע זאַך — איז אַ שטײן, און דער שטײן פאַרצוימט דעם וועג צום מענטש".

און אַט דערוויסן מיר זיך וועגן אַן אײפערזוכט־עניז. איינער אַ קאָמונע־מיטגליד, שובין, האָט, צוליב איפערזוכט, צעשלאָגן זײַן ווײַב. ווערט איבער אים דורכגעפירט אַ משפּט, ווו מען „לופטערט דורך" די פּראָבלעם פון איפערזוכט בכלל און — בפרט אינעם קאָמונע־לעבן.

און אַט דערוויסן מיר זיך פון אַנדערע היגע דערשײנונגען. די קאָמונע און די אַרומיקע דערפער געפינען זיך אין פײַנטלאַכע צווישנבאַציונגען. די שולדיקע דאָ זענען די דערפער. די אײַנוווינער זייערע זענען נאָך שרעקלאַך אָפּגעשטאַנען. אין דער קאָמונע זעען זיי דעם טייוול. גײט אַן קעגן דער קאָמונע אַ שרעקלאַכע העצע, און די הויפּט־אָנפירערין פון דער־אָ העצע איז — די וויעטראָוואַ, די פרוי פונעם קאָמונע־פאַרזיצער. זי שטײט אין קאָנטאַקט מיט פאַרשײדענע פינצטערע עלעמענטן פון די אַרומיקע דערפער. שעדיקט מען די קאָמונע. צינדט מען זי אונטער. באַ־

וואַרפט מען די קאָמונע־מיטגלידער מיט שטיינער. און אָט ברעכט גאָר אויס אַ טראַגיקאָמישער בונט. די קאָמונע פאָרט אַרויס אויף טראַקטאָרס — פאַראַקערן די אַרומיקע ערדן. לאָזן זיך אַרויס קעגן די „שדישע" טראַקטאָרס אַ קאַפּטע אומוויסנ־דע דאָרף־פרויען.

חוץ דעם אַלעם, דערוויסן מיר זיך פון אַנדערע אינטערעסאַנטע קאָמונע־געשעענישן, און מיר ווערן אויך באַקאַנט מיט אַ גרויסער צאָל קאָמונע־מיטגלידער, צווישן וועלכע עס געפינען זיך אינטערעסאַנטע טיפּן: דער לערער פּראָכאָר, גרי־שיאַנאַ, באַנקין, ראָגאַטקין, קאַרפּוכאַ, נאַטאַשאַ, די טשושקינאַ, די זשיזשיקאָוואַ, אַקסיוטאַ, דוניאַ א. א. און חוץ דערוואַקסענע, זעען מיר דאָ יונגוואַרג, און קליינ־וואַרג, מיט וועלכע עס פירט אָן האַליאַ — די קינדער־דערציערין. דערצו זענען מיר עדות פונעם טאָג־איין, טאָג־אויס אין דער קאָמונע: פון דער אַרבעט אין פעלד, אין שטאַל, אין קיך: פונעם לעבן אין די היימען, אין די משפּחה־צימערן, אין די אַלגע־מיינע צימערן, אין די קלובן און פאַרווייַלונג־ערטער.

און פאַרשיידענע קאָנפליקטן ברענגט דאָ אַרויס — דורך האַליאַס טאָגבוך — דער מחבר. אָט איז דער שטאַרק דראַמאַטישער סוף פון וויעטראָווס ניט איינגעגעבן פּריוואַט־לעבן. ער צעגייט זיך מיטן ווייב, איבער וועמען עס ווערט דורכגעפירט אַ משפּט. אויפן משפּט האַלט וויעטראָוו פאָלגנדיקע רעדע:

— „שוין אַ לאַנגע צייט איז די דאָזיקע פרוי, די בירגערין וויעטראָוואַ, אַ שונא פון דער קאָמונע. זי האָט אײַנאָנהויב פּשוט סאַבאָטירט, און דערנאָך אָפּן אָנגעהויבן צו פירן אַ שעדלאַכע אַרבעט. זי איז אָבער געווען מיין ווייב, און כ'האָב עקשנותדיק געקעמפט מיט איר: געוואָלט זי מיט אַלע מיטלען איבערברעכן. איך האָב ניט פאַרלאָרן די האָפענונג. איך האָב געטראַכט: וואָס איז דער חילוק? איך וועל אַלץ איבערלעבן, אָבער זי איבערמאַכן. אָט דאָס דאָרפישע עקשנותדיקע געפיל פאַר אייגנטום האָט זיך צעבונטעוועט אין איר ניט מיטאַמאָל. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט צוויי יאָר צוריק, ווען סיי דאָס דאָרף און סיי מיר האָבן זיך אָנגע־הויבן אַוועקשטעלן פעסטער אויף די פיס. עס האָט זי אַ צי־געטאָן צוריק. דער כוח פון דאָרף האָט זיך אָפּגערופן אין איר, ווי אַ שלוקערץ. דערצו נאָך — די פאַרבינדונג מיט די עלטערן. ווי אַ מיטגליד פון דער קאָמונע, איז זי מחויב צו גיין אויף אַרבעט, וואָס ווערט פאַר איר באַשטימט, אָבער זי פאַרמאַכט זיך אין איר צימער. אָנשטאָט אַ דאָקטער — רופט זי אָן אָפּשפּרעכער, דעם פּאָפּ. אָנ־שטאָט אויף די לעקציעס פאַר ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם און אין קלוב אַריין — גייט זי בעסער אין דער צערקווע אַריין. זי האָט דאָ ניט קיין חברים און פריינט. זי שטעקט נאָך אינגאַנצן אין פאַרגאַנגענעם לעבן, און אירע פריינט — זענען אונ־זערע שונאים. זיי האָבן זי אויסגענוצט פאַר זייערע אינטערעסן. וואָס איז דער חילוק? היינטיקע געשעעניש איז אייך אַלע באַקאַנט. און אַזוי ווי, חברים, איך האָב ניט אין דער געהעריקער צייט אָנגענומען קיין אַנטשלאָסענע מיטלען קעגן דער דאָזיקער פרוי, האָב איך מיט דעם געבראַכט שאָדן דער קאָמונע. מיין פרוו זי

איבערצומאַכן האָט געליטן אַ דורכפאַל. איך דערקלער, אַז זי איז פאַר מיר ניט מער — ניט קיין ווייב, ניט קיין חבר, נאָר אַ שונא אויף טויט און אויף לעבן. איך רײַס מיט איר איבער אויף אייביק. איך דערקלער, אַז איבערלאָזן זי אויף ווייטער אין דער קאָמונע איז אומעגלאַך".

און אָט איז אַן אַנדער דראַמאַטישע געשעעניש. הוליאַקאָ קומט פון זיינע אַגראָנאָמישע קורסן, און ער דערוויסט זיך, אַז לושאַ, זיין פרוי, איז שוואַנגער. זי איז זיך צונויפגעקומען מיט אַן אַנדערן — מיט גרישיאַנאַ. און הגם ער, הו־ליאַקאָ, האָט מיט איר, פאַר זיין אַפּפאַר, אָפּגעמאַכט, אַז, אויב איר האַרץ וועט אַ ציַ־טאָן צו אַ צווייטן, מעג זי טאָן, ווי דאָס האַרץ הייסט זי, — הגם אַזוי, ליידט ער איצט מוראַדיק. ווייל — „אייפערזוכט — דאָס איז אַזאַ עלעמענטאַר געפיל, וואָס מע קען עס בשום אופן גובר זיין". לסוף אָבער איז עס הוליאַקאָ גובר. דורך קאַמף און לאַנגן קאָלעקטיוון לעבן, האָט ער דערצויגן אין זיך אַ נייעם געדאַנקען־גאַנג — אַ געדאַנקען־גאַנג פון אַן אמתן קאָמונאַר.

אָט אַזוי ווערן דורכן מחבר אַנגעוואָרפן אַלץ נייע „שיכטן" פונעם סאָוועטישן לעבן, און מיר דערזעען פאַר זיך אַ נייע, גרויסע, צעצווייגטע און ביז גאָר אינטע־רעסאַנטע וועלט. און פיאָדאָר גלאַדקאָוו דערפירט זי, די דאָזיקע וועלט, צו זון און צו פרייד. די קאָמונע „נייע ערד" לעבט איבער פאַרשיידענע צעטרייסלונגען. אַלץ אָבער ענדיקט זיך ב„כי טוב". עס זיגט דאָס גוטע, דאָס פּאָזיטיווע, דאָס שעפע־רישע, דאָס מענטשישע. אָט ווערט אין דער קאָמונע אַריינגעצויגן עלעקטרע — אַ סימבאָל פונעם נייעם, ליכטיקן לעבן. דערביי ווערט איינגעאָרדנט אַ שמחה, אין וועלכער עס נעמען אַנטייל אַ מאַסע געסט — פון די אַרומיקע דערפער. און אָט וואָס עס שרייבט אַריין האַליאַ, אונטערן איינדרוק פון דער־אַ שמחה, אין איר טאָג־בוך:

— „פאַר מיר זענען געשטאַנען מענטשן, וואָס די וועלט האָט אויפגעפלאַמט אין זייערע נשמות מיט נאָך ביז אַצינד ניט־געזעענע פייערן, און אויף אייביק פאַר־ברענט די נעכט פון זייער לעבן".

1935

אינהאלט:

I

זייט

נייסטע ווערק פון איציק פעפער — 11
עזרא פינינבערגס דיכטונג — 18
גוט געצילטע לידער — 24
לייב קוויטקאָס „גערא̃נגל" — 28
יידיש־סאָוועטישע פרויען־דיכטונג — 31
„טרייהייט" פון ש. ראסין — 36
וועגן דריי דיכטער — 39
„שלום און חוה" — 44
ליטעראַרישע נאָטיצן — 48
סאָוועטישע פיעסן — 53
כוחות — 57
וויכטיקסטע ווערק פון מ. דאניעל — 60
א בלוטיקע כראָניק — 64
דוד בערגלסאָנס „מידת הדין" — 69
ביראָבידזשאן און קאלימא — 73
א. אבטשוקס „הערשל שאמיי" — 76
פּאָלעסיער בלאָטעס — 80
אין יידישן סטעפּ — 84
„אַנדערע מענטשן" — 88
ווער זענען זיי ? — 93
י. פאליקמאנס „ליבע אין פייער" — 98

II

„דער שטילער דאָן" פון מיכאיל שאָלאָכאָוו — 103
אלעקסאַנדער אוודייענקאָס „איך האָב ליב" — 107
ניקאָלאי אָסטראָווסקיס 'ווי שטאָל האָט זיך פארהארטעוועט' 112
„דער וועג אויף קיעוו" — 116
העלדן פון אונזער צייט — 118
ברויט — 121
„קנאה" פון יורי אליאשא — 126
די ירידה פון דער אינטעליגענץ — 131
„דער טאָג דער צווייטער" פון איליא ערענבורג — 135
סאָציאליזם אין דער ווילדערניש — 138
„צייט, פאָרויס!" פון וו. קאטאיעוו — 142
די פלאמיקע קאלכידע — 146
צייטיקע פרוכטן — 151
„נייע ערד" פון פיאָדאָר גלאדקאָוו — 153

אַ האַרציקן דאַנק די פֿאָלגנדיקע פֿריינט, וואָס האָבן געהאָלפֿן אַרויסגעבן דאָס בוך:

ס. און פֿרוי לאַפּיצקי, י. און פֿרוי עליאַסאָף, פֿרוי ס. פּעסנער, עטל בירברייער, רבקה עטינגער, פֿרוי מ. האַלפּערן, קריינדל סמאָלקין, י. בערמאַן, י. בעקער, ס. קאַהאַן, יהודה הירש, ח. דעקעלבוים, ה. קיילעס, ע. און פֿרוי מאַלין, ש. קאָך, י. נעמעראָוו, מ. נעמעראָוו, ב. נאַטורמאַן, ל. ראַסקיעס, נ. רעזניק, פֿרוי מ. שעכטער, משה־לייב, י. שאַפּראַן, ס. טעמקין, ח. טאָלמאַטש, א. הירשביין, א. פֿעלדמאַן, ח. א. מעטאַרלין, ע. ניימאַן, ה. שעכטער, י. סינגער, מ. לויטער, ס. ווינקלער, פֿרוי א. בלומענטאַל, נ. שער און די חברות פֿון דעם אוטרעמאָנטער לייען־קרייז.

אַ באַזונדערן דאַנק דעם געשעצטן קאָלעגע ב. צ. גאָלדבערג — ער האָט מיט פֿיל מיטגעהאָלפֿן, דאָס בוך זאָל דערשיינען.

ד ע ר מ ח ב ר

ווערק פון נ. י. גאָטליב :

בלויע גנאָד (לידער)

גאַנג (לידער)

זעגלען אין זון (לידער)

איבערבוי (נאָוועלע)

נייע לידער

סאָוועטישע שרייבער (עסייען)